STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02756

DERTSEYLUNGEN UN MINIATURN

Elie Kahan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עליע קאהאנ

דערציילונגענ אונ מיניאטורנ

מעלוכע־פארלאג פונ ווײַסרוסלאנד
ייִדסעקטער
מינסק 1932

רעדאקטער — ב ע ר
מיטרעדאקטער — ק א ר פ י נ אָ ו י ט ש

דרוקעריי א. נ. סטאלין

באשטעלונג 2376. טיראזש 2500. גלאווליטבעל 2925.

א הארץ אף ווערטעס

מיישע־כאָניען געווידמעט.

דער ארויספאָר.

הילצערנע טשוועקלעך, אז מע פרעגלט זיי אביסל צו, קלאפן זיי זיך בעסער אריין, אז מע פרעגלט צו מיט א לידל, ארבעט זיך בעסער.

כעוורע שוסטער קלאפן די צוגעפרעגלטע טשוועקלעך אין זויל אריין; אנדערע רייבן מיט גרויס קאוואָנע די וואקס פון אפצאס און מע זינגט זיך — ווער הייך אף א קאָל און ווער עס האָמזעט אונטער דאָס לידל, וואָס מוישקע קאפילאָוו האָט אָפגעדרוקט אין וואנטצייטונג פון קאָלעקטיוו. זי איז געווידמעט דעם פרויען־טאָג, אינגאנצן איז זי וועגן ווייבער:

ניטאָ קיין שוואכע און קיין „גלאוונע“,
ווייבער — פונקט ווי מענער,
ווייבער זיינען „ראוונאָפראוונע“
נאָר אף א נומער קלענער.
אונדזער לאָזונג — אלע ווייבער
זאָלן אין פראָדוקציע זיין
אלע שוסטער האָבן ווייבער
און ווער עס האָט ניט — כאפט אריין!

די לעצטע ווערטער פון דער אגיטקע האָבן זיך טיף פארקליבן צו הענעך פאטשורען אין די אויערן, הענעך פאטשורע איז א שוסטער ווי אלע, נאָר קיין ווייב האָט ער ניט. און קלערן קלערט ער — אז א ווייב באדארף מען טאקע האָבן.

— א פאָר שיך קאָסטן 12 רובל, וואָס איז ווערט איין שוך? — קיין הילצערנעם טשוועקל ניט ווערט, מע מוז האָבן א פאָר.

האָט לעצטנס פאטשורע גענומען טאקע אויסקוקן פאר זיך א מיידל. דער מייסטער האָט דאָס דער ערשטער באמערקט, האָט ער אים געגעבן אן אייצע:

— א ווייב — זאָגט ער — דארף מען בא איצטיקע יאָרן נעמען א פולערע, אף א פאָר נומערן גרעסער, עס זאָל קלעקן בא איר אף אָפקומען, ווייל, אז מע נעמט לעכאטכילע אן ענגן שוך קוועטשט ער.

פאטשורע האָט לאַנג ניט געקליבן. סטאשקע־צוקלײַבערן איז א גאנץ קײַ־לעכדיק מיידל. איז צוליב וואָס ציִען עס ווי א דראטווע?

האָט ער איר דערקלערט זײַן ליבע גאנץ פּאָשעט:

— הער זיך אײַן סטאשקע, האָסט א ליבהאָבער?

— יאָ,—האָט זיך אויסגעפּײַנט סטאשקע.

— א ליבהאָבער האָסטע, קאדאָכעס האָסטע! לאָמיר זיך בעסער דורכגיין, סטאשקעלע, אין זאגס.

און אזוי ווײַטער און ווײַטער. פאטשורע דארף א וואָרט מיטן שפּאנדער ניט שלעפּן.

אין ווארשטאט האָט מען זיך גלײַך דערוווּסט וועגן דער נײַער פּאָר. מיישקע קאפּילאָוו האָט גלײַך אופגעשטעלט א לידל וועגן דעם. פאר פאטשורע— א גראמ „צורע”, נאָר פאר סטאשקען?

אַלע לאַכן אונטער פון פאטשורען, נאָר פאטשורע לאַכט פון אַלעמען.

פאר דער לעצטער צײַט האָט פאטשורע אָנגעהויבן אויסזען כאָסנדיק. די אויגן האָבן בא אים באקומען א גלאנצ פונקט ווי מע וואָלט זיי איבערגע־בערשטלט מיט שוואקס, און די האָר אפן קאָפּ זײַנען געווען צוגעקאמט מיט א געהעריקן שרונט אין מיטן.

ער גייט מיט סטאשקען אין גאָרטן שפּאצירן און האלט איר פּעסט אונ־טערן אָרעם. זיי גייען און קוקן אפּ דער לעוואָנע, און פאטשורע קוויקט זיך:

— אי, סארא שיינע לעוואָנע הײַנט איז!

און די לעוואָנע איז טאקע שיין. און זעט הײַנט אויס ווי א קאלע. רויט און פול ווי סטאשקע.

זיי האָבן זיך פארטיפט אין א געשפּרעך און ניט באמערקט אפילע ווי שווארצע וואָלקנס האָבן פארדעקט די קאלע—לעוואָנע מיט א שווארצן כופּע־דעקטוך (לויטן אלטן שמייגער, וואָרעם גאָט אין הימל וויל ניט וויסן פון קיין נײַעם).

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט אפּ א באנק, פאנאנדערגערעדט זיך, אויסגע־רעדט זיך, און ניט געוווּסט וואָס צו ריידן ווײַטער, איז אָבער ניט גוט צו זיצן און שווײַגן. אָט גייען פארבײַגייער און זיי ריידן קעסיידער. בא זיי וועט זיך, דאכט זיך, קיינמאָל ניט אויסנעמען קיין פּאָדעם צו ריידן.

ער דערמאָנט זיך אָן דער לעוואָנע.

— אי, סארא לעוואָנע הײַנט איז!

סטאשקע האָט א קוק געטאָן אפן הימל. און די פארבײַגייער, וואָס האָבן דאָס געהערט—אויך. שווארצע וואָלקנס אפן הימל. ניטאָ קיין לעוואָנע.

די פארבײַגייער האָבן אים מאָדנע באטראכט און זײַנען ווײַטער אוועק. בא סטאשקען איז אָבער געווען רעכט אזוי אויך.

פּאַטשורעס האַרץ האָט ווערסלעס.

איידער סטאַשקע איז געוועגן פאַטשורעס ווײַב, פלעגט ער זיך אָפט צו־כאַפּן צו איר נאָך דער אַרבעט און שטאַרק אַ קיצל טאָן איר אין זײַט.

זי פלעגט זיך הייך צעהירזשען.

— המ... איך לאַך פון דעם!

איצטער—גייט ער נאָר צו איר צו, נעמט זי יענטשען. וואָס וויל זי, סטאַשקע?...

— זי וויל צוגיין צו איר מאַמען.

— איז ווער לאָזט דיר ניט?

סטאַשקע האָט זיך שוין פון לאַנג געגומענע קלאָגן. זי זאָגט, אַז זי קאָן ניט צוגיין צו איר מאַמען. זי קאָן זיך ניט ווײַזן פאַר אירע אויגן. איר מאַמע איז געווען אַ זאָגערקע, אַ „ווילגעלערנטע" יידענע. איז ניט געווען פון וואָס צו לעבן, האָט זי אָפּגעגעבן סטאַשקען אין אַרבעט, נאָר איצטער, אַז פּאַ־טשורקע האָט זיך „פאַרשריבן" מיט איר טאָכטער און ניט כאַסענע געהאַט, האָט זי איבערגעגעבן דורך אַ צווייטער יידענע:

— זאָגט איר, אַז איר טאָכשיט איז ניט קיין קיסלאָמאָליעצ, מאָג ער מיט איר כאַסליערע האָבן און ביז דאַן וויל איך אירע אויגאַנעס ניט אָנזען... ווי זאָגט מײַן ברודער דער ראָוו...

סטאַשקע איז געווען צוגעבונדן צו איר מאַמען מיט אַ קעלבערנער ליבע. ווי אַ קאַלב, וואָס כאַפּט טאַקע פון אַלץ קעלבערנע היספּײַלעס, נאָר זי מוז פילן דער מאַמען הינטער זיך.

עס זאָל זײַן אָבער אַ כאַסענע—האָט זי ניט געקאָנט אויספירן, ווײַל בײַ פּאַטשורען פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט ווערן מיטאַמאָל אַן אַקשן, און אַז ער האָט אויסגערעדט אַ וואָרט, האָט ער בעשומויפן ניט געוואָלט אָפּטרעטן.

אַזוי איז געווען מיט כאַסענע. ער האָט ניט געוואָלט שטעלן קיין כופּע. מע ווועט דאָך לאַכן פון אים, דער שוסטער־קאָלעקטיוו, די וואַנטצײַטונג...

ער איז אָבער געווען ווי אַ זויל. לעכאַטכילע איז ער האַרט. מע דאַרף אים נאָר אָנווייקן, שמידט ער זיך. נאָך דער כאַסענע איז ער שטענדיק גע־ווען אָנגעווייקט און איז געלעגן בײַ סטאַשקען אין די הענט.

פּאַטשורעס טאַטע—פײַטל פּענכער—איז געווען אַ ייד אַ גאַזלען. ער פלעגט שלאָגן אין וואָס די וועלט שטייט (האָט זיך טאַקע פּאַטשורע געוווּנדערט אין וואָס פאַר אַ טייל האָט מען געגומענע און אוועקגעשטעלט אַ וועלט).

פּאַטשורע האָט געדאַרפט פּינקטלעך אויספילן זײַנע באַפעלן און קאַפּריזן, אַזוי איז ער אויסגעוואָקסן אָן אַן אייגענעם ווילן, און ניט האָבנדיק קיין ווילן האָבן צוויי ווערסלעס געקערעוועט זײַן וואַסערדיק האַרץ. אין איינע—דער שו־סטער־קאָלעקטיוו מיט דער וואַנטצײַטונג, און אין דער צווייטער—סטאַשקע מיט דער מאַמען...

אַן אַנדערש מאָל פֿלעגט ער מעקאַנע זײַן זײַנע כאַווײרים שוסטער־קאָמ־יוגיסטן—באַ זיי איז אַ מאָטאָר אין האַרצן, וואָס אַרבעט גלײַכמעסיק און רודערט.

באַ אים איז אָבער צוויי וועסלעס, און אַף אײנעם סטאַשקע מיט דער מאַ־מען, די טראָגעדיקע סטאַשקע אין די הייכע כאַדאָשים, וואָס האָט גענומען־איצטער אוּרלויב און וואָס לאָזט ניט זײַן וועסלעדיק האַרץ שווימען מיטן שטראָם.

זי האָט איצט פֿאַרפֿירט מיט אים אַ שמועס:

— אַז זי וועט האָבן אַ ייִנגל, וועט זי אים געוויס מאָל זײַן, דאָס וועט זי שוין ניט דערלאָזן.

אַז פּאַטשורע האָט געפּרוווּט זאָגן, אַז ער וועט ניט לאָזן מאַכן אַ בריס האָט סטאַשקע געענטפֿערט אַנטשלאָסן:

— וועל איך אײַנגאַנצן ניט האָבן...

נאָך אַ פּויזע האָט זיך פּאַטשורע אַרויסגעכאַפּט:

— סטאַשקע, קאָנסט דאָך נאָר האָבן אַ מיידל!

סטאַשקע האָט זיך אַ וויש געטאָן די אויגן:

— נו, טאַקע...

פּאַטשורע האָט זיך פֿאַרקלערט. גוט איז צו האָבן אַ ייִנגל. אָבער ניין, אַזאַ פֿאַרדרייעניש וועט זײַן, זאָל שוין בעסער זײַן אַ מיידל, בעסער זאָל אַראָפּ פֿון דער מאָס, מיט אַ נומער קלענער, און עס ווערט אַ מיידל!

דעם אָוונט, וואָס סטאַשקע האָט געדאַרפֿט האָבן, האָט פּאַטשורע ניט גע־קאָנט אײַנזיצן אינדערהיים. ער איז געזעסן אין קלוב, געשפּילט אין דאָמינאָ און געקלערט וואָס פֿאַר אַ פּאַטשורקעלע וועט זיך עס ווײַזן: אַ ייִנגל צי אַ מיידל? וואָלט ער זיך פֿריִער פֿאַרטראַכט, אַז סטאַשקעלע וועט מאַכן אַ טומל, וואָלט ער גאָרניט דערלאָזן דערצו, וואָלט ער גאָר די „באַשטעלונג" ניט גע־מאַכט, אָבער איצט איז פֿאַרפֿאַלן...

און קומענדיק אַהיים האָט ער האַסטיק געעפֿנט די טיר און האַסטיק גע־פֿרעגט:

— אַ ייִנגל, צי אַ מיידל?

— אַ ייִנגל!—האָט מען אים אָפּגעבאָמבעט.

געהאַט אַ ליאַלקע אַ ייִנגעלע, אַ ייִנגעלע מיט צוויי בעקעלעך. סטאַשקע האָט זיך אָנגעלייגט אַף איר וועסלע, און סטאַשקעס וועסלע האָט פֿאַרקערע־וועט פּאַטשורעס האַרץ. ער האָט נאָכגעגעבן, ווײַל ער האָט ניט געקענט זיך קעגנשטעלן, דורכגעווייקט האָט זיך דער לעדער פֿון זײַן האַרץ, האָבן זיי גע־מאַכט אַ באַראַטונג און באַשטימט:

— מאָרגן, דינסטיק, מאַכן אַ הוליאַנקע פֿאַרן קאָלעקטיוו, און דערנאָך, בעסאָד, אַ בריס...

פריילעכ, לעבעדיק, טרינקענ מיר ביר.

בא פאטשורענ איז הייַנט פריילעכ, ווייַל כעוורע שוסטער קאָנ זייַנ פריי־לעכ, ווייַל א נעשאָמע איז דאָ איינע, א פילפיסיקע נעשאָמע—אפ הילצערנע טשוועקלעכ געקלאפטע. אונ זי איז צאפלדיק—באוועגלעכ, זי איז מיט וואקס באשמירט!

איינער איז דאָ נאָר ניט קיינ שוסטער, נויעך באנדורע, וואָס שפילט גאָר אפ א פידל. ער ציט דעמ סמיק. דאכט זיכ, ניט שווער—אונ קרימט אזוי דעמ פאָנעמ—דאכט זיכ זייער שווער—טאקע שווער!

נאָר די איינ נעשאָמע זינגט מיט פארשיידענע קוילעס, אונ יעדער קאָל האָט זייַנ פארב אונ יעדער פארב האָט איר גלאנצ.

כעוורע שוסטער שרייַענ, זינגענ:

איינ בוטל ביר,
צוויי בוטל ביר,
צוויי בוטל־בוטל בי־בי־ר,
פריילעכ, לעבעדיק, טרינקענ מיר ביר!

יאשקע, דער פאָרשטייער פונ קולטקאָמ באמ קאָלעקטיוו, האָט צוגעגרייט א גרויסע רעדע וועגנ נייַעמ שטייגער, וועגנ דעמ קליינעמ פאטשורקעלע אונ נאָכ אונ נאָכ. ער האָט געוואָלט זאָגנ, אז פאטשורע האָט זייער א גרויסע זאכ אופגעטאָנ, ברענגענדיק אפ דער וועלט א נייַעמ קעמפער, נאָר אינ קאָפ זייַנענ געוויס פאראנ קליינע לעכעלעכ מיט דינע אָלנ דורכגעשטאָכענע. אלע געדאנקענ זייַנענ דורכגעפלאָסנ דורכ זיי.

באנדורע שפילט, אונ מיישקע קאפילאָוו זינגט דאָס ספעציעל אָנגעשרי־בענע לידל לעקאָוועד דעמ קליינעמ פאטשורקעלע מיט זייַנ גרויסנ קאָפ:

עכ, פאטשורע, אוי פאטשורע,
טשורא־טשורא־טשורא־רא
האָט געוויזנ גרויסע גוורע,
טשורא־טשורא־טשורא־רא...

פארומערט איז נאָר פאטשורע אליינ, אימ שטייט פאָר א פארדרייעניש, א בריס. אונ ווייַל באנדורע איז א קלעזמער אונ דערצו נאָכ א קאָרעוו, איז ער צוגעגאנגענ צו אימ אונ ארייַנגערוימט אימ אינ אויער ארייַנ.

ער האָט אימ אייַנגעלאדנ אפנ בריס.

באנדורע האָט זיכ צעגאָסנ אינ א שמייכל אונ האָט אונטערגענאָזט:

— כ׳וועל קומענ... ווי זשע...

באנדורע שפילט וויַיטער אונ הייסט פריילעכ זייַנ, ווייַל—זאָגט ער—בא הייַנטיקע צייַטנ האָט מענ ניט קיינ יאטל אלע צוויי וואָכנ, דאָס וועט עפשער זייַנ, אז די פראָדוקציע וועט זיכ הייבנ!..

סטאשקע האָט געהאַט א מאַמען, און די מאַמע האָט געהאַט א ברודער— א ראָוו, ס'איז טאַקע דערזעלבער ברודער, וואָס סטאַשקעס מאַמע דערמאָנט אים זייער אָפט: ווי זאָגט מײַן ברודער—דער ראָוו.

און צו אָט דעם פעטער איז סטאַשקע געקומען אײַנצולאַדן אים אויפן ברית. אַז זי איז אַרײַן אין צימער, האָט זי אים געטראָפן מיט א פּאָר ייִנגלעך, וואָס דאַרפן, קאָנטיק, לערנען מיט אים—נאָר זיי האָבן זיך גאָר געשלאָגן. דער ראָוו איז זיך געשטאַנען גאָר אָנאַזײַט און האָט געמוזט טראַכטן דעם געוויסן פּעדאַגאָגישן געדאַנק: „איך, קינדערלעך, האָב קיין קויעך אײַך ניט צו שלאָגן און ווערט זײַן—זײַט איר ווערט, טאָ שלאָגט־זשע איינע די אַנדערע".

סטאַשקע האָט אים שטיל דערציילט וועגן איר געווינען און פאַרבעטן אים צו זיך אויפן ברית.

דער ראָוו האָט זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט מיט א דרײַעדיקן, זעלבסטצופרידענעם שמייכל, א דרײַענדיקער, ווײַל ערשטנס האָבן זיך זײַנע ליפּן אויסגעשאָלשעלעסט אין א דרײַ, און, צווייטנס, האָבן אויסער אים אויך געשמייכלט אין די אויגן נאָך צוויי מענטשעלעך:

— און אויף דער כאַסענע האָט איר מיך גערופן?

און סטאַשקע האָט אים, נעבעך, ווײַטער גענומען דערציילן פון אָנהייב, אַז אַזוי און אַזוי, אַז קיין כאַסענע איז ניט געווען, אַז דער מאַן, זאָל געזונט זײַן, האָט זיך פאַראַקשנט, כאָטש קיין קאָמיוגיסט איז ער ניט.

דער ראָוו האָט אָנגעשאָטן טאַבעק אין נאָז און האָט אָנגעצויגן צווישן די וואָנצן א שנירל פון אַן אַלטן שמייכל.

— מאָנעפּשעך, ווילט איר מאַכן א ברית, מאַכט א כאַסענע אויך, אָבער, אַז קיין כאַסענע ניט, איז צוליב וואָס איז א ברית? ווילט איר אָבער מאַכן א ברית, מאַכט א כאַסענע אויך.

סטאַשקע האָט געהערט און געשוויגן. א נײַע פאַרדרייעניש. זי האָט נאָר געזאָגט, אַז פאָטשורע וועט ניט וועלן פאָלגן.

דער ראָוו האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעשמייכלט מיט זײַן כיטרן שמייכעלע:

— דאָס פאַרלאָזט זיך שוין אויף מיר, איך וועל שוין זען, אַז מע זאָל זאָגן דעם מויעל ער זאָל ניט מאַל זײַן איידער מע וועט שטעלן א כופּע.

און אַזוי איז ער געבליבן שטיין מיט זײַן פאַרגליווערטן שמייכעלע.

און צו סטאַשקען האָט ער דערנאָך געזאָגט:

— כ'וועל קומען צו אײַך, פאַרוואָס זאָל איך ניט קומען, א סודאַס־מיצווע, געוויס וועל איך קומען... און דערצו... איר וועט דאָך מיך געוויס ניט קריוודען...

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט און אַרײַנגערוקט די הענט אין די קעשענעס אַזוי, אַז די קעשענעס האָבן זיך אויך צעשמייכלט.

סטאַשקע האָט, אָפּקערנדיק דעם קאָפּ, אים אַרײַנגעשטעקט א מאַטבייע אין האַנט·

שפעט איז אפמאָרגנ געשלאָפנ יאשקע פונ קולטקאָם, נאָר אופכאפנ זיכ האָט ער געמוזט, ווײַל די זונענ-שטראלנ האָבנ געשטאָכנ פונקט ווי כאזוער-האָר. אופכאפנדיק, האָט ער זיכ דערמאָנט, אז ער האָט זײַנ רעדע אפ דער הוליאנקע ניט געהאלטנ... פונ גרויס סימכע פארגעסנ... יאָ, פונ סימכע פארגעסט מענ אלצ.

יאָ... וואָס האָט מענ נאָכ פארגעסנ?—מאטאָנעס! מאטאָנעס דעמ קלײנעמ פאטשורקעלע! האיטאָכנ ניט צוטראָגנ מאטאָנעס בא אזא פאל?

אינ ווארשטאט האָט זיכ יאשקע צענויפגערעדט מיט די שוסטער אונ איז געקומענ צו אנ אויספיר, אז מאטאָנעס איז ניט קײנ „דרינגנדיקע באשטעלונג“ אונ מע פארשפעטיקט עס קײנמאָל ניט. א מאטאָנע האָט מענ צוגעקלערט זײער א גוטע אונ א שײנע (אונ ניט קײנ טײַערע). מע וועט אימ צוטראָגנ, דעמ קלײנעמ פאטשורקעלע, א ביכעלע, אז ער איז א מיטגליד פונ פארײנ.

בא שוסטער ווערנ קײנ אײַזערנע טשוועקלעכ קײנמאָל ניט פארפאלנ. מיטנ מאגניט קלײַבט מענ זײ שטענדיק צונויפ. אנטקעגנ וואָס זאָג איכ דאָס, אנטקעגנ דעמ, וואָס א רעדע ווערט קײנמאָל ניט פארפאלנ. יאשקע וועט נאָכ זײַנ דראָשע האלטנ.

בריס—כאסענע—געט.

ווענ דער ראָוו מיטנ מויעל זײַנענ געקומענ, איז געווענ שוינ א מיניענ. פאטשורע האָט גלײַכ צוגעטראָגנ דעמ קינד צומ מויעל:

— רעבע, שנײַדט!

נאָר דער ראָוו האָט זיכ ניט געײַלט, ער האָט זיכ געשושקעט מיטנ מויעל.

— וואָס אײַלט איר זיכ, יונגער מאנ?... מאזלטאָוו אײַכ, איר זײַט געבענטשט געוואָרנ מיט א בענזאָכער, זאָל געזונט זײַנ...—ער מאכט זײַנ כיטרע מינע.—נאָכ וויפלטנ כוידעש איז עס? איר וועט אזוי גוט זײַנ ווײַזנ מיר די קסובע.

— וואָסער קסובע, רעבע?... דאָס איז דאָכ ניט קײנ כאסענע... מע דארפ דאָ שנײַדנ, מאכנ א בריס...

— אָבער—דרײדלט דער ראָוו זײַנ כיטרנ שמײכל—מיר דארפנ וויסנ וועגנ דער כאסענע, דאָס האָט א שײַכעס צומ איניענ...

— וואָס איז שײַעכ אײנס צומ אנדערנ—זאָגט פאטשורע—דאָס האָט א שײַכעס ווי א פולעוו ראנט צו א קינדערשנ שוכ, ווי הילצערנע אפצאסנ צו לאפטיעס... ווי...

פאטשורע וואָלט נאָכ אסאכ אָנגערעדט, וואָרעמ אונדזער פאָלק שוסטער איז ווי א שוכ, נעמט ער דורכנעצנ—נעצט ער...

נאָר דער ראָוו האָט א שטארקנ נאָס געטאָנ. א גאנצער זײַל טאבעק איז ארויסגעפלויגנ פונ זײַנ נאָז, אונ זײַנ דײעכ איז אזש דערלאָפנ צו פאטשורעס

באַז. איז פּאַטשורע עפּעס מעוווּלוול געוואָרן. דער ראָוו האָט א בורטשע גע־טאָן דעם מויעל אין אויער אַרײַן און אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל:

— פאר דער כאַסענע קאָן מען קיין בריס ניט מאַכן. מע דאַרף שטעלן כופּע.

פּאַטשורע האָט אַלץ ניט געקאָנט באַנעמען—וואָס איז שײַעך איינס צום אַנדערן? ער האָט זיך פאַנאַנדערגעשריִען:

— רעבע, מע הייסט אײַך שנײַדן, שנײַדט, ניט אײַער אייסעק, ניט אײַך קוועטשט דער שוך...

שטיל... עס הערט זיך נאָר ווי סטאַשקע וויינט. ווײַל בא איר, סטאַשקען, איז עס רעכט די מינוט. איר אַרט ניט, וואָס די וואַנטצײַטונג וועט שרײַבן.

פּאַטשורע איז געשטאַנען מיט א פאַרשטיינערטן פּאָנעם.

— א הילצערנעם טשוועקל—האָט ער געקלערט—פאַרקלאַפּט מען מיט צוויי קלעפּ. אַפּריִער א גרעסערן, דערנאָך א קלענערן. מיט אים האָט אויך אַזוי גע־טראָפן. צוויי קלעפּ, נאָר דער צווייטער, דער איצטיקער, איז א שטאַרקערער. די קלעפּ האָבן געטראָפן אין האַרצן, דאָרטן האָט געהאַמערט.

ער איז פאַרפאָרן אַזנמיטן יאַם מיט זײַנע וועסלעס און איצט ווייס ער ניט וווהין צו קערן זיך.

א ווינט איז פאַרלאָפן אין האַרצן, און דער ווינט האָט אים פאַרשמיסן. געשען איז עס מיטאַמאָל, ווי א גוואַלד־ריס. האָט ער גוואַלדריסיק אויסגע־שריִען:

— רעבע, צעשטעלט די פלאָקנס, נאָר אַפּגיכ!...

באַנדורע איז אויך דאָ מיט זײַנעם א יאַטל. ער שיקט אים אַוועק אין שול נאָך דער כופּע, און אַליין לאַכט ער.

מע האָט געבראַכט פון שול די פלאָקנס, מע האָט פּאַטשורען אונטערגע־שטופּט אונטער דער כופּע, און דער ראָוו זאָגט אונטער:

— האַריי... אַט...

פּאַטשורע שטעקט אונטער דער כופּע סטאַשקען דעם זילבערנעם האַלבן רובל און ברומט אונטער:

— פאַרליר עס נאָר ניט!

— פאַראַן א צובראָכענע טעלער?... ברעכט! קלאַפּט! עס הערט זיך א טע־לער־געשריי. צעקלאַפּט די טעלער... נאָר וואָס קלאַפּט עס ווײַטער?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס האָט די טיר אָנגעקלאַפּט. יאַשקע מיט דער דעלעגאַציע איז דאָ. דאָס ביכעלע אין האַנט און די רעדע אַפן שפּיץ צונג. פּאַטשורע איז ווי מיט טאַלקע באַשאָטן געוואָרן. שטיל, פּויזע. דער ראָוו מיטן מויעל זעען נאָר אויס ווי קעלבער פאַר דער שכיטע. זיי זעען אויס ווי גאָר איבעריק, און עס דוכט, אַז דער מויעל כאַלעשט אַרײַנשטעקן זײַנע אויגן אין מעסער־שיידל. די געסט זעען אויך נאַריש אויס, ווי די לעוואָנע אין א לעוואָנע־נאַכט. און באַנדורע לאַכט.

סטאשקע האָט אָנגעשטעלט אירע אויגן אפֿן פּופּיקל פֿון קליינעם פּאטשור־קעלע און מער ווי אים האָט זי ניט געזען.

און פּאטשורע? ער האָט איינגאנצן אראָפּגעלאָזן די אויגן און ווי טשוועקעס האָט ער זיי ארײַנגעקלאפּט אין דיל. א גרויסן ווינט, א גרויסן שטורעם־ווינט האָט געבראכט מיט זיך יאשקע און ער האָט אינגאנצן צעשמעטערט די וועסלעס.

דער ערשטער האָט געעפֿנט זײַן מויל יאשקע. ער האָט באוויזן זײַן שפּיץ צונג. אָבער פֿון אים איז ניט אראָפּגעפֿאלן די צוגעגרייטע רעדע. לעכאטשילע איז דער צונג געבליבן שטעקן אין אָפֿענעם מויל, א צענויפֿגעדרייטער ווי א רויטער פֿראגע־צייכן, דערנאָך האָט זיך דער צונג אויסגעצויגן ווי א רויטער אויסרוף־צייכן, און גאָר אן אנדער רעדע האָט זיך אראָפּגעגליטשט פֿון זײַן צונג.

ער האָט אפֿ קיינעם ניט געקוקט און גערעדט אָפּגעהאקט, ער האָט גערעדט וועגן קליינבירגערלעכקײַט, וועגן אלטן שטייגער, וועגן נאָך און נאָך, און וועגן דעם, אז עס ווײַזט זיך ארויס, אז פּאטשורע איז א שעדלעכער עלעמענט און קעגן אזעלכע מוז מען קעמפֿן.

פּאטשורע האָט זיך דערווײַל אביסל אויסגעטשוכעט, ער האָט דערפֿילט זײַן אָנמעכטיקײַט און די נויטיקײַט, אז ער מוז זיך אָן עפּעס אָנכאפּן.

ער האָט גענומען שרײַען ניט מיט זײַן קאָל:

— דאָס איז זי שולדיק, סטאשקע!.. איך האָב ניט געוואָלט מאכן א בריס... זי!... דאָס האָט זי מיט גוואלד געמאכט!

פּאטשורע האָט זיך נאָך מער פֿאנאנדערגעשריִען:

— זי! זי! אלץ זי! איך וויל ניט, כ׳ יאשקע, איך וויל מיט איר ניט לעבן, אוועקווארפֿן וועל איך זי!... איך קאָן מיט איר ניט לעבן.

נאָר יאשקע האָט ניט געהערט, ער האָט געטײַנעט, אז פּאטשורע איז שולדיק, אז דער קאפּול ליגט זיך ארײַן אין שוך און ניט דער שוך אין קאפּול. סטאשקע איז א קאפּול... אן אומבאוווסטזיניקער עלעמענט...

פּאטשורע האָט זיך נאָך מער פֿאנאנדערגעשריִען:

— ניין! ניין! איך וויל ניט! איך זאָג זיך פֿון איר אָפּ...

יאשקע האָט פֿעסט געכאזערט:

— דו בינסט שולדיק! דו! דו!

ניטאָ קיין וועסלעס בא פּאטשורען, א הארץ אָן וועסלעס—קלאפּט זיך עס אָן די ברעגן, קאָן מען וויסן ווהין וועט עס צושווימען?

פּאטשורע איז האסטיק צוגעלאָפֿן צום ראָוו:

— רעבע, הערט זיך אײַן. רעבע, שרײַבט אפּגיך א געט!

באנדורע האָט זיך געקאטשעט פֿון געלעכטער:

— בריס—כאסענע—געט...

דער ראָוו האָט זיך געקווענקלט:

— לאָזט אפּריִער מעסאדער־קדושן זײַן...

— דערנאָך,—שרײַט פּאטשורע,—שרײַבט אפּגיך א געט!

די ליימענע קאלע

I

אָט צו וואָס עס האָט זיך דערטראכט העסל פרעס—דער געוועזענער שנײַדער.

— איצט האָט ער שוין ניט וואָס צו טאָן אין דער ארמיי. ער קאָן גיין אהיים.

אין יענע אײַזן־הייסע טעג איז געווען נאָר האסטיקע מאשין־ארבעט. די רעוואָליוציע, די גרויסע פּוס האָט געדרייט די מאשין. און טעג זײַנען געפלויגן, ווי נאָדל־שטעפּ, האסטיק איינער נאָכן צווייטן. און גוט איז געווען צו פליען מיט די נאָדל־שטעפּ, גוט איז געווען צו שטיין בא דער מאשין!

און איצט?... איצט דארף מען ברענגען אלץ אין אָרדענונג: מע דארף אײַנייען די קנעפּלעך. מוז מען דען שטיין הארט בא דער מאשין? נייען קנעפּלעך קאָן מען אומעטום.

נאָכן בירגער־קריג איז ער נאָך אפּ א פּאָר יאָר געבליבן אין דער ארמיי, ס׳קאָן זײַן, אז די טעג וועלן ווידער נעמען פליען, ווי נאָדל־שטעפּ... ער האָט אָבער געזען אין די צײַטונגען טאָג צו טאָג אלץ מער ציפערן און ציפערן, געצויגן האָבן זיך ציפערן איינע נאָך די אנדערע אין א לאנגער ריי, ווי אין א סאנטימעטער. האָט ער גענומען זײַן קלומעק אפּ זיך און באשלאָסן גיין אהיים אויך ציִען דעם סאנטימעטער.

אהיים—צו זיך אפן גרויסן יידישן הויף. א יידישער—ווײַל, ערשטנס, איז אפן הויף קיין איין הונט ניטאָ. צווייטנס, איז זומער־צײַט דער גאנצער הויף געווען פארזעצט מיט קינדער־קעפּלעך אזוי געדיכט, אז ערטערווײַז איז געווען שווער דורכצוגיין. און דריטנס האָבן טאקע אפן הויף געוווינט 40 יידישע שכיינים, און דעם איינציקן ניט־יידישן שאָכן—טימאָכען דעם שוסטער—האָט מען אויך פארייִדישט. און מע רופט אים: „איטשע־מאָך".

באזעצט האָט ער זיך אין א צימער באם באלעבאָס דיוואנטשיק, וואָס איז פאר דער צײַט מעגולגל געוואָרן פון א סויכער אין א ספּעקוליאנט, און פון א ספּעקוליאנט אין א נעפּמאן—און וואָס ווארט פון טאָג צו טאָג אפּ טיקן.

אין צימער האָט ער ערשט אויסגעצויגן זיינע הענט, און דערפילט, ווי עס שווימען אין זיי שטיקער קויעך, און זיי זײַנען פונקט ווי אָנגעשטײַפטע

פּרוזשינעס, און אים דוכט זיכ, אז אַט די הענט, די שטאַרקע הענט, זײַנענ נאָר פאַרסטריגעוועט געוואָרנ, און אז אַט־אַט פּלאַצנ זײ.

און צום האַלדז גײט זיכ עפּעס א הײב. עס כלינעט זיכ עפּעס. דאָס ווײס ער ניט קלאָר, וואָס דאָס איז. און עפּשער... ער מוז וויסנ וואָס דאָס איז, נאָר ער ווײס ניט ווי צו נעמענ עס איבער די ליפּנ... דאָס איז יאָרנלאַנג געזאַמלטע ענערגיע פונ זײדעס, עלטערזײדעס און נאָכ ווײַטער, וואָס האָבנ גאַנצע לעבנס אָפּגעשוויגנ מיט פאַרבײטע מײַלער, און וואָס זעלטנ, זעלטנ אָפּ א פּאָר טעג אינ יאָר פלעגנ זײ עפענענ א מויל. און איצט, בא העסלענ, איזדאָס מײל אָפּנ א גאַנצ יאָר און ס׳שטראָמט ארויס דער דוירעסלאַנגער שטראָם. קומט ער אהײם שלאָפנ, נורעט ער אײַנ דעם קאָפּ אינ קישנ און פאַרשפּיליעט מיט די צײנער דעם מויל. מע האָט לאַנג געשוויגנ... און איצט?... איצט רעדט העסל פרעס אפילע פונ שלאָפ. ער פאַרשטײַפט דאָס מויל, און ציטערט ער זאָל כאָטש באנאַכט זיכ ניט ארויסכאַפּנ מיט א שטאַרק רוסיש וואָרט.

און אָפּ יענער זײַט וואַנט שלאָפנ דאָכ מענטשנ, און אָפּ יענער זײַט וואַנט שלאָפט דאָכ ציפּקע. און ער האָט מוירע, אז ציפּקע זאָל כאָטש קײנ שלעכט וואָרט פונ אים ניט דערהערנ.

ציפּקע ווײנט בא דיוואַנטשיקנ און טוט בא אים אלצ אינ שטוב. און דיוואַנטשיק זאָגט, אז זי איז זײַנע א קרויווע. צאָלט ער ניט פאַר איר קײנ סטראַכיר־געלט...

א מײדל—א פּאַסאָנ. ווי מע וואָלט זי פונ א זשורנאַל ארויסגענומענ. אנ אויסגעלײגטער פּענעמל, אויסגעלײגטע בעקלעכ, און אויגנ ווי די הימלענ, זײ האָבנ ניט קײנ דעק.

און פרעס איז אָפּדערופּ א מײווּנ. ניטאָ וואָס צו לײקענענ, פרעסנ געפעלט זי, די מײדל.

דערזעט ער זי פונדערווײַטנ, מוז ער איר אונטערזינגענ:

„דײַנ מי נע, דײַנ טאַליע, דײַנ גאַנצער פּאַסאָנ״...

און זי מאַכט זיכ נאָר, אז זי אנטלויפט. זי פאַלט סאָפּקאָלסאָפּ ארײַנ צו אים אינ די הענט, און ס׳איז ניט צו דערקענענ, אז זי האָט זיכ אלײנ ארײַנ־געוואָרפנ.

און א מאָדנע טעווע האָט ער—פונ דעם ווײל אים ציפּקע אָפּגעווינענ. ער, העסל, מוז איר פונ גרויס היספּײַלעס אָפּבענטשנ מיט א שנײַדערשער בראָכע:

— עכ, ציפּקעלע, א קלאָג דיר אינ טאַליע!

און ציפּקעלע אנטלויפט ניט פונ העסלענ, וואָרעם העסל איז שוינ גאָרניט אזוי העסלעכ. אדעראַבע, ערשטנס, גײט אים צו אסאַכ כײנ דער אָרדענ פונ דער רויטער פאָנ אָפּנ ברוסט, און, צווײטנס, איז איר גלאַט געפעלנ זײַנ

בערישער גאנג, ווי ער גייט און קוליעט זיך, פּאָלקע הער און פּאָלקע הין. ניטאָ קיין גלייַכגעוויכט אין זייַנע פּלייצעס.

דאָס קוליעט אים געוויס דער אינעווייניקסטער שטראָם.

און זי, ציפּקע, נעמט אים לערנען ווי צו גיין גלייַך.

— אפּריער, זאָגט זי, דאַרף מען שטעלן איין פוס און דערנאָך די צווייטע, וואָרעם, זאָגט זי, א פערד האָט פיר פיס און ער פּלאָנטערט אויך ניט.

אן אפּרעל־טאָג איז דאן געווען. און ס'האָבן זיך געפילט אלע צייַטן פון יאָר. עס האָט נאָך אָפּגעשייַנט מיט פּערלמוטער דער ווינטערדיקער שניי און־טערן שייַן פון א קימאַט־זומערדיקער זון, און ס'האָבן זיך געשטעפּט פון די דעכער פּרילינג־קאָסעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגערעגנבויגנט אונטערן פייַער פון דער זון, און דעם פייַער האָט אונטערגעבלאָזן א הארבסטיקער ווינטל.

א כיעס איז געווען צו פילן אין זיך אלע צייַטן פון יאָר. און העסל מיט ציפּקען זייַנען געזעסן אין הויף אף די קלעצער, מיט פולע מייַלער געטרונקען די זוניקע לופט, אָנגענומען אין זיך אסאך זון, און זי האָט גענומען אויך פון אינעווייניק ווארעמען און לייַכטן, און ארויסגעלאָזן די ווארעמקייַט דורכן מויל, און די ליכט דורך די אויגן. גוט איז צו פילן אין זיך אלע צייַטן פון יאָר. און זי, ציפּקע, האָט גענומען אף זיך אן ארבעט: אָפּגעווינען אים פון זייַן בראָכע: „א קלאָג דיר אין טאליע”.

— פע,—האָט זי אים געמוסערט,—ס'איז ניט שיין.

ער האָט אפּצולאָכעס געכאַזערט זייַן בראָכע, און זי האָט פארקרימט איר פּענימל, זי איז ברויגעז.

— מע טאָר אזוי ניט זאָגן,—האָט זי אויסגעקרימט פון איר מייַלכל.

ביז זי נעמט דראָען מיט א פּאטש. און אף דערוף ווארט ער די גאנצע צייַט. ער האָט ליב אירע פּעטש. און עס לאָזט זיך אראָפּ א פּאטש קימאט אָן א קלונג.

נאָר באלד האָט געגעבן א רודער, פּונקט ווי טויזנטער ניי־מאשינען וואָלטן פארקלאפּן מיטאמאָל, און פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך אייגנציקווייַס אָפּגעשטעלט.

וואָס האָט עס פארודערט אזוי? ניין, ס'איז ניט קיין ווידערקאָל פון ציפּ־קעלעס פּאטש.

העסל האָט זיך אופגעכאפּט און צוגעלאָפן צום צווייטן זייַט הויף זען, וואָס האָט עס געגעבן אזא רודער. ער איז צוגעלאָפן און האָט געזען:

עס איז אייַנגעפאלן די גרויסע דרייַשטאָקיקע מויערנע וואנט, וואָס שטייט לעבן גרויסן מויער, און וואָס טיילט אָפּ דעם מויער פון שכיינעסדיקן.

אלע קינדער־קעפּלעך האָבן זיך איצט איבערגעזעצט אהער, שכיינים און שכיינעס זייַנען זיך אופגעלאָפן, ווייַבער מיט פארסאזשעטע פּענעמער פון אויוון, מיט פארבלוטיקטע פארטעכער און מיט פעדערן אין קאָפּ.

נאָכעם דער געלער האָט זיך געכקירעט פאר א רעדל שכיינים.

— ווי לײַדט עס עפּעס א מויער אפּ געפּאליקע? אָט א מענטש פאַרשטיי איך, אָדער מע פאַרטשעפּעט אים, אָדער מע פאַרטשעפּעט זיך אליין. אָבער ווי פאלט עס אײַן א מויער?...

אן עלטערער יידל האָט געגעבן צו פאַרשטיין.

— דיוואַנטשיק וועט דאָך קיין גוטן פונדאַמענט ניט געבן... ער איז געשטאַנען אפּאָנעם אפּ הינערשע פיסלעך.

און איינע א קליינע קעפּעלע—פּעטעכל—רופן זי די קינדער—האָט זיך געוווּנדערט און נאָכגעפרעגט זיך בא אן עלטערן ברודערל.

— ווי שטייט עס א מויער אפּ הינערשע פיסלעך?...

און דער ברודערל ווייס שוין אלץ, ער גייט שוין אין פינפטן קלאַס.

— הינערשע פיסלעך?—זאָגט ער איבער—דאָס מיינט מען... אין געגדזונפיסלעך... ס'רעדט זיך אזוי...

און די קליינינקע פאַרשטייט ערשט ניט, ווי שטייט עס א מויער אפּ הינערשע פיסלעך, אין געגדזונפיסלעך.

און דיוואַנטשיק לויפט א פאַרסאָפּעטער און כאַפּט אונטער.

— וואָס אײַנגעפאלן?... גאָט איז מיט אײַך! ווי פאלט עס טאַקע אײַן א מויער?... דאָס האָט זיך געוויס דער אויבערשטער „סלוי” א טרייסל געטאָן... ווי עס טרייסלט זיך אין קרימ...

און די קליינע קעפּעלע פאַרשטייט אלץ ניט. איז אויסער פיסלעך שטייט נאָך דער מויער אפּ א „סלוי”?...

און שכיינים האָבן אלץ געטומלט: סטײַטש, ווי פאלט עס אײַן א מויערנע וואַנט?...

ביז מע האָט דערעט זיך: מע האָט אויסגעטיילט א הויף-קאָמיסיע מיט העסלען בעראָש אפּ אויספאָרשן די געשעעניש.

פאָרשן האָט מען קיין סאך ניט געדאַרפט. גאָר איניגיכן האָט העסל אופגעהאַנגען א מעלדונג וועגן א הויף-פאַרזאַמלונג. העסל האָט געקלונגען מיטן גלעקל. נאָר ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. ס'איז ניט קיין פאַריין-פאַרזאַמלונג. מע קאָן זיך דאָ פאַרגינען ריידן אלע מיטאַמאָל. ערשטנס איז פריילעכער, און צווייטנס איז עס גיכער. עלע וואָס? מע הערט ניט וואָס מע רעדט? ס'איז א ליגן! יעדער ייִד האָט דאָך א באַזונדער קאָל.

ער האָט לאַנג געקלונגען מיטן גלעקל ביז ער האָט אײַנגעשטילט דעם אוילעם און ער האָט גענומען ריידן. ער האָט דערציילט, אז אײַנגעפאלן איז די וואַנט, ווײַל זי האָט אונטערגעפוילט, און אונטערגעפוילט האָט זי, ווײַל לעבן וואַנט איז געשטאַנען דער אָפּטרעט. האָט דיוואַנטשיק געוואָלט „רעזשימעווען” מיט עקאָנאָמיע, האָט ער אויסגעגראָבן אין די פוסטע פאַרשלאָסענע שטאלן, וואָס צווישן וואַנט און אָפּטרעט, א טיפע גרוב, וווהין ס'פלעגן אָפּציען די אומריינקייטן. אן אווײַרע,—זאָגט ער, דיוואַנטשיק,—געלט אפּ „אַטשיסטקע”.

און האָט דערציילט ווײַטער, אַז דער גרויסער מויער איז אויך אָנגערירט, און דערצו שטייט ער נאָך פון מיילער סאַבעצקעס יאָרן אָן, און ער פאָדערט א קאַפּיטאַלן רעמאָנט. מע דאַרף אים אינגאַנצן איבערניצעווען.

און א כאָוער, א פאַרשטייער פון וווינונג־קאָאָפּעראַציע, האָט גערעט און געזאָגט, אַז דיוואַנטשיק ניט ער קאָן און ניט ער וועט געבן אזא רעמאָנט, און אַז דער הויף גייט איבער אין וווינונג־קאָאָפּעראַציע.

דיוואַנטשיק האָט גענומען א וואָרט:

— אַז איר ווייסט דאָך אַליין!... א מענטש בין איך בעטעווע א ווייכער, נאָר טויזנט מאָל ווייך, אַז ס'איז קיין האַרטער גראָשן ניטאָ... דערווײַל איז ניטאָ מיט וואָס צו מאַכן... מע דאַרף אביסל אָפּוואַרטן, עפּשער וועט שטײַפער ווערן. !

און גערעט האָט אויך דער שוסטער „איטשע־מאָכ" (טימאָכע).

— דער מויער בעט עסן... מיט א מויער שפּילט מען זיך ניט. דאָס איז נאָר א שוך, אַז ער קוועטשט, הערט מען אים אין פּיאַטע. א מויער טאָר מען אָבער אַזוי ניט לאָזן... נישקאָשע, באַלעבאָס, וואָס אַרט אײַך?... מע וועט עפּשער אײַך אויך געבן א דירע...

דער הויף איז אריבער אין וווינונג־קאָאָפּעראַציע.

פון הויפּט־פאַרוואַלטונג האָט מען באַשטימט העסל פרעסן פאַר א פאַרוואַלטער איבערן גרויסן הויף. יענעם טאָג האָט העסל נאָכאַמאָל אויסגעצויגן זײַנע הענט. איצטער האָט ער וווהין זיי לייגן צו. יענעם טאָג האָט העסל געוואָלט צעקושן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געטראָפן אַף זײַן וועג, די קינדערקעפּלעך, דעם מויער, און וועגן ציפּקען איז דאָך שוין אָפּגערעט...

אָט דאָס הייסט געוויס מיטן שטאָלצן נאָמען: ארבעט. די עמעמע, ברענענדיקע ארבעט! אָט פירט מען צו ציגל, אָט לעשט מען וואַפּנע... עס איז שוין צעגאַנגען דער שניי, און פּורלעך אַף רעדער פירן ציגל. פּורלעך אַף צווײ גרויסע שפּולן, וואָס וויקלען די גאַנצע וועג אָפּ פון זיך א וואַסערדיקן פאָדעם. ס'טרעפט דאָך אָבער אמאָל א פּלאָנטער... שטעלט זיך אָפּ די פאָדעם. עס האָט אויסגעפּעלט ציגל. האָבן אופגעהערט אַף א צײַט די פּורלעך צו פאָרן.

אקוראט דאַן דרייט זיך אָן דיוואַנטשיק פאַר די אויגן, מיט א פעטן שמייכעלע. לעכאַטכילע האָט ער זיך אומגעדרייט און געשוויגן, און סאָפּקאָלסאָף האָט ער פאַרט אויסגעפּלאַצט:

— הא, וואָס הערט זיך מיטן מויער?... ס'פעלן ציגל. הא?... ס'טבלײַבן אינמיטן?... כע... שיינע באַלעבאַטים געוואָרן, מע הייבט אָן און מע ווייס ניט מיט וואָס מע וועט ענדיקן... דערנאָך וועט מען זיך נאָך בעטן... מע זאָל כאָטש צוריק צונעמען...

און ער האָט אויסגעזיפצט מיט א לאַנגיקן קלוימערשטן זיפצעלע, און האָט אַרויסגעלאָזן א קלאַנג:

— עעעט...

און זײַן פלײשיקע צונג האָט א גרונטעווע געטאָן אין זײַן מויל, און האָט זיך אביסל איבערגעקוליעט, דעריבער איז שוין דער צווייטער „עט״ ארויס א פארקערטער:

— טעעע...

האָט געדארפט שטיין דערבײַ דאפקע טימאָכע. און ער, טימאָכע, איז א היציקער, אזוי איז ער גוטמוטיק, אף דער פארזאמלונג האָט ער צוגעזאָגט דיוואנטשיקן א דירע, נאָר אזעלכע דיבורים ט׳ער ניט געקאָנט פארלײַדן. ער האָט זיך אָנגעצונדן:

— וואָס׳טע געזאָגט? דוסט צוריק ווערן באלעבאָס?... ווייסט ווען?! אז טשוועקעס וועלן בליִען!

דיוואנטשיק האָט זיך פײַנט אָנצורידן, ער האָט זיך שטיל אָפגעטראָגן.

דער פלאָנטער האָט זיך אָבער אָפגעפלאָנטערט. די פורלעך־שפולן האָבן ווײַטער געוויקלט זייער וואסערדיקן פאָדעם און ציגל איז געוואָרן.

און העסל איז פארנומען, פארהאָוועט. און העסל זעט שוין איצט ניט אזוי אָפט ציפקעלען, ער כאפט שוין ניט אזוי אָפט פון איר פעטש.

ציפקעלען איז אומעטיקער געוואָרן. און ציפקעלע האָט ליב עס זאָל איר זײַן פרייעלעך. און זי קאָן ניט וואַרטן. אנדערע שטעלן אָפ אף א ווײַלע די צײַט: מע רײַסט ניט אָפ די בלעטלעך פון קאלענדאר, און מע שטעלט אָפ דעם זייגער. אָבער ציפקעלע איז ניט קיין זייגער, וואָס אפריִער דרייט מען אים אָן און דערנאָך גייט ער. זי, ציפקעלע, איז באשאפן געוואָרן אף דער וועלט פאר א טרייסט. א טרייסט פאר א צווייטן. אָבער טרייסטן זיך אליין קאָן זי ניט.

העסל זעט איר איצט גאנץ אָפט אן זיגנקלאָזענע:

— פארוואָס פארלאָזט ער זי אף גאנבענע טעג?...

קאָן ער, העסל, איר דערציילן, אַז ס׳זײַנען דאָ נאָך טרייסטן אף דער וועלט. א גרויסע טרייסט. א טרייסט פאר א גאנצן מויער מענטשן. ניין! א טרייסט פאר דעם גאנצן לאַנד! די טרייסט פון ארבעט, פון אײַנייען קנעפּלעך. און אָט פארבינדט מען דעם מויער מיט הילצערנע קייטן, און מע וועט זיך נעמען פאר אים, פארן ריז.

ער קומט צו גיין אינאָוונט אן אײַנגעמאטערטער, און ער דערזעט פון־דערווײַטן ציפקעלען, וואָס קרימט איר מײַלכל.

ער שטרעקט איר אויס פונדערווײַטן א פּאָר אָנגעגאָסענע הענט, און צערטלעך רופט ער זי צו, ווי מע רופט א הינדעלע, בייס מע גיט איר פּיקן:

— ציפקעלע, ציפקעלע, ציפּ, ציפּ, ציפּ!

II

א זומער האָט זיך אָנגעהויבן, ער האָט זיך געבויט! זײַנע טעג האָבן זיך געהויבן, עס זײַנען אָנגעוואַקסן די שאָען, און ס׳איז אָנגעוואַקסן די היץ.

און דער מויער איז אויך געוואַקסן. ציגל זײַנען געווען. האָט מען גע־לייגט א ציגל צו א ציגל.

און העסל פרעס איז ארומגעפלויגן א פארשוויצטער, האָט געקוקט, ווי די ציגל לייגן זיך איינציקווײַז און האָט געקלערט:

— די קנעפּלעך דארף מען אויך אײַנייען מיט דער מאשין. ווי איינציק־ווײַז, פּאמעלעך זיי לייגן זיך, די ציגל. די ציגל האָבן אויך געדארפט לויפן און אויסלייגן זיך, ווי די נאָדל־שטעפּ.

דער מויער האָט זיך אָבער געהויבן. און פרעס האָט דאן מער ווי גע־שוויצט, פון יעדער הויט־פּאָרע האָט געשפּריצט א קליין פּאָנטאנדל, און יעדער פּאָנטאנדל איז געווען פ׳ן פארגעדיכטעטע, פארפליסיקטע ענערגיע. ער האָט זיך אליין קימאט אײַנגעמויערט אין מויער.

און טימאָכע פלעגט פאר אלעמען דערציילן די מײַסע, און אים פלעגט שטארק פארדריסן, וואָס ניט אלע גלויבן אים, ווײַל טימאָכע האָט געקענט אויך אויסקלערן א מײַסע. אָבער ס׳איז פּאָרט אן עמעסע מײַסע, אז פרעס פלעגט אָפּט ארײַנכאפּן זיך צו אים—אײַלנדיק—אויסטרינקען א גלעזל טיי, און אז איינמאָל איז ער געקומען צו אים מיט שרײַפלעך אין די הענט, און בע־טרוקענע טיי, טרינקט ער אָפּ און וויל אוועקגיין, ערשט ער כאפּט זיך, ניטאָ די שרײַפלעך, ביז טימאָכע האָט אים געוויזן, אז די צוקער האלט ער אין האנט און די שרײַפלעך ליגן אין גלאָז.

יאָ! ס׳איז אן עמעסע מײַסע. טימאָכע פלעגט זיך שווערן אף דעם:

— הינער און ענדיקעס זאָלן אף מיר שפּײַען אין א ליכטיקער נאכט, אויב איך זאָג א ליגן!

און טימאָכע פלעגט טאקע אויסמוסערן העסלען:

— ברודערקע, מע טאָר זיך ניט אזוי אָפּשרויפן, שרײַפלעך האָבן קיין שום טאַם ניט, אפילע ווען מע זאָל זיי גוט אָפּקאָכן, און צושיטן אביסל זאלצ

אמאָל פלעגט העסל א טאָג ניט קאָנען איבערלעבן, ניט זעענדיק ציפּקע־לען. איצט איז אָבער די הארצ בא אים אביסל... פארמויערט געוואָרן.

אים, העסלען, דעם אמאָליקן שנײַדער, דעם שפּעטערדיקן העלד פון דער רויטער פאָן און איצטיקן פארוואלטער, האָט מען פארטרויט א גרויסע באַ־שטעלונג, און ער האָט זיך ארײַנגעטאָן אין איר מיט היצ, ווי א לערניינגל, וועלכן מע פארטרויט די ערשטע שטיקל ארבעט.

און ציפּקעלע?... ציפּקעלע האָט געבענקט נאָך זײַנע אָנגעגאָסענע הענט, נאָך זײַן דרייען זיך „פּאָלקע הער־פּאָלקע הין״, אפילע נאָך זײַן בראָכע: „א קלאָג דיר אין טאליע״.

ציפּקעלע קאָן אָבער ניט אָפּשטעלן דעם זייגער און ניט אָפּרײַסן די בלעטלעך פון קאַלענדאַר און זי איז ניט קיין זייגער, וואָס אפריער דרייט מען אים אָן און דערנאָך ערשט גייט ער. זי דאַרף האָבן אימעצן, ווער עס זאָל איר אונטערזינגען א לידל, זי דארף האָבן וועמען צו פּאַטשן, און זי, ציפּקעלע, דאַרף אימעצן טרייסטן. דאָס איז פאַר איר אויך א טרייסט. ווײַל זי, ציפּקעלע, וויל עס זאָל איר זײַן פריילעך. און בא וועמען קאָן זײַן פריילעך אפן הויף? דאָס איז נאָר בא טימאָכען!

טימאָכע שפּילט אַפּ א האַרמאָשקע. בא טימאָכען גייט דער צונג ווי א „סקאַראָכאָד": ער קאָן דערציילן מײַסעס ניט געשטויגן און ניט געפלויגן.

ער זיצט זיך, טימאָכע, מיט די פיס אַפּ זײַן וואַרשטאַטל, און דערציילט זײַנעם א „כאָלעם". ציפּקע ווייס, אַז ס'איז א ליגן, אַז ס'כאָלעמט זיך אים, אַז ער האָט געכאָלעמט, נאָר זי הערט. נישקאָשע, אַפילע, אַז ס'איז א ליגן איז עס אויך קעדײַ צו הערן...

און טימאָכע דערציילט, אַז ס'האָט זיך אים געכאָלעמט, אַז ער איז אַפּ א סאָוועטן־צוזאַמענפאָר, און דער פּאָרזיצער דערקלערט, אַז איצט איז שוין געקומען די צײַט אויסצוקלײַבן א פּאָשעטנעם אַרבעטער אַפּ אָנצופירן מיט דער מעלוכע, און אַלע שרײַען, אַז אים, טימאָכען, זאָל מען אויסקלײַבן און ער, טימאָכע—ווערט דער גאַנצער אָנפירער, אַלע אַרבעטער ווערן בא אים קאָמיסאַרן, און די אָנגעשטעלטע און אַלע איבעריקע ווערן אַרבעטער. און עס גייט בא אים—אַן אַנטיק. א וועלט־רעוואָלוציע ט'ער געמאַכט. ביז ער באַשטימט שוין אײַנפירן דעם סאָציאַליזם. און ער רופט אויף א נײַעם צוזאַמענפאָר, טרעט איינער אַרויס, און ס'איז טאַקע דיוואַנטשיק אַליין, און ער איז איצטער טאַקע א שוסטער, טרעט ער אַרויס און זאָגט, אַז אַלץ איז שוין בא אונדז גוט, נאָר ס'איז געקומען די צײַט אויסצוקלײַבן א פּאָשעטנעם אַרבעטער... און אַלע שרײַען, מען זאָל אים, דיוואַנטשיקן, אויסקלײַבן. און דאַן האָב איך זיך צעשריען: סטײַטש, גנעפּאַשעס איר איינע! וועמען ווילט איר דאָס אויסקלײַבן.. און פון דעם געשריי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט.

אַזוי דערציילט ער דעם „כאָלעם" און פאַרענדיקט: איר פאַרשטייט, ווי דער דיוואַנטשיק, ט'זיך מיר אַרײַנגעעסן אין קאָפּ?...

נאָר דאָס איז נאָך ווייניק. ניט דערפאַר אַליין געפעלט ציפּקעלען טימאָכע.

דעריקער איז, וואָס טימאָכע האָט אויך ליב צו כאַפּן פון איר פּעטש. און אַז מען האָט נאָר ליב צו כאַפּן פּעטש פון איר—האָט זי שוין ליב, פאַר דערופּ וואָלט זי יעדערן, דאַכט זיך, ליב געקראַצן.

נאָר טימאָכע ניט נאָר, וואָס ער האָט געכאַפּט איצט פּעטש, ער האָט אין איר פּאָנעם איצט אויך באַמערקט מער איידער העסל. העסל האָט געזען נאָר א שיין—אַן אויסגעלייגט פּענעמל. טימאָכע האָט אָבער געזען אַסאַך מער. ער האָט דערזען, אַז אָט דאָס שיינע פּענעמל האָט א גרויסע מײַלע, וואָס עס בײַט זיך, אָט דאָס איין פּענעמל האָט טויזנטער פּענעמער.

טימאָכע האָט שוין פֿון לאַנג געקלערט, אַז עס ווערט ניט גוט קוקנדיק אַף מענטשן, ווײַל מען זעט זיי אַלע טאָג מיט אײנעם און דעמזעלבן פּאָנעם. ניכאַ וואָלטן דאָס מענטשן קאָנען כאָטש איינמאָל אין וואָך איבערבײַטן זייער פּאָנעם, ווי מען בײַט אַ העמד, אונטערהויזן... כאָטש איין מאָל אין יאָר, ווי מע בײַט איבער אַ פּאָר שיך!...

און דאָס איז דאָך ניט קיין פֿאַנטאַזיע. פאַרוואָס קאָן עס ציפּקעלע? ער דערזעט באַ איר יעדן טאָג אַ נײַעם פּאָנעם, אַ נײַעם שמייכל. דעריקער קאָן זי שמייכלען, זיי זײַנען באַ איר דאָ טויזנטער פון ערשטן, צווייטן און דריטן סאָרט. וואָס עפּעס נאָר דרײַ סאָרטן?... ס'איז פאַראַן אַסאַך מער!

און טימאָכע מוז זיך אָפּרעכענען. ער שמייכלט אַף צוריק. אַפּריער אַפן רעכטן זײַט מויל, דערנאָך אַפן לינקן, דערנאָך אַף ביידע זײַטן, מישט אַרײַן דעם נאָז אויך, און ווען די אויגן איז שוין אָפּגערעדט.

און ער, טימאָכע, פּונקט ווי אַלע מענטשן אַף דער וועלט, האָט: אַ היימיש־שוסטערשן קאָל, אַ הייזעריקן קאָל, אַ קאָל, מיט וועלכן מע טרעט אַרויס אַף פאַרזאַמלונגען. אַ יאָנטעוודיקן קאָל, און מאַלע וויפל קיילעס אַ מענטש האָט!..

און צו איר — צו ציפּקעלען — האָט ער שטענדיק גערעדט אַף זײַן יאָנטעוודיקן קאָל.

און ציפּקען געפעלט זײַן יאָנטעוודיקער קאָל, און זײַן נאָז־שמייכל, און די שוסטערישע לידל, וואָס ער זינגט איר, אַז ווי שוואַרצע שנירלעך זײַנען אירע האָר, און הענטלעך — פּראַווידלעס אַ פּאָר...

און טימאָכע דערציילט איר, אַז ער האַלט ניט פון די איצטיקע לעדערנע מיידלעך אין די לעדערנע רעקלעך, זיי זײַנען לויט אַ נײַעם פאַסאָן: קורצע אָפּצאַסן און לאַנגע נעזער.

נאָר ציפּקעלען טרייסט ער — דו ביסט שוין איינמאָל אַ פאַסאָן.

מאַכט עס טאַקע אויס, וואָס באַ טימאָכען איז דער נאָז אַביסל גרעסער? ס'מאַכט ניט אויס. ס'איז אַ גלײַכע פּאָר!

און פאַר ציפּקעלען — איז שוין טימאָכע אַ זאַך, וואָס האָט בעמיילע געמוזט קומען, קעדיי איר, ציפּקעלען, זאָל ניט זײַן אומעטיק, און איר מוז זײַן פריילעך.

און...

זי מאַכט זיך נאָר, אַז זי אַנטלויפט פון אים, בייס ער דערזעט זי. זי פאַלט סאָפּקאָלסאָפּ אַרײַן צו אים אין די הענט, און ס'איז ניט צו דערקאָנען, אַז זי האָט זיך אַליין אַרײַנגעוואָרפן.

און...

ער, טימאָכע, בענטשט זי אָפּ פון גרויס היספּײַלעס מיט אַ שוסטערשער בראָכע:

— עך... מוליען זאָל דיר אין פּיאַטע!

און זי מוסערט אים:

— פע, זאָגט זי אים, ס'איז ניט שיין.

און אזוי ווײַטער. און אזוי ווײַטער. ניט יעדער ווייס פון ליבע־סצענעס. נאָר ווער עס ווייס ניט, זאָל גיין אין טעאטער, וועט ער זען ווי ענלעך זיי זײַנען איינע אפ דער צווייטער.

און...

ער כאַזערט איר אפצולאָכעס זײַן בראָכע. און זי פארקרימט איר פּענעמל:

— מע טאָר אזוי ניט זאָגן! — קרימט זי אויס פון איר מײַלכל.

און זי דראָט, אז זי וועט געבן א פּאטש.

און לעסאָף...

א פּאטש לאָזט זיך אראָפּ. און באלד האָט געגעבן א קלונג, א ווודער ניין! קיין מויער איז ניט אײַנגעפאלן. עס לויגנט ניט צוליב דעם אײַנוואַרפן מויערן... מאלע וואָס עס גיט א קלאפּ?.. א פּראניק איז אראָפּגעפאלן פון בוידעם...

פּרעס האָט דערווײַלע געהויבן א מויער. פּרעס האָט באקומען א דער־לויבעניש אפ הייבן דעם מויער. בויט ער אים און פילט זיך איבער אים מײַסע באלעבאָס. ער האָט אויך באקומען א דערלויבעניש פון ציפּקעלען אפ קאָנען קושן, אפ קאָנען האלדזן זי. און ער האָט זיך אויך געפילט אפ איר מײַסע באלעבאָס, און אז ער וועט ענדיקן דעם מויער, וועט ער זיך נעמען זי „איבערבויען", ווײַל העסל האָט געוווסט, אז א מיידל איז זי א „קליינ־בורזשואזנע", עס פעלט אין איר נאָך אונטערשלאָק, און אז זי איז נאָך פון אלטן שניט, און מע וועט איר דארפן אביסל איבערניצעווען.

נאָר ציפּקעלע איז ניט קיין מויער. בא איר איז ניט קיין מויערנע הארץ. זי, „ציפּקעלע", דארף מע זאָל איר אונטערזינגען א לידל. און זי דארף זיך פארנעמען מיט אויסראָטן שוסטערשע און שנײַדערשע קלאָלעס. און זי דארף אראָפּלאָזן א פּאטש, און פילן אפ איר קײַלעכדיקער בולבע־האנט די האָר־טארטקע פון באק. און נאָך א זאך האָט זי ליב: זי האָט ליב צו נעמען פון טימאָכעס הענט א שיינע בראָשקעלע — ווען ער ברענגט איר, א פײַנעם קע־מעלע. זי, ציפּקע, דארף דאָך פאר זיך עפּעס אויך האָבן א טרייסט! און וואָס ווײַטער ווײל זי אלץ א שענערע. און טימאָכע, נעבעך, קאָן גאָרנישט ניט מאכן — ער ברענגט, זי קאָן נאָך ברויגעז ווערן אויכ! האָט טימאָכע אמאָל קיין צײַט ניט געהאט צו גיין מיט איר שפּאצירן, האָט זי גאָר פארקרימט דעם מײַלכל און אוועק צו נאָכעם דעם געלן.

קאָן דען העסל טראכטן וועגן אָט די גרויסע קלײניקײַטן?...

דערפאר אָבער האָט ער פארגעדענקט אלע קליין־קלײניקײַטן צו דער אר־בעט. אָט איז שוין דערגאנגען צו די לאָדן, און ער זעט, אז טשעסליארעס זאָלן אויסארבעטן שיינע לאָדן. און אז ער דערזעט די געשניצטע ארבעט, כאפּט ער זיך, אז ס'איז שיין. און אז ער כאפּט זיך, אז ס'איז שיין, דער־מאָנט ער זיך אָן ציפּקעלען.

אין אזא צײַט פלעגט ער צולויפן אהיים, און ער פלעגט איר, ווי פריער, אײַנפרעסן אין זײַנע אָרעמס. און זי האָט זיך ווי פריער געפּאטשט, און ער וואָלט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אז ס'איז פאראן נאָך איינער אזא אפ דער וועלט, וואָס שילט זיך מיט א קלאָלע, וואָס איז קימאט ענלעך אפ זײַנער, וואָס כאפּט אויך אזעלכע זיסע פּעטש פון ציפּקעלעס הענטל, און אז עס רודערט אויך דערבײַ.

און אזוי איז געגאנגען א זומער. א זומער, וואָס האָט אויך קעסיידער געשוויצט, געבויט מויערן און וואָס פלעגט זיך אויך אן אנדערש מאָל דערמאָנען און פלעגט א גלעט טאָן א מיידל איבערן באק. נאָר דער זומער האָט גענומען פארגיין. רעגנס האָבן אָנגעהויבן שמײַסן. זיי האָבן געגאָסן באלייעס-ווײַז, צובערווײַז. געפלויגן זײַנען רעגן-טראָפּנס האסטיק איינע נאָך די אנדערע, א הימל-ערד-עסטאפעט. נאָר ס'איז גאָרנישט געשען. ווער ס'איז פריער ארויסגעפלויגן, איז פריער געקומען. און עס האָט געבליצט און געדונערט. א הימל-קארנאוואל, מיט באראבאנען, טרומייטן, ראקעטן און פאקעל-צוגן. אן אָפּשייד-יאָנטעוו פארן אוועקגיין.

און די רעגנס האָבן געריסן און געשמיסן און האָבן שוין מער ניט געלאָזט בויען. נאָר די בוי-ארבעט האָט זיך שוין אומעטום געענדיקט. אפן גרויסן יידישן הויף איז שוין געשטאנען א מויערל — ווי א נײַער בעגעד, מיט פרישע קנייטשן און אן אויסגעפרעסטער. געשטאנען א פריש-אָנגעפארבטער ווי ליפּן פון א מיידל, נאָר ער האָט געטאָן קליגער, ער האָט אויסגעהאנגען אפ זיך א ברעטל מיט גרויסע אויסיעס:

„Осторожно, крашено!“

וואָס מיידלעך פארגעסן עס צו טאָן.

אפ דער זיצונג פון הויף-פארוואלטונג איז באשטימט געוואָרן: צום יאָנטעוו פון דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע קלײַבן זיך די שכיינים אין מויער ארײַן און זיי אָרדענען אײַן לעקאָוועד דעם מויער א „פײַערלעכע עפענונג“. און שכיינים האָבן זיך דערווײַל געקליבן ארום מויער, געזאָגט מעווינעס, געשאצט.

און אלע האָבן געוואָרפן בליקן אפ פרעסן, און פרעס האָט זיך געפילט ווי א קינד, וועלכן מען האָט אָנגעטאָן אין נײַע בגאָדים, וואָס פילט זיך ניט גוט, ווײַל ער מיינט, אז אלע קוקן אפ אים. פרעס האָט געפילט, אז הײַנט איז ער דער כאָסן, דער העלד פון טאָג. דאָס האָט ער אופגעשטעלט א מויער, וואָס יעדער קנייטש זײַנער ליגט בא אים ווי צוגעשניטן. דאָס האָט ער געהאט שוועריקײַטן, און דאָס האָט ער דורכגעפירט א העלפאנט דורך א לעכל פון א נאָדל.

און פרעס האָט געוווסט, אז ער דארף איצט עפּעס זאָגן.

ער איז צוגעגאנגען צו אן עלטערן יידל, א פּאטש געטאָן אים איבערן פּלייצע און געזאָגט:

— נו... איצטער וועט איר זײַן א גראַפֿ אַפּ ליעקטרע!

איז געשטאַנען דער ייִדל, געמאַלעגײַרעט די באָרד, געקוליעט דעם צונג פֿון איין זײַט אַפֿן צווייטן, געשטאַנען און געקלערט, וואָס מיינט ער, דער פּאַרוואַלטער, דערמיט, וואָס הייסט א גראַפֿ אַפּ ליעקטרע?..

נאָר גיין פֿרעגן וועט ער ניט, מען גייט ניט פֿרעגן אַזאַ נאַרישקייט.

ער האָט קלוג אונטערגעשמייכלט צו פֿרעסן, פּונקט ווי ער וואָלט עס גוט צוקײַט, נאָר ער האָט פֿאָרט ניט פֿאַרשטאַנען, האָט ער אַלץ געקוליעט דעם צונג, און מיט אַקשאָנעס פֿון אַן אַלטן געשטאַנען און געקלערט:

— ווי איז מען דאָס א גראַפֿ אַפּ ליעקטרע?..

III

דער מויער איז איליומינירט. פֿײַערלעך בלויע, רויטע, געלע, גרינע צינדן זיך אָן און לעשן זיך. און די סכאַך־באַאַפּוצונגען לײַכטן אויך מיט א גרינעם פֿײַערל. צינדן זיך אָן די פֿײַערלעך און פֿאַרלעשן זיך. זיי ווינקען זייער קלוג: זעט נאָר אָקאָרשט, וואָס מיר קאָנען!

און אינעווייניק, אַף נײַע טישן זײַנען אויך צעשטעלט קויסעס, פּיראַמידן פֿון אַלערליי פֿאַרבן, און זיי ברעכן אין זיך איבער די ליכט און לײַכטן אויך מיט פֿײַערלעך רויטע, געלע, גרינע, בלויע.

און בא די טישן זיצן מענטשן, און אַלע האָבן זיי אויגן, און די אויגן זײַנען אויך פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַרבן און לײַכטן אויכעט אָפּ: שוואַרצע, בלויע, גרינע.

און פֿאַרבן פֿון ווײַבערשע טיכער.

און קוילעס מיט פֿאַרשיידענע פֿאַרבן. נאָכעם דער געלער ווינטשט מע זאָל דערלעבן א צווייטן רעמאָנט פֿון דעם מויער אַף א הייזעריקלעך געלן קאָל. און טימאָכע שרײַט „הורא" מיט א שטאַרק רויטן קאָל.

און דיוואַנטשיק מיט זײַן מישפּאָכע האָט זיך פֿאַרוקט אין א ווינקל און ער זאָגט עפּעס זײַנעם א שאָכן מיט א גאַליק־גרינעם קאָל.

און אין רויטן ווינקל פֿון נײַעם מויער זײַנען ביסלעכווײַז אַלע רויט געוואָרן. ס'איז ניט נאָר רויט געוואָרן דער רויטער שטערן, וואָס הענגט אַף לענינס שמייכלדיקן פּאָרטרעט, בא אַלעמען, בא יעדן, זײַנען איצטער געוואָרן רויטע שטערנס, און יעדערער האָט אונטערגעשמייכלט מיט לענינס שמייכל. אַפֿילע גייענדיקע רויטע ווינקלען. און אָט די אַלע פֿאַרבן האָבן זיך געמישט בא פֿרעסן אין די אויגן, און פֿרעס זיצט און פֿינטלט מיט די אויגן. הײַנט דאַרף העסל פֿרעס דערגרייכן זײַן העכסטן פּונקט. באַלד וועט ער האַלטן באַם טיש עטלעכע זודיקע ווערטער. דערווײַל—ביז קומען צום העכסטן פּונקט— איז ער געזעסן און געפֿינטלט מיט די אויגן. אַסאַך פּונקטן זײַנען דורכגע־פֿלויגן פֿאַרבײַ די אויגן, פֿינטעלעך רויטינקע, בלויִנקע זײַנען געפֿלויגן פֿאַרבײַ, און, ווי שטענדיק, האָט איינע ניט דעריאָגט דאָס צווייטע.

ער האָט זיי פאַרטריבן, די פינטעלעך. זיי טאָרן ניט פאַרשטעלן אים היינט זיין העכסטן פונקט, ער דאַרף נאָך היינט עפּעס זאָגן, ער דאַרף נאָך היינט עפּעס ריידן.

און באַלד איז אין זאַל שטילער געוואָרן, און באַלד האָט ער גערעדט. לעכאַטכילע ט׳ער זיך אַביסל געפּלאָנטערט, אַפּריער ט׳ער געזאָגט, אַז דער חויף האָט געשענקט דער רעוואָלוציע אַ שיינע מאַטאָנע—אַ מויער, אַ צאַצקע! און דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז די רעוואָלוציע האָט עס געשענקט דעם הויף אַ מאַטאָנע. נאָר גאָרניט. ס׳איז ניט קיין טאָעס. איינער האָט דעם אַנדערן געשענקט, און מע איז קוויט.

און דערנאָך איז בא פּרעסן אוועק אַסאַך גלאַטער. ער האָט שוין אינגאַנצן אַרויסגעטריבן די פייערדיקע פינטעלעך פון קאָפּ, און האָט אָנגעצונדן אין זיך אַן אייגענעם פייער, און פייערדיקע ווערטער האָבן זיך געיאָגט דורך קוימען פון מויל. העסל פּרעס האָט געטיינעט, אַז מיר האָבן אומעטום געזיגט, צו וואָס מיר האָבן זיך נאָר ניט גענומען. אונדזער אייזערנע שער האָט אַלץ איבערגעשניטן. אונדזער הייסער פּרעס האָט אַלץ פאַרגלעט, און כאַוווער העסל פּרעס האָט צוגעזאָגט: אויסבויען נאָך אַ שענערן בינין—דעם גרויסן בינין פון סאָציאַליזם.

פונקט. אָט דאָ האָט מען געפּאַטשט מיט די הענט, און דאָ איז געווען דער העכסטער פונקט פון כאַוווער העסל פּרעס.

איצט האָט ער זיך אוועקגעזעצט, אַ פאַרמאַטערטער, אַן אָפּגעליידיקטער. קיין איין געדאַנק האָט איצט ניט געבלאָנדזשעט אין זיין קאָפּ. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אַפן דיוואַן און געקוקט מיט גאָרניטזאָגנדיקע אויגן.

אַרום האָט מען געטאַנצט. עס האָבן זיך געפּלאָנטערט פיס. און פונדעסטוועגן האָט מען זיך שטענדיק אָפּגעפּלאָנטערט, און קיינער האָט זיך נאָך ניט פאַרביטן און אוועק אַף אַ פרעמדער פוס.

העסל איז האַלב געלעגן אַפן דיוואַן און האָט, ווי אַ שפּיגל, אַריינגענומען אין זיך און באַמערקט יעדער קער, יעדער קלייניקייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין צימער, נאָר פונקט, ווי אַ שפּיגל, האָט ער וועגן גאָרניט געקלערט.

ער האָט איצט באַמערקט אַ באַראָדאָווקע בא נעכע דער גראָבער אַפן נאָז, וועלכער ער האָט קיינמאָל ניט באַמערקט. ער האָט באַמערקט, אַז בא נאָכעם דעם געלן שוויצט נאָר דער נאָז, און אַז בא אים פעלט אַ קנעפּל אין זשילעט, ביז זיין בליק איז געפאַלן אַפן פענצטער, און ער האָט באַמערקט דעם נייעם שאָכן מיט זיין גאָר יונגינקער ווייב, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן הינטערן גאַרדין, ווו זיי פאַרגאַנווענען אַ קוש איינער דעם צווייטן.

אַ געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן בא אים אין קאָפּ. אפילע אַ שפּיגל, אַז זי דערזעט, אַז מע גיט אַ קוש, גיט זי אַ קוש צוריק.

איז קיין וווּנדער ניט, וואָס העסל פּרעס האָט מיטאַמאָל גענומען קלערן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט געקושט ציפּקעלען אַפן הויף, זיצנדיק אַף

די קלעצער, און דורך זײַנע אָדערן האָט דורכגעשטראָמט אַ װאַרעמקײַט, װאָס האָט אים דערװאַרעמט, און האָט אים אָפּגעפרישט. זי, די װאַרעמקײַט, האָט אים געלאָזט פילן, אַז ער קאָן װײַטער הײבן פיס, און װי עס איז טרעפן, װען צו שטעלן אײנע און װען די אַנדערע.

אַפּריִער האָט ער אופגעהױבן די אױגן און האָט אַ זוך געטאָן מיט זײַ ציפּקעלעך. נאָר זי איז דאָ ניט געװען. זי איז געװען אַפּאַנעם אין אײנעם פון די זײַטיקע צימערלעך.

האָט ער טאַקע אופגעהױבן די פיס אױך. אופגעשטאַנען, אַרױס אין קאָ־רידאָר, אַ קוק געטאָן אין עטלעכע צימערלעך, ביז ער איז דערגאַנגען צום סאַמע הינטערשטן צימערל, פונװאַנען ער האָט דערהערט איר גלעקל־געלעכטערל.

ער האָט האַסטיק אָן עפן געטאָן די טיר.

אַ נעפּל האָט אים גלײַך פאַרהילט די אױגן. נאָר דאָ אַ צענטל סעקונדע האָט ער יאָ געזען. װאָלט ער גאָרניש געזען, װאָלט דאָך מיט אים גאָרנישט ניט געשען. אָבער אַ צענטל סעקונדע האָט ער געװיס געזען, װעהאָרײַע, אַ נעפּל האָט אים גלײַך פאַרהילט די אױגן.

און אין דער צענטל סעקונדע האָט ער געזען קלאָר, קלאָר װי דער ליכ־טיקער טאָג, קלאָר װי ציפּקעלעס פּאָנעם, ער האָט געזען װי ציפּקעלע זיצט בײַ טימאָכען אפן שױס, און טימאָכע פאַרדעקט מיט אײן קוש עפּשער אַ האַלבע פּלײצע.

אַ בײזע נעפּלדיקע שטילקײַט. פּרעס איז געשטאַנען מיט פאַנאַנדערגעריסענע אױגן, און טימאָכע האָט זיך אױך דערפילט שלעכט. נײן! ער האָט זיך ניט געפילט, װי אַ געכאַפּטער גאַנעװ. נײן! טימאָכע האָט גאָר ניט געװוסט, אַז ער האָט געגאַנװעט, און װען ער װאָלט אַפילע געװוסט, װאָלט אים אױך ניט אַרג. אַ מײדל, װײס ער, גיט מען אַ קוש, אָבער קײן שטעמפּל בלײַבט ניט אפּ אירע ליפּן. נײן! ער האָט געקאָנט פאַרלײַדן העסלס פאַנאַנדערגע־ריסענע אױגן, ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרלײַדן די שטילקײַט. ער האָט דערפילט מאַזאָלעס אפן האַרצן, װאָס זי, די שטילקײַט, רײַבט זײ...

ער האָט אױסגעגלײַכט דעם מױל און אונטערגעברומט:

— װאָס קוקסטו אפּ מיר, װי אפּ אַ „טומאַנע קאַרטינע“?

פון די װערטער האָט זיך העסל אופגעכאַפּט און האָט דערזען, װי ציפּ־קעלע האָט זיך גאַנץ שטיל אַרױסגערוקט פון צימער. ציפּקעלע האָט אַפּאָנעם ליב פרײלעכערע סצענעס. זי האָט אױך ניט געקאָנט פאַרלײַדן די שטילקײַט, נאָר נאָך מער האָט זי ניט געװאָלט לײַדן די װערטער, און דערצו איז גוט צו זיצן נאָר מיט אײנעם פון זײ, מיט בײדן קאָן זי ניט.

פּרעס האָט זיך דערװײַלע אופגעכאַפּט, און ער האָט געפּרוּװט אױסשרײַען מיט אַ פעסטן קאָל, נאָר אַרױס איז ער אַ קרומער, אַ שױפערדיקער:

— װי קומסטו צו דער מײדל?

טימאָכע האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך געדארפט דיכטן אפ אזא פראגע, נאָר ער האָט זיך ניט געריכט.

און העסל האָט נאָך אמאָל געפרעגט:

— ווי קומסטו צו דער מיידל?...

טימאָכע האָט געשוויגן, ווי ער וואָלט ניט פארשטיין. און ער האָט טאקע ניט פארשטאנען, נאָר העסל האָט געגעבן צו פארשטיין:

— די מיידל איז מײַנע, איך האָב שוין לאנג געהאַלטן מיט איר אָפּשרײַבן זיך, דו הערסט, ברודער?... ניטאָ וואָס צו קריכן אין פרעמדע וואָליקעס...

טימאָכע האָט שוין אינגאנצן פארשטאנען. אינעווייניק האָט עפּעס שטארק א בלאָז געטאָן, ווי א לאָקאָמאָטיוו־פײַפ, און ער האָט שיר ניט אויסגעקערט די אויגן אפ דער לינקער זײַט, און ער האָט, ווי א לאָקאָמאָטיוו, אויסגע־פײַפט הארט און אומעטיקלעך:

— די מיידל, זאָגסטו, איז דײַנע?... און דו ווייסט כאָטש, וואָס פאר א פאָ־נעם זי האָט?... דו האָסט זי עפּעס אפילע אין די אויגן אָנגעזען?... איך שעם זיך ניט פאר דיר: איך האָב זיך מיט איר געטראָגן, געניאַנטשעט, ווי א קינד געפּיעסטעט, זאָגסטע, אז דאָס מיידל איז דײַנע... הא?...

העסל האָט געשוויגן. ער איז געשטאנען, ווי א מענטש, וואָס האָט זיך מיטאמאָל דערמאָנט אָן לאנג פארגעסענע זאכן. ערשט איצט האָט ער זיך געכאפּט, אז א בלום איז געוואקסן בא אים אין הארצן, נאָר ער האָט פאר־געסן זי צו באגיסן. ער האָט זי פארשלאָפן... פאר אנדערע געלאָזן...

אפן הארצן האָבן נאָדלען געשטאָכן. יעדערע פון זיי האָט געוויס אויס־געשטאָכן א טראָפּנדל בלוט, ווײַל ער האָט דערפילט א נאסקײַט אין זיך.

— נו איז וואָס? לאָזן איר פאר אן אנדערן? ניט קושן מער איר מײַלכל? ניט כאפּן מער קיין פּעטש? ניין! אָן דעם וועט ער ניט קאָנען אויסקומען. דאָס האָט זיך שוין פעסט אײַנגעבירגערט אין זײַן מויעך.

ער האָט טעמפּ געכאזוערט:

— די מיידל איז מײַנע! די מיידל איז מײַנע!

נאָר טימאָכע האָט זיך שוין ניט פארטיידיקט. ער איז אריבער אין אָנגריף, און ער האָט גענומען רעציכעדיק שרײַען מיטן גאנצן פײַער, וויפל ער האָט נאָר געהאַט:

— דו הערסט?!... די מיידל איז מײַנע! זי איז מײַנע!

און ס'איז ווײַטער געוואָרן שטיל. און העסל האָט א קלער געטאָן, אז טימאָכע איז אומגערעכט, און העסל האָט א קלער געטאָן, אז טימאָכע איז גערעכט. און זיי זײַנען געזעסן איינער אנטקעגן דעם צווייטן. און איינער אפן אנדערן האָט געהאַלטן א שטילן קאַעס, און איינער אפן אנדערן האָט ראכמאָנעס געהאַט. א געמיש פון געפילן האָט געשטראָמט, און וווּהין אויס־גיסן זיך האָט ער ניט געוווּסט.

און טימאָכע איז געוואָרן נאָך שטילער. ער האָט פריִער געשריִען מיט ג גאַנצן פײַער, וואָס ער האָט נאָר געהאַט, איצט האָט ער זיך אינגאַנצן אויס־געליידיקט, די גאַנצע לאַווע אויסגעגאָסן, און ער איז איצט געבליבן אינגאַנצן אָן פײַער. און אָנגרײַפן האָט ער שוין מער ניט געקאָנט. און ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז אַ מיידל קאָן מען ניט צעטיילן, און קיין צוויי פּיס אין איין שוך קאָן מען ניט אַרײַנשטעלן. און אינגאַנצן צונעמען זי קאָן מען ניט. און אינגאַנצן לאָזן קאָן מען אויך ניט. איינער מוז דאָ צונעמען די פּוס. נאָר ווער?... און וויבאַלד קיין ענטפער אַף דעם האָט ער ניט געקראָגן, און די לאַווע פון זיך האָט ער שוין אַרויסגעוואָרפן, האָט ער שטיל אונטערגעמורמלט:

— וויבאַלד אַזוי, איז ניט מיר און ניט דיר...

פרעס האָט זיך פאַרכאַפּט:

— ניין! אַזוי קאָן מען ניט לייזן!... ווי ט׳ער געזאָגט? „ניט מיר און ניט דיר”? ס׳איז ניט קאָמוניסטיש. דאָס מוז אַפּאָנעם זײַן קליינבירגערלעך. עס דאַרף אַנדערש געלייזט ווערן.

און טימאָכע האָט פאַרשטאַנען, אַז העסל איז גערעכט, און טימאָכע האָט געשוויגן. ער האָט קימאַט אַזעלכע סצענעס געזען אין קינאָ. אָבער טימאָכע האָט קיינמאָל ניט געקלערט, אַז אַזעלכע סצענעס קאָן מען איבערלעבן אויסערן קינאָ.

איצט האָט טימאָכע גאָרניט געקאָנט, איצט האָט טימאָכע ניט געוווּסט וואָס צו טאָן! קיין צוויי פּיס אין איין שוך, ווייס ער, קאָן מען ניט אַרײַנשטעלן. און ער האָט איצט אַרײַנגעשפּאַרט אַ פּוס, און עס קוועטשט, און ניט מע קען אַרויסנעמען, און ניט מע קאָן איר לאָזן. און טימאָכע האָט אַ קוק געטאָן אַף העסלען און דערזען, אַז ער שטייט און ער קוועטשט אין זיך עפּעס איין, פונקט ווי אינעווייניק אין אים וואָלט אַ קאַץ געיאָמערט—און ער ציטערט, אַז אָט־אָט וועט מען דערהערן דעם יאָמער און ער האָט דערזען, אַז בײַ העסלען איז עפּעס מער ווי אַ שוך אַף אָנטאָן...

און אָט—העסל דער פאַרוואַלטער, וואָס האָט געבויט דעם מויער—וואָס איז אַליין אַ שטיק מויער—שטייט אים אַנטקעגן. ער האָט דערפילט, טימאָכע, אַז אַ מויער האָט זיך אים געשטעלט אַפן וועג, און ער קאָן סײַוויסײַ ווײַט ניט גיין.

אַלץ האָט געקאָנט טימאָכע. ער האָט אָבער ניט געקאָנט שפּרינגען איבער מויערן און זײַן הארץ פאַרמויערן האָט ער אויך ניט געקאָנט.

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו העסלען און געזאָגט:

— הערסט, העסל, ביסט עפּשער גערעכט... איך בין דאָ טאַקע איבעריק.

און האָט שטילער צוגעגעבן מיט אַן אונטערטעניק־ווייטיקדיקן שמייכל:

— מיילע... כ׳זע, זי איז פאַר דיר געגייט געוואָרן... נו... מיילע... טראָג געזונטערהייט!... אַבי כ׳האָב געמיינט ס׳איז פאַר מיר אַ שוך... געפּרוּווט

אָנטאָן, האָסטו מיר געזאָגט „גיי געזונטערהייט"... אזוי, דאכט זיך, ווינטשט מען דאָך, הא?

אָט די שטיל־ווייטיקדיקע ווערטער האָבן דורכגעשניטן סײַ טימאָכען און סײַ פּרעסן. בא טימאָכען האָבן זיי איבערגעשניטן זײַן אויבערשלאק, ווײַל הײַנט האָט פּרעס צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען טימאָכעס אונטערשלאק, ער האָט אים דערזען אפּ דורך און דורך, און ער האָט דערזען, אז טימאָכע איז עפּעס מער ווי ער וואָט געמיינט וועגן אים, ער האָט זיך געכאפּט, אז אזויפיל צײַט, ביז הײַנטיקן טאָג, האָבן זיי געטראָפן איינע די אנדערע און געזען נאָר דעם אויבערשטן שאָלעכץ, מערניט דעם דינעם אויבערשלאק. און הײַנט האָט זיך דורכגעריסן בא זיי דער אויבערשלאק—און ערשט האָט ער דערזען, ווער איז אזוינס טימאָכע.

פּרעס האָט אים דערלאנגט זײַן האנט, זײַן גרויסע האנט.

און ביידע האָבן זיך פארקערט צום טיר. פון איין זײַט א שפּיגל, פון דער צווייטער זײַט א פענצטער. אין שפּיגל האָבן זיי דערזען איינער דעם אנדערנס פּאָנעם. עס איז קענטיק געווען, אז פריִער האָט זיך אין זיי עפּעס געקנייטשט, געגנעצט, נאָר איצט האָט זיך שוין דורכגעלופטערט, און אפּ זיי האָט זיך שוין געגומען איבערציִען א פרישקײַט, פונקט, ווי אפּ דער ערד נאָך א רעגן.

און דערנאָך האָבן זיי איבערגעוואָרפן זייער בליק אפן פענצטער.

פון פענצטער האָבן זיי שוין זייער בליק ניט אָפּגעריסן. אן אומזיכטבאַרער פּאָדעם האָט זיי שוין צוגעבונדן צום פענצטער.

זיי האָבן געקוקט מיט געקויפּלטע אויגן, מיט פארגרעסערטע ווײַסלען און מיט פּײַערלעך אין די שווארצלען. זיי האָבן געזען:

אפן הויף אונטערן שײַן פון לעוואָנישן לײַכטנדיקן נעפל און אונטערן שײַן פון לעמפּעלעך—רויטע, בלויע, געלע, גרינע, שפּאצירן זיך א ציפּקעלע מיט דיוואנטשיקס באָכערל, אָט מיט דעם גײַוועדיקן אריסטאָקראטל, וואָס האָט נאָך קיינמאָל קיינעם קיין גוטמאָרגן ניט געענטפערט און וועלכן מע האָט, דאכט זיך, קיינמאָל ניט באמערקט, ווײַל ער האָט קיינעם ניט באמערקט.

ער האלט איצט פעסט ציפּקעלען, אָט די ציפּקעלע, וואָס איז געווען אַן אייגענע, א בלוטיקע, מיט וועלכער מע האָט אָפּגעשפּילט א גאנצן זומער, באהאלטנדיק טרוימען אפּ ווינטער...

זיי האָבן מיט געוואלד אָפּגעריסן דעם בליק פון פענצטער, און טיף ארײַנגעקוקט איינער דעם צווייטן, ווײַל זיי וואָלטן, וועלן דערגיין אלץ, אלץ, וואָס איז געשען, דערגיין עס איינער באַם אנדערן אין די אויגן, וואָרעם ווו קען מען נאָך ערגעץ לעזן, אויסער אין זיי?... נאָר זיי האָבן איינער באַם צווייטן גאָרנישט ניט געטראָפן, ווײַל אָפּגעגעארטע זײַנען זיי געווען די אויגן, און זיי האָבן זיך פארשעמט און זיי האָבן זיך פארמאכט. יאָ! אויך אפּ דעם האָט זיך טימאָכע ניט געריכט. נאָר צי האָט ער זיך געדארפט ריכטן?... אפּאָנעם, אז יאָ.

ער האָט די אויגנ ניט אופגעהויבנ, נאָר ער האָט ווי עס איז געהויבנ די ליפּנ:

— הא, העסל?... סט'געבויט א מויער... צוגענומענ אימ בא דיוואנטשיקנ... אלצ האָבנ מיר צוגענומענ בא די בורזשויענ?... אונ מיר האָבנ גענומענ פונדעוועג אינ אונדזער הארצ... כ'ווייס?... דאכט זיכ, א מיידעלע א גאָלד... קומט א דיוואנטשיקל, א נאָגידס א זונדל, אונ ט'איר אָפּנעמענ בא אונדז... האָבנ מיר, הייסט עס, ניט אלצ צוגענומענ בא זיי... הא, העסל?...

פּרעס האָט דערווײַל געשוויגנ, בא אימ האָט נאָכ געהערשט די גרויזאמע שטילקײַט, וואָס פאר א שטורעמ. קאָנטיק, אז באלד וועט בא אימ עפּעס ארויסשפּארנ, נאָר דאָס האָט מענ דערווײַל געקאָנט זענ נאָר דורכ די פענצטער פונ קאָפּ—דורכ די אויגנ.

אונ טימאָכע האָט ווײַטער גערעדט:

— האָט ער איר געוויס בראָשקעלעכ געקויפט... גאָלדענע... זי האָט עס ליב... וועט זי צו אימ געהערנ. הא, העסל?...

בא העסלענ איז איצט געווענ א געלאפּ, א געשטופּערײַ פונ געדאנקענ, געפילנ. ערשט איז אָנגעלאָפנ דער געפיל פונ אייפערזוכט, נאָר נײַע געפילנ האָבנ אימ גלײַכ פארטריבנ. צו ווענ?... אָט די פייגעלע, וואָס זינגט פאר אלעמענ, איז איבערגעפלויגנ צו א דיוואנטשיקל?...

אונ פּרעס איז איצטער ניט געווענ פּרעס, ער איז געוואָרנ א מאשינ. יעדע אָדערל, יעדע הויט־טיילכל, יעדע בלוט־קײַקעלע האָט איצט אויסגעארבעט בא אימ א נײַעמ געפיל, א געפיל, וועלכנ ער האָט שוינ לאנג פארוואָרפנ, דער געפיל פונ סינע. ס'איז ניט די סינע, וואָס קלײַבט זיכ ביסלעכווײַז אונ ווערט האלבגעבאקנ. ס'איז די גרויסע סינע, וואָס ווערט אָנגעצונדנ מיטאמאָל, ווי א בענגאלישער פײַער, די סינע, וואָס קומט נאָכ דער מיטאמאָל פארגעסענער ליבע...

אונ צווישנ אָט די געפילנ האָט זיכ נאָכ געדרייט א געפיל פונ עקל אונ פאַרדראָס. א פארדראָס אפּ דעמ, וואָס ווי האָט עס גאָר געקאָנט זײַנ מויערנע הארצ אָנגערירט ווערנ פונ אזא זינג־פייגעלע. וויאזוי ווערט עס, פונדעסטוועגנ, אזא הארצ לעכאטכילע אָנגעטאָטשעט? ס'איז, אפּאָנעמ, איינע פונ די איבערבלײַבענישנ, אנ איבערבלײַבעניש, מיסטאָמע, פונ דער אלטער געזעלשאפט.

ערשט איצט האָט ער זיכ דערמאָנט אָנ טימאָכעס לעצטע ווערטער:

— זאָל זי אימ געהערנ, מיר דארפנ זי ניט. הערסט, טימאָכע?... פאר אונדז טויג זי ניט: מיר דארפנ האָבנ א געזינטערנ עלעמענט... פארשטייסט?...

— נו... דו פארשטייסט דאָכ!

טימאָכע האָט עס נאָכ אינגאנצנ ניט באנומענ. ער איז נאָכ אלצ געגאנגענ אונ געצויגנ זײַנ פריערדיקנ געדאנק, אז אלצ דארפ אימ געהערנ, טימאָכענ.

העסל האָט דערפילט וועגנ וואָס טימאָכע טראכט. ער האָט געזאָגט:

— הערסט, טימאָכע, אונדז וועט געהערן אַלץ, אַלצי וואָס מיר דארפן. אָט האָבן מיר גענומען א מויער און געמאכט פון אים א צאַצקע. א צאַצקע האָבן מיר פון אים געמאכט... אָבער וואָס מיר דארפן ניט, לאָזן מיר איבער... שמאטעס לאָזן מיר... פארשטייסט?...

טימאָכע האָט אָנגעהויבן צו פארשטיין, ווייל ער האָט דערפילט, אז עס ווערט אין קאָפּ בא אים קלערער, אז עס הערט אוף צו שטעכן דער ווייטיק.

ער איז געגאנגען און האָט אונטערגעברומט:

— הער... יאָ... א מויער... אָט שטייט ער... אָט שטייט זי דיין ליימענע קאַלע... הא, העסל? אזא קאָן, דאכט זיך, ניט אנטלויפן?

זיי זיינען ארויס אפן גאס. און הינטער דעם מויער—די „ליימענע קאַלע", וואָס איז היינט טאקע געווען באהאנגען ווי א קאַלע, מיט לעמפּלעך, פּאַטשער־קעס, רויטע, בלויע, געלע, גרינע, הינטער זיינען געשטאנען אסאך מויערן, געשטאנען ווי מעכוטאָנים, ברידער, שוועסטער, א גרויסע מויערן־מישפּאָכע, אַלע אין פייערלעך, מיט וועלכע זיי האָבן זיך דורכגעווונקען, זיי דערציילן געוויס וועגן דעם, אז מענטשן האָבן געלייגט ציגל צו ציגל, געבונדן איינער צום אנדערן, און געהויבן א שטאָק אפּ א שטאָק. און איצט איז דער יאָנטעוו פון די מענטשן. איצט איז געוואָרן צען יאָר, זינט אָט די מענטשן, די בויער, האָבן גענומען אויך באַלעבאטעווען איבער זיי.

און העסל האָט באקוקט אָט די אַלע מויערן, און צו די אַלע געפילן איז אים אָנגעלאָפן אין הארצן נאָך א געפיל: פרייד. ער האָט דאָ אויך א ביילעק, אָט שטייט זי זיין „ליימענע קאַלע". ער האָט אויך געבויט א מויער!

און אפן גאס האָט געשיינט די לעוואָנע, און די נאכט איז געווען א קלאָרע, און דער הימל איז געווען א פעטער, ווי א קלאָרע פעטע יויך, און די לעוואָנע אינמיטן—א גילדענע טעלערל.

און טימאָכע האָט געקלערט:

— און פון דער טעלערל וועלן מיר נאָך אויך עסן!...

בא מיר אין שפּיגל.

I

אלע פאַרבן פון רעגנבויגן און נאָך עטלעכע.

דער ווײַסער הימל ברעקלט זיך. דער ערשטער שניי פאַלט אַרויס. דער שניי איז ווײַס. דער שניי איז קלאָר. זײַן ווײַסע קאַלטקײַט גיט ער מיר איבער אין האַרצן: די ווײַסקײַט בלײַבט, און די קאַלטקײַט ווערט אָנגעוואַרעמט.

און דערפאַר פיל איך זיך לײַכט און גרינג, ווי אַ קינד נאָכן באָדן, איך גיי און גליטש זיך אונטער און אַ פרייד גליטשט זיך אין מיר.

פונדערווײַטן דערזע איך אַ קאָפּ שוואַרצע האָר און אַ שלאַנקע פיגור. יאָ! ס'איז, דאַכט זיך, רייזעלע, מײַנס אַ באַקאַנט מיידל. איך לויף האַסטיק צו און אַן אײַליק קאָל גליטשט זיך בא מיר אַרויס:

— רייזעלע!

איך גיב אַ קוק: אַ פרעמד מיידל. נאָר עפּעס האָט געטראָפן מיט מײַנע אויגן. זי, דאָס מיידל, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיי, און אירע מענטשעלעך האָבן אויפגעריסן מײַנע אויגן. מײַנע אויגן האָבן זיך נאָך קיינמאָל ניט דורכגעשמייכלט מיט אַזעלכע אויגן. אין אירע אויגן, אין די האָר, אין געזיכט האָב איך אײַנגעזען אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן, און דערצו נאָך עטלעכע. און איך האָב דערהערט אַ קאָל אַ שטיל־מעלאָדישן און פרישן, פונקט ווי גאָלדענע פיש וואָלטן אַרויסגעשווומען פון קלאָרינקע וואַסער.

Вы, наверное, ошиблись! —

און איך האָב זיך אָנגעוואָרן ווי אַ מאַטבייע אין שניי. זי לאָזט זיך אַראָפּ און לאָזט אַ טיפן צייכן. מײַנע געפילן האָבן זיך אויך אַראָפּגעלאָזן, אָנגעוואָרן. אַ טיפער צייכן איז אָבער געבליבן נאָך זיי. איך האָב עפּעס אַ טרייסל געטאָן מיט פוסטע ליפּן, ווי אַנטשולדיקט זיך—און האַסטיק אַנטלאָפן.

ווי נאָר איך בין געקומען אַהיים, האָב איך גענומען טראַכטן פון דער מיידל, פון דער דורכגייענדיקער מיידל, וואָס האָט געלאָזן אַזא טיפן טראָט בא מיר אין האַרצן. אַ מאָדנער פאַרלאַנג האָט מיר אָנגעכאַפּט: נאָכאַמאָל זען

די מיידל, הערן איר קאָל. פון אַלע זײַטן האָבן בא מיר גענומען שטראָמען געפּילן, און ווער ווייס, צי זײַנען די שטראָמען געווען גאָר ריין, וואָרעם די ווײַסקײַט אין הארצן האָב איך שוין מער ניט געפילט...

* * *

איך האָב זי געטראָפן אין דער נעפּל־פײַערדיקער שטאָט: אומזיסט בין איך אזוי־פיל געלאָפן. זי' ווינט עטלעכע הויפן פון מיר. איר הויפּ געהערט צו דערזעלבער וווינונג־געזעלשאפט, וואָס אונדזערער, און מײַן פאָטער איז פון אים דער פארוואלטער.

זי איז געשטאנענע לעבן טויער. ארום איז גאָר א ווייכער שניי, און ער פערלט זיך אנטקעגן דער לעוואָנע. און בא איר זײַנען אויגן ברייט־צעעפנטע, קײַלעכדיקע, ווי א פּאָר לעוואָנעס, און ארום אסאך שניי—שטערן.

ווי עפּעס א פארפראָרנס וואָלט געגומען אין מיר צוגיין.

איך בין גיך צוגעגאנגען, און, ווי איך וואָלט עס געטאָן ניט ווילנדיק— א שטופּ געטאָן זי.

— אך, אנטשולדיקט!

און איך האָב דערהערט:

— ניט שטופּט זיך און ניט אנטשולדיקט זיך.

א געוויינטלעכער ענטפער פון א געוויינטלעכער מיידל. אָבער איך האָב דערזען אירע אויגן—אויגן ווי וויטרינעס—אַלץ איז אין זיי אויסגעשטעלט— אפילע דאָס, וואָס איז עפּשער ניטאָ אין קראָם. איך ווייס, אזעלכע אויגן נארן אָפּט אָפּ.

נאָר פון דעם האָב איך דאן ניט געקלערט, איך האָב גאָר א קלער געטאָן, אז אָט־אָט דער געשפּרעך ענדיקט זיך.... און שוין... און ווײַטער גאָרניט.

נאָר איך האָב זיך פאנאנדערגערעדט... איך האָב פארבײַגייענדיק אַלץ דערציילט. ס'איז מיר געקומען צו רייד, אז מען רופט מיר וועליע יאָדער— אז איך בין א יונגער יידישער ליטעראט... יאָ, א שרײַבער...

— אָ, וועט איר מיך באשרײַבן...

— יאָ, געוויס וועל איך אײַך באשרײַבן, אייער פּאָנעם, וואָס איז שיין, ווי א קינדערשער כאָלעם, אײַערע וווּנדערבארע אויגן, וואָס זײַנען טיפער פון לעבן...

פע! ס'איז פונדעסטוועגן נארישע קאָמפּלימענטן. סארא מעשוגעדיקע פארגלײַכונגען. נאָר זי האָט עס אָנגענומען פאר קלוג, פאר זייער קלוג...

מיר האָבן זיך שוין צושיידט ווי אַלטע פרײַנט. ווי אַלטע כאווייריםּ, געדריקט זיך די הענט.

זי הייסט מאטילדע. איינמאָל א נאָמען—מאטילדע! יידישע מיידלעך האָבן ניט אזעלכע שיינע נעמען.

— איר מיינט מיט אן עמעס? איך וועל ארײַנגיין... ווי־זשע?..

* * *

איך האָב ליב קינדער. איך האָב זיי ליב ווי די וועלט. בא מײַן שכיינע איז פאַראַן א מיידעלע—בעבינקע רופט מען זי—בלויע אויגעלעך האָט זי—און זי דערמאָנט מיר יענע, וועלכע האָט אופגעוועקט מײַנע דרעמלדיקע געפילן... און ווען איך רייד מיט איר—קלער איך ניט, צי איך רייד קלוג, צי נאַריש, נאָר זי מאַכט זיך אויך, אז זי פאַרשטייט אלץ, און הער צו מיט קעציש-פאַרשטייענדיקע אויגן.

איך דערצייל איר—ניין! דאָס דערצייל איך זיך אליין—אז איצט האָב איך ליב א גרויס מיידעלע, און ווייס אָבער ניט גוט ווי מען ליבט, מײַן שטיל-פײַערדיקע הארץ איז ניט געוווינט צו דעם.

איך גיי אָפט אַרײַן צו מאַטילדען. קוקנדיק אף איר, דוכט זיך מיר, אז מען דארף, ריידנדיק מיט איר, ארויסזאָגן נאָר איינע כאָכמעס—ווערטער, וואָס זײַנען נאָך קיינמאָל ניט געזאָגט געוואָרן, פרישע ווערטער. מיר דוכט, אז זי איז די ריינסטע, די שענסטע אף דער וועלט, הײַנט שטעל זיך פלוידערן מיט איר.

זי איז אָבער פון מײַן שווײַגן ניט צופרידן:

— וואָלט עפּעס זאָגן דער יונגער פּאָעט...

פאַרשעמט זאָג איך אָבער:

— וואָס זאָל זאָגן דער יונגער פּאָעט?..

און כ'שווײַג...

— ס'איז אומעטיק, יונגער פּאָעט.

— יאָ—זאָג איך איר—פּאָעטן זײַנען אומעטיקע נעפאַשעס. און איך נעם דערציילן איר עפּעס. זי מאַכט זיך האַלבהערנדיק, אָבער זי הערט.

און אוועקגיין פונדעסטוועגן איז מיר שווער. עפּשער געפינען איך ניט קיין מוט אוועקצוגיין. אופהייבן זיך און אוועקגיין—ס'איז א צו גרויסער קער. אלעמאָל פיל איך זיך ניט גוט, ווען איך דאַרף אוועקגיין. איך קלײַב אין זיך אָן מוט פון אַסאַך צײַט פריער...

נאָר איך גיי סאָפּקאָלסאָפ אוועק. איך גיי אַהיים.

מײַן פּאָטער ווייס שוין פון איר. מײַנע אַמאָליקע כאַווײרים—די שוסטער—כ'האָב זיך צוזאַמען מיט זיי אַמאָל געלערנט אין פּראָפשול—האָבן אים דערציילט:

— איי, האָט זיך וועליע אײַנגענאַדזשעט אין א פיירע.

שוסטער האָבן צו דעם א ספּעציעלן כוש. זיי דערשמעקן עס באַלד.

מײַן פּאָטער שמייכלט, א הײַנטוועלטיקער.

און פונדעסטוועגן זאָגט ער מיר:

— א ייִדישע איז דאָך בעסער.

קענטיק רעשטלעך זײַנען בא אים געבליבן—א בונדאָוועץ געוועזן.

מיר איז זי געפעלן, איז וועמענ ארט עס, וואָס זי איז א רוסישע? נאָר מיר דוכט זיך, אז איך דארפ צושטעלן א בענקלע, קעדיי צו דערלאנגענ זי־ זי איז אזוי אָנגעצויגן, אזוי וווּנדערשיינ. און איך...

איך האָב א פּאָר שווארצע אויגן, זיי קאָנענ אָבער ניט אויסהאַלטנ איר ליכט. און זיי פארמאכנ זיך און זיי פארשעמענ זיך, איך האָב א ליבנדיק הארצ, איז עס אָבער א צו פילנדיק און שטענדיק שפּירט עס — ווי א שפּיאָנ — נאָך יענעמ און דערפאר פארגעסט פארגעסט עס זיך ווי אליינ צו האלטנ זיך.

איך ווייס, דערפאר לייד איך, ווייל איך טראכט צופיל פונ דעמ, וואָס טראכט יענער וועגנ מיר, ווייל איך פארגרעסער שטענדיק יענעמס געדאנקענ. איך מיינ, אז ער טראכט מער, וויפל ער טראכט אינדערעמעסנ.

קורצ, כ׳מיינ, אז איך ווער מיעס דעמ מיידל.

איך נעמ וואָס ווייטער אלצ זעלטענער אריינגיינ צו איר. זי איז גוט באַ־ קאָנט מיט מיינ כאווערטע רייזעלע, און זי גיט דורכ איר איבער, איך זאָל אָפטער אריינגיינ צו איר.

איך גיי אָבער אלצ ווייניקער אריינ, כאָטש מיינ הארצ ציט מיך צו איר, כ׳וויל ניט איך זאָל איר אינגאנצנ דערעסנ.

זאָל מיר צו שלעכטס ניט דערמאָנענ די מיידל, וואָס האָט אינ זיך אלע פארבנ פונ רעגנבויגנ און דערצו נאָך עטלעכע!...

II

דער רעגנ האָט אויך ניט אָפּגעוואשנ.

גאָר ניט! כ׳בינ דאָך גאָרניט אזא גאָרנישט!.. אָט גייט א זומער, אָט צעגרינענ זיך די בלעטער, אָט צעשמעקנ זיך די בלומענ, און איך וויל זיך מער ניט צוהערנ צומ נארישנ קלאפּנ פונ מיינ אָנגערירטנ הארצ.

כ׳וועל אלצ פארגעסנ, איך וועל רייניקנ אויסוואשנ מיינ הארצ, ס׳איז דאָך נאריש מיט אָט דעמ נארישנ הארצ־קלאפּנ צעלעכערנ מיינ לעבנ.

אָט גייט א רעגנ, דער ערשטער זומערדיקער גוסרעגנ. ער וועט אלצ אָפּ־ שווענקענ, ער וועט מיינ הארצ אויך אָפּשווענקענ. נאָר איך גיי ארויס אפ דער גאס, אפ דער פריש־אויסגעוואשענער גאס. און אָט איז דער סאָד, די גרינע האָר פונ דער ערד זיינענ ווי צוגעקעמט. אלצ איז אינ אָרדענונג, אלצ איז גוט.

אָבער אפנ הימל איז א רעגנבויגנ. צוויי רעגנבויגנס. איינער העלער פונ צווייטנ.

און איך דערמאָנ זיך אָנ דער מיידל, וואָס האָט אינ זיך אלע פארבנ פונ רעגנבויגנ און דערצו נאָך עטלעכע.

האָט ניט געהאָלפן, הייסט דאָס, דער רעגן, וואָס עס איז פארקריצט אפן הארץ — קאָן מען מיט א רעגן אויך ניט אָפּוואשן.

קלאפ, נאריש הארץ, קלאפ!

אין א שאבעסצונאכט קום איך אהיים און טרעף מײַנע אלטע כ״כ שוסטער און שטעפערקעס. מע נעמט מיך איבער מיט א ברייטן גוטמאָרגן:

— וואָס מאכט יעקל בערעב פלעקל?..

אזוי רופן זיי מיך: „יעקל בערעב פלעקל״.

און זימקע דער „פאָעט״ זינגט מיר צו א לידל:

א ביטערער ראכמאָנעס
אף יעקל בערעב פלעקל —
ער׳ט פארסטראָמט די הארץ
מיט א הילצערנעם טשוועקל...

איינער לייגט פאָר מאכן א שפאציר אין פארק. מען שלעפט מיך, איך זאָל אויך גיין.

זימקע רעט מיך אײַן:

— עס קוועטשט, הא? מען דארף אביסל גיין, וועט זיך פאנאנדערשפארן. קום, ברודערקע.

פלוצים גיט ער זיך א כאפ:

— אײַ, דאָ איז פריִער געוועזן רייזעלע. זי האָט געזאָגט, אז זי דארף דיך זייער נייטיק האָבן, און אז דו זאָלסט קומען צו איר צען אזייגער. שטעל פיס, ברודערקע, עס איז שוין דרײַ פערטל צען.

— ניין, ס׳קאָן ניט זײַן, זאָג איך, אף וואָס קאָן זי מיך דארפן?

איך פלעג אמאָל ארײַנגיין צו רייזעלע. דאָרט פלעג איך זי אָן אנדערש מאָל טרעפן, מאטילדען, וועלכע פלעגט אָפט ארײַנגיין צו איר. אָבער כ׳בין שוין לאנג דאָרט ניט געווען און האָב מיט רייזעלען זיך זעלטן געטראָפן.

— גלויבסט ניט? זאָל מײַן קאָפ ווערן ווי אָנדערהאלבן צעבער די גרייס, אויב איך זאָג ליגן!..

און אלע כאפן אונטער און באשטעטיקן.

איך גלויב ניט. און איך זאָג זיך אָפ צו גיין. מיסטאָמע נארן זיי מיך אָפ, קעדיי איך זאָל גיין רופן רייזעלען אפן שפאציר.

די שוסטער מאכן ביטל־מינעס, און די שטעפערקעס — באליידיקונג־קנייטשן.

— וואָס וועלן מיר דיך אָפנארן?.. מאלע אף וואָס זי דארף דיך האָבן.

איך גלויב און גלויב ניט. איך שטעל זיך ניט פאָר, אף וואָס קען זי מיך דארפן, רייזעלע...

פלוצים גיט מיר א בליץ אין קאָפ:

מאטילדע האָט עפשער... עפשער איז זי בא רייזעלען, און איר האָט זיך מיטאמאָל פארוואָלט זען זיך מיט מיר.

זי האָט גערופן נאָך מיר. דאָס גיט מיר צו מוט. דאָס האָט פארשלײדערט מײַן קלײנמוטיקײַט, מײַן שעמעוודיקײַט.

איך קום גלײַך צו איר. זי איז, ווי שטענדיק, שײן, שענער פון אַלץ,

איך דריק איר די הענט. זי דריקט מײַנע הענט מיט פרייד.

סארא נאר איך בין געווען! אבי איך האָב געמײנט, אז אירע קלײנע פארשפיצטע פינגער זײַנען צו הײליק, זי זאָל זײ געבן דריקן מענערישע אָדער־דיקע הענט. אָך, ווי גערן זי גיט זײ!

איך רייד נארעשע רייד—ווי בא אונדזער ערשטער טרעפונג. און זי זאָגט, אז ס'איז קלוג, זײער קלוג. איך קוש זי, און זי קושט מיך אויך. אײַ, ווי זי קושט! זי רינגלט צונויף אירע ליפעלעך, ווי א פיאווקע, און זי רײַסט זי קוים אָפ.

איך רייד נארישע ווערטער, ווײַל איך בין א גרויסער נאר! איך האָב דאָך זי פריִער פארגעטערט.

די קישעפ־זײַד, מיט וועלכע מײַנע דימיען האָט איר פריִער פארהילט, איז איצט צוריסן געוואָרן, נאָר ס'מאכט ניט אויס, זי איז מיר נאָך טײַערער. זי איז איצט אן ערדיש מיידל, מיט אלע מיידלשע פארלאנגען.

זי וויל, איך זאָל זי נאָכאמאָל א קוש טאָן.

זי מיינט, אז איך בין געוואָרן עפעס גאָר אן אנדער מענטש... אָט ווי אלע, און נאָך בעסער... פריִער—זאָגט זי—בין איך געווען—עפעס א מאָדנער מענטש... איך פלעג קושן נאָר מיט די אויגן. אויגן האָסטו שטענדיק געהאט א פאָר זשוליקעס... נאָר ס'איז ווייניק...

און איך בין גליקלעך. גליקלעך, וואָס איך האָב די שענסטע מיידל. גליק־לעך, וואָס איך בין איבערגעבאָרן געוואָרן אפדאָסנײַ. גליקלעך, וואָס איך האָב זיך דערוווסט, אז דורך נארישקײַטן ווערט מען קלוג... איצט איז זי ווי א זײגערל בא מיר אפ די הענט: ווען איך וויל, גייט זי בא מיר, און דאכט זיך, אז זי גייט, אָבער איך טראָג דאָך זי. די שײנע מאטילדע, די וווּנדערשײנע, איז איצט ניט קײן הימלשע מיידל, פון איר קוק מוז מען אנטשוויגן ווערן. די שײנע מאטילדע איז איצט אן אומזיסטע בײַלאגע צום כאווער וועליע יאָ־דער, וועלכער האָט קײנמאָל פון זיך ניט געוווסט, און וועלכן עס דוכט זיך, אז איצט פארשטײט ער עפעס.

גוט!

געבענטשט זאָלן זײַן מײַנע כאווײרים, די שוסטער. זײ האָבן דאָ א גרויסן כײלעק.

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

ניין! די שוסטער—ווײַזט זיך איצט ארויס—האָבן גאָרנישט ניט געמײנט, זײ האָבן פאָשעט געוואָלט איך זאָל גײן רופן רײזעלע אפן שפאציר. זײ האָבן זיך געפוילט צו גײן. מאטילדע איז בא איר ניט געווען. דאָס האָט אלץ אופגעשפילט זי, מײַן צודרודלטע פאנטאזיע!.. זי מאָג אויך געבענטשט ווערן!..

III

אין א פינצטערער נאכט האָב איך גענומען זען.

הינטערן טיר איז געשטאנען א מענטש. ער איז געשטאנען און צוגעהערט זיך. אָפטער פון אלץ האָבן זײַנע גרויסע אויערן אופגעכאפט אן אָפּקלאנג פון דינינקע קושעלעך, א דינינקער קלאנג, פונקט ווי קליינינקע פייגעלעך טשוויטשערן. קלאנגעלעך אָפטע און אָפּגעריסענע. צווישן זיי, נאָר שוין ניט אזוי אָפט, האָט ער געהערט קושן ברייטע, ליפּיקע, און זייער אָפּקלאנג איז פונקט, ווי מען שלעפּט ארויס א פּראָבקע פון א פלעשל.

דער מענטש איז מאטילדעס פאָטער. ער האָט א טעווע אונטערצוהערן, ער שטייט דערבײַ מיט א פארטרוימטן פּאָנעם. ער דערמאָנט זיך מיסטאָמע, אז ער האָט אויך אמאָל געקושט. און איצט—זיפצט ער אין זיך.

— איצט קושט מען!

איך האָב אים פײַנט, מאטילדעס פאָטער. ווען ניט זי, וואָלט איך אים שוין לאנג אָנגעשפּײַט אין פּאָנעם.

איך בין שטענדיק בא מאטילדען. איך האָב אופגעהערט צו שרײַבן, כ׳באזוך ניט דאָס קעמערל. כ׳האָב זיך אָפּגעריסן פון מײַן ארבעט, פון מײַנע כאווײַרים, פארלאָזן זיי צוליב א מיידל, וואָס האָט מיך פארטשאדעט.

גייט זי אוועק א מינוט, טשוכע איך זיך אביסל אויס, און געדאנקען, ווי קאָמארן אין א הייסן טאָג, באפאלן מיך:

— וועליע יאָדער, ביסט אויס מענטש געוואָרן, דו האָסט געכאפּט א מיידל, א ספּעקוליאנטס א טאָכטער, און צוליב דעםווארפסט אוועק א מענטש זײַן געזעלשאפט, זײַן ארבעט, זײַן מייען, און טשעפּעט זיך אײַן אין א מיידל? ביסט פארמיידלט געוואָרן, ברודערקע, ס׳איז א הינטישע לעבן!

איך גיב זיך דאן א הייב פון שטול, גיב א שאר מיט די הענט—פונקט ווי איך וואָלט וועלן זיך פון עפּעס אָפּרײַסן, און אָן עפּעס אָנכאפּן, נאָר איך זעץ זיך צוריק ארויף אָנמעכטיק.

זי באמערקט עס, זי האָט טײַנעס. בויגט זי זיך צו מיר אײַן, נעמט ארום מײַן קאָפּ און זאָגט מיר:

— ביסט ווידער אומעטיק, יונגער פּאָעט...

זי בויגט זיך נאָך מער און קושט מיך.

און אזויווי זי איז אײַנגעבויגן, דערזע איך מיטאמאָל—א זילבערנעם ציילעמל אף א דיקן זילבערן קייטעלע, וואָס הענגט איבער טיף אונטערן האלדז, וואָס איך האָב ביזאהער קיינמאָל ניט באמערקט. דער זילבער האָט אָפּגעגלאנצט און האָט א בלענד געטאָן מײַנע אויגן...

מיטאמאָל איז מיר דורכגעלאָפן א בילד פאר די אויגן: מאטילדע שטייט אין קלייסטער, זי שטייט אף די קני פאר אן אלטן גאלעך, קושט אים די האנט און איז זיך מיסוואדע...

יאָ! מיר האָט קיינמאָל ניט געארט, וואָס זי איז א רוסישע, אָבער דאָס, וואָס זי טראָגט דעם ציילעמל...

כ׳פּרווו מיך אײַנשטילן: ס׳איז דאָך א קלייניקייט. מעגלעך, אז זי גייט גאָר ניט אין קלויסטער. מעגלעך, אז ס׳איז נאָר פון צירונג וועגן.

נאָר עמיץ לאכט זיך אין מיר פאנאנדער... כא, כא, זי קושט דעם גאלעכ!..

איר ווייסט דאָך, אז מײַן הארץ האָט זיך צעלאָפן ווי א נארישער פערד...

און אין אזא צײַט איז גענוג א קליין שמיצעלע, ער זאָל זיך צוטומלען.

איך האָב האלאָפירט, און איצט בין איך צוטומלט פון א קלייניקייט. דער קליינ ציילעמל האָט מיר געשטאָכן מיט זײַנע אלע פיר עקן. געוויס א קלייניקייט, אָבער זי אנטפלעקט אסאך.

דורך א קליין טרײַבל איז בעסער צו זען.

— א ציילעמל — פּיקט מיר אין מויעך — א רעליגיעזע, א קלייינבירגערן, א נעפּמאנס א טאָכטער, און איך... א קאָמיוגיסט, א פּראָלעטארישער שרײַבער. ביז וואָס ווערסטו דערגיין, וועליע יאָדער? ווערסט נאָך עפּשער האָבן א קינד, זי וועט אים באגיסן מיט הייליקע וואסער, און דו ווערסט אים מאל זײַנ?.

דער זילבערנער גלאנץ פון ציילעמל: ער שנײַדט די אויגן!..

און אין הארצן שנײַדט, און אין די אויערן הילכט, און אין מויל ביטערט און די פיס פארשטיינערן זיך...

און די הענט?..

די הענט לינגן אפ איר. איך נעם זיי אראָפּ, און איך ווייס ניט ווו זיי אהינטאָן.

הארבסטיקע, לעכערדיקע טעג. די קאלטע רעגנס האָבן אפ דורך און דורך געשווענקט די אָנגעהיצטע צעפּארעטע ערד. דינער רעגנשטויב פארקלײַבט זיך אויך צו מיר אין קאָפּ, וואָס איז פארפולט מיט רעשטלעך פון היציקע געדאנקען.

אפן גאס פײַפט דער ווינט ווי א סירענע, לעשט אויס פון די ביימער די געלע פײַער־בלעטער, וועלכע לאָזן זיך דערנאָך, ווי דערטרונקענע שיפלעך, שווימען מיטן וואסער פון רעגן, שווימען האסטיק אָן א ציל.

אלץ איז אין הארבסט אָן א ציל.

צוליב וואָס פאר א ציל גיי איך איצט צו מאטילדען? ווײַל ס׳איז הארבסט. ווײַל די הארבסטיקע נעפּלען דריקן מיר אפן הארצן, ווײַל איך דערפיל א נאסקײַט אין די פיס.

בא מיר לויפן היציקע געדאנקען, קיין איינער ווארט ניט ביז ער וועט ווערן פארטיק, און זיי פליען אָפּט אוועק גאָר פארקערטע, ווי דערטרונקענע שיפלעך... און מער קיין ציל איז ניטאָ. איך ווייס ניט, צי האָב איך זי ליב, איך ווייס ניט, צי האָב איך זי פײַנט. עס ציט מיר נאָך צו איר.

איך גיי צו איר ווי אַן אַלטינקער, וואָס ציט זײַן לעבן אָן קיין שום רע־כענונג; ווײַל ער איז געווינט, אַז ער דאַרף לעבן. דאָ איז פאַראַן נאָך עפּעס אַ ליבע, נאָר ניט די לעבעדיקע, נאָר דער טויטער קערפּער פון איר. אַ טויטע ליבע. דער צײַלעמל האָט זיך אווּעקגעשטעלט אַף אונדזער ליבע.

מײַנע געדאַנקען רײַסט איבער מאַטילדעס פּאָטער. אַלעמאָל רײַסט ער זיך אַרײַן עפּעס פּלוצים. און איך פאַרשטיי אים ניט. איך קאָן גאָרנישט אויפכאַפּן אין זײַנע וואַסערדיקע אויגן.

— יונגערמאַן!

— וואָס האָט איר געוואָלט?

— ווי איך פאַרשטיי, זײַט איר אונדזערער אַ גוטער פרײַנט — זאָגט ער מיט אַ וואַסערדיקן שמייכל.

איך ענטפער ניט. אַ גוטער פרײַנט בין איך אים? איך האָב אים פײַנט איך האָב פײַנט זײַן ברייטקײַט, זײַן פאַרשטעלטקײַט, זײַנע וואַסערדיקע אויגן. זיי לעשן עפּעס אַלעמאָל מײַנע פײַערדיקע אויגן. און איך האָב אים פײַנט, ווײַל ער האָט אין זיך אַן ענלעכקײַט אַף אַלע קאַריקאַטורן, וועלכע מע מאָלט אין די צײַטונגען אַף נעפּמאַנעס.

נאָר איך ענטפער ניט.

— איר קאָנט אונדז, יונגערמאַן, טאָג אַ טויווע. אײַער פּאָטער איז דער פּאָרזיצער פון דער ווינונג־געזעלשאַפט. מיך, ווי אַ ניטאַרבעטנדיקן עלעמענט זעצט מען אַרויס פון דירע. איך רעכן, אַז איר קאָנט ווירקן אַף אײַער פּאָטער.

ער זאָגט אָפּ פעסט, פּאַמעלעך יעדעס וואָרט, ווי ער וואָלט אַרויסגעזעצט אַ ברויטל פון אויוון...

מיר פאַרדריסט שטאַרק די אָפנקײַט פון זײַנע ריידן, זײַן איבערצײַגונג, אַז ער קאָן מיר, אַ קאָמיוגיסט, פּאָשעס און אָפן זאָגן, איך זאָל העלפן אים — אַ נעפּמאַן, אַ סוינע.

איך ענטפער הארט:

— איך קאָן אײַך גאָרניט העלפן.

ער ציט עפּעס אָן אַ מוטנעקײַט אַף זײַן וואַסערדיקן פּאָנעם. ער פאַרגע־דיכטעט אביסל די אויגן און צוטרייסלט די ליפּן, דערנאָך קוועטשט ער אויף די ליפּן, לאָזט דורך זיי אַ קליינע עפענונג, און דורך איר לאָזט ער אַרויס ווערטער דינינקע, שפּיציקע.

— אַבי כ׳האָב געמיינט, אַז איר וועט אונדז העלפן, איר גייט, זע איך, אָפט אַרײַן צו מײַן טאָכטער. זײַנע שפּיציקע ווערטער שטעכן מיך. ער, דער הונט, גיט פּאָשעטע אָנצוהערעניש. איך דאַרף אים באַצאָלן דערפאַר, וואָס איך גיי אַרײַן צו זײַן טאָכטער.

איך זאָג:

— בעכיין איז וואָס איז, אַז איך גיי אַרײַן צו אײַער טאָכטער?

— בעכיין זײַט איר אומדאַנקבאַר, יונגערמאַן!

מיך שטעכט דאָס, וואָס ער רעט עס מיט אזא איידעלן טאָן, מיך שטעכט, וואָס ער גיט צו נאָכאנאנד „יונגערמאַן", און איך זאָג אים שוין גאנץ גראָב:

— איך ווייס ניט פארוואָס דארף איך אייַך זייַן דאנקבאר.

אים האָט קאָנטיק פארדראָסן, וואָס איך געפין ניט פארוואָס צו זייַן אים דאנקבאר. ער האָט געלאָזן מיר, א קאָמיוגיסט, זייַן בלוט און פלייש, זייַן שאָכטער, און איך מאכ גאָרניט קיין ווענז פון דעם.

ער איז, ווי אלע אָפגעגעסענע מענטשן, אָדער צופיל איידל, אָדער זייער גראָב. ער עפנט איצט אוף זייַן גאנצן מויל, און לאָזט ארויס הארבע ווערטער, ווערטער ווי קלעצער:

— ניט נאָר, וואָס ניט דאנקבאר, דאָס איז פּאָשעט א כאווערשאפט...

עפּעס האָט אין מיר אופגעריסן. כ'האָב זיך געשטיקט פון קאעס. איך האָב פארביסן די צונג פון קאעס. די ווערטער האָב איך אויסגערעדט מיט אויסגעקוועטשטע באקן, פארקרימטע ליפּן און צעשטשירעטע ציינער, און ארויס זייַנען זיי אָנגעביסענע, פארביסענע ווערטער:

— בעהיימע, אויב דו ווילסט בלייַבן מיט גאנצע קאָפּיטעס...

איך האָב ניט פארענדיקט, צו דער וואנט איז ניטאָ וואָס צו ריידן. ער איז שוין געווען הינטערן טיר.

מער גיי איך ניט צו מאטילדען. טאקע, צוליב וואָס גיין?..

איך זיצ איצט גאנצע טעג אין שטוב. איך שפּיל זיך מיט קינדער. מיט דער שאָכנטעס מיידעלע. זי האָט בלויע אויגעלעך און זי דערמאָנט מיר אָן יענער, אָן יענער, וועלכע איך האָב שוין דאכט זיך ניט ליב, נאָר וועלכע האָט זיך פארקליבן צו מיר אין הארצן, איצטער מיסטיקט עס, דאכט זיך, שוין דאָרטן, נאָר איך האָב עס נאָך ניט ארויסגעוואָרפן, ניט אויסגעקערט. דאָס איז מיר שווער. ס'איז מיר שווער, ווי א מאמע, וואָס קלייַבט זיך ארויסווארפן די שמאטעס, וואָס זייַנען געבליבן נאָך איר נאָר וואָס פארשטאָרבענעם קינד.

הייַנט איז א נאכט, א פינצטערע נאכט, א געדיכטע און, דאכט זיך, א קלעפּיקע שווארצקייַט. איך האלט די הענט אין די קעשענעס, און, דוכט זיך, אז איך וועל זיי ארויסנעמען, וועל איך זיי דערזען שווארצע, און מע וועט זיי ניט קאָנען אָפּוואשן.

איך האָב פלוצים אינדערפינצטער דערזען א פּאָר פייַערלעך. זיי געהערן צו מאטילדעס אויגן. אינדערפינצטער זעט מען גאָרנישט, נאָר אויגן מיט פייַערלעך זעען זיך נאָך בעסער.

זי איז געגאנגען אַנטקעגן מיר, און זי מאכט זיך, אז זי זעט מיך ניט אָדער עפּשער זעט זי מיך טאקע ניט.

איך רופ זי:

— מאטילדע.

זי שטעלט זיכ אָפּ אונ קוקט אפ מיר מיט געמאכטע פרעמדע אויגנ.

— מאטילדע, דו האָסט פארגעסנ, ווער איז ווע̄ליע יאָדער?

זי ענטפערט ניט, זי איז אינקאעס אונ זי קרימט אויס איר מײַלכל:

— איכ וועל ניט ריידנ. דו האָסט באלייִדיקט מײַנ פאָטער, מײַנ טײַערנ פאָטער. אונ דערנאָכ גיט זי צו מיטאמאָל האסטיק, מיט א פולנ מויל:

— איר האָט געטאָנ ווי א כוליגאנ.

יעדער קליינ טייל̄כל אינ מיר האָט זיכ צעבונטעוועט קעגנ דעמ: זי גייט פארטיידיקנ איר פאָטער, דעמ מיִעסנ פארשויג, וואָס האָט מיכ אזוי מיִעס באהאנדלט.

אונ איכ זאָג איר שטארק אָפּ.

— דײַנ טײַערער פּאַ איז א גראָשנ ניט ווערט, דײַנ טײַערער פּאַ איז ניט מער ווי א הונט: איכ גיב א קוק אפ איר: איר פּאָנעמ האָט זיכ מאָדנע צעדרייט, די ליפּנ האָבנ זיכ געטרייסלט, די נאָז איז אָנגעבלאָזנ, די אויגנ פארלאָפנ געוואָרנ, זי האָט זיכ גענומענ קאָנוולסיוו ווארפנ, אונ זי האָט היסטעריש גענומענ אויסשרײַענ מאָדנע ווערטער, ווערטער, וועלכע דער מויעכ האָט ניט געשיקט, וואָס האָבנ זיכ אליינ געלאָזנ לויפנ ווי אינ א בעהאָלע, זיי זײַנענ געלאָפנ, אונ איינער האָט דעריאָגט דעמ אנדערנ, אונ פלעגנ צובריקענ זיכ, אונ פלעגנ געשטרויכלט אונ צעקלאפט ווערנ, דערפאר זײַנענ אנדערע ארויסגעפלויגנ האלבע ווערטער. אָנפעמענדיקע, צעהארגעטע.

אונ איכ בינ זיכ געשטאנענ. און די ווערטער זײַנענ צו מיר ניט דערגאנגענ. אזעלכע צעקאליעטשעטע ווערטער פאלנ אינ מיטנ וועג. מיר האָבנ זיי ניט גערירט. א מאָדנע זאכ: ניט נאָר וואָס מיכ האָט ניט פארדראָסנ, וואָס איכ האָב זי געבראכט צו דעמ, אז אָט דער שיינער פּאָנעמ זאָל אזוי צעקרימט ווערנ, איכ האָב אפילע קיינ ראכמאָנעס אפ איר ניט געלייגט. דער עקל האָט מיכ פארפולט. דער גרעסטער עקל באהערשט דאנ, ווענ מענ זעט א שיינע זאכ וואָס ווערט פארמיִעסט. איכ האָב זיכ דערמאָנט אָנ איר שיינעמ פּאָנעמ, ווי שיינ זי פלעגט אויסזענ. איצט איז דער פּאָנעמ געווענ צעקרימט, צעדרייט, צעהיצט.

יענע נאכט האָט אויסגעקערט די ליבע־מיסט פונ מײַנ הארצנ, אונ אינ יענער נאכט איז געבאָרנ געוואָרנ בא מיר די סינע, די אומפארמײַדלעכע סינע, וואָס שלעפּט זיכ נאָכ דער פארגאנגענער ליבע, פונקט ווי די נאכט, וואָס מוז קומענ נאָכנ טאָג.

יענע נאפט האָב איכ פארשטאנענ פארוואָס האָב איכ זיכ עס אזוי פלוצימ אײַנגעליבט: אינ א פוסטקײַט פאלט מענ לײַכט ארײַנ.

יענע נאכט האָב איכ זיכ אינעווייניק געפרייט, וואָס איכ בינ אויסגערייניקט געוואָרנ, וואָס מײַנע אויגנ זײַנענ צעעפנט געוואָרנ.

אינ א פינצטערער נאכט האָב איכ גענומענ זענ.

IV

דער ערשטער שניי גייט א צווייטנ מאָל.

עס גלעט עפּעס מײַנ הארצנ. איכ ווער צוריק שטיל. איכ נעם צוריק לעבנ... איכ נעם צוריק שרײַבנ.

איכ שרײַב איצט א מײַסע וויאזוי—שווארציאָר ווייס וויאזוי—איכ האָב זיכ אײַנגעליבט אינ א שיינער רוסישער, נעפּמאנישער מיידל, ווי מעשוגע עס האָט זיכ אײַנגעליבט א יונגער ייִדישער פּראָלעטארישער שרײַבער.

— אונ איכ ליב זיכ אײַנ—אפּדערופּ בינ איכ דאָכ א יונגער...

—אונ מיכ ארט ניט, וואָס זי איז א רוסישע—כאָטש איכ בינ א ייִדישער..

— מיר שטויסט אָבער אָפּ איר קלײנבירגערלעכקײַט—אפּדערופּ בינ איכ דאָכ א פּראָלעטארישער...

אונ איכ שרײַב איר ארײַנ א בריוו—שוינ איינמאָל א בריוו—אפּדערופּ בינ איכ דאָכ א שרײַבער...

אונ איצט זיצ איכ אונ שרײַב. אונ שרײַבנדיק וויל איכ אויסוועבנ דאָס אלצ, וואָס איז נאָכ געבליבנ אפּנ הארצנ, די סינע איז אויכ איבעריק, זי דערווײַזט נאָר, אז אפּריִער איז די ליבע געווענ צו גרויס, אונ איכ וויל אלצ אויסמעקנ, אלצ פארגעסנ...

איכ שרײַב, בא מיר ווערט פארפּלייצט די פּענ. די געדאנקענ, די געפילנ לויפנ גיכער פאר איר, אונ זי קאָנ זיי ניט דעריאָגנ.

איכ וואָלט איצט געשריבנ אונ געשריבנ. אָבער מע שטערט מיר, די קינ־דער פונ הויפ זײַנענ צופיל צוגעווינט צו מיר. איכ האָב זיי טאקע ליב, אָבער איצט שטערנ זיי מיר צו שרײַבנ.

אָט עפנט זיכ די טיר—אונ מײַנ ברודער לאָזט ארײַנ מײַנ שאָכנטעס מיי־דעלע, א גוט מיידעלע, א קלוגעטשקע, אָבער א שלעכט דערצויגענע.

זי האָט זיכ איר פראגע:

— שיי-ייִנע צורע, ווּסטע געגעכטיקט?

איכ ווער זייער אינקאעס, וואָס מע שטערט מיר איצטער. אונ איכ צעשרײַ זיכ אפּ דעמ קינד.

דאָס קינד צעוויינט זיכ.

אונ דער ברודער נעמט מיר זאָגנ מוסער:

— אז דו זיצט אונ שרײַבסט, פאלט דיר אײַנ א מאניע, אז דו ביזט א גאנצער גראפ, אָט דאָס הייסט גראפאָמאניע!

איכ שרײַב ווײַטער, מיר נעמט אָבער פארדריסנ: איכ האָב זי ליב, דער שאָכנטעס מיידעלע. זי האָט אויכ בלויע אויגנ אונ זי דערמאָנט מיר יענע, וועלכע איכ וויל ניט דערמאָנענ מיט מײַנע ליפּנ. עפּשער דערפאר האָב איכ זי נאָכ מער ליב.

איך נעם זי אפ די הענט און טרייסט זי מיט ניט גאָר פאַרשטענדלעכע ווערטער:

— ווײן ניט, קינד מײַנס, ניט ווײן, נאַרעלע, ס'איז מיִעס צו ווײנען! טרערן, זאָלסטו וויסן זײַן, זײַנען גאָרנישט ניט ווערט. טרערן און געלעכטער, כאָטש עס דוכט זיך, אז זיי זײַנען די שטאַרקסטע אויסדריקער פון געפיל, זײַנען אינדערעמעסן גאָרניט ניט ווערט, ווײַל מע קאָן זיי אַרויסרופן קינסטלעך: געלעכטער דורך קיצלען, און טרערן דורך ציבעלע. ס'איז גאָרנישט. שטאַרקער פון אַלץ איז יענער געפיל, וואָס מע זעט ניט פון אויבן.

כ'רייד און כ'ווייס, אז איך רייד דאָך פאַר זיך, כ'האָב ניט מיט וועמען צו ריידן, און עס ווילט זיך אויסריידן.

איך צעהאַרץ זיך און פיל ניט, ווי אונטער די אויגן האָבן זיך אויסגעשטעלט — ווי די וועכטער — טרערן.

איך פאַרשעם זיך פאַר דער קליינער און שמייכל זיך פאַנאַנדער.

און זי, די קליינינקע, הערט אויף צו ווײנען, און קוקט אַף מיר מיט אַזעלכע קעציש-פאַרשטייענדיקע אויגן און צעשמייכלט זיך אויך.

און איך דערפיל די לעכערלעכקײַט פון דעם, וואָס איך זאָג מוסער, און בא מיר אַליין זײַנען די אויגן „אַפן נאַסן אָרט”. איך דערפיל די לעכערלעכקײַט און מיר פאַרווילט זיך אויסלאַכן פון זיך אַליין.

— הערסטע — זאָג איך — אַמאָל וועט א יאַט דיר אויך אָנברעקלען דאָס האַרץ, וועסטו אים מיסטאָמע נעמען פאַר א מאַן„ נאָר אויב ער וועט זײַן אַזויווי איך — א שוסטער, וואָס טויג ניט צו דער מעלאָכע — לאָז אים ניט זײַן קיין שרײַבער.

מיך אינטערעסירט עס ניט, נאָר אויב אײַך אינטערעסירט עפּעס יאָ, קאָן איך אײַך ווייניק וואָס ווײַטער דערציילן וועגן איר: איך בין צו איר מער ניט אַרײַן. מער ניט א בריוו — ווי אַלע אַמאָליקע אָפּגענאַרטע העלדן — האָב איך איר אַרײַנגעשיקט.

און פון מאַטילדען האָב איך געהערט, אז זי פילט זיך איצטער זייער שלעכט, אז מע האָט אַרעסטירט איר טאַטן.

גוט אַף אים!

דאָסראָוו קומט פאָר אַזוי: אַפריִער איז ווינטער, פרילינג, דערנאָך זומער, האַרבסט, און נאָכן האַרבסט קומט ווידער דער ווינטער.

לויטן רעכענונג — הייסט עס — איז ווײַטער ווינטער.

א שיינער, א ווײַסער ווינטער.

דער ווײַסער הימל ברעקלט זיך. דער ערשטער שניי פאַלט אַרויס. דער שניי איז קלאָר. דער שניי איז ווײַס. קלאָר און ווײַס. ס'איז זיך טאַקע ניט קיין נײַס, נאָר ס'איז פאָרט אַזוי.

זײַן ווײַסע קאַלטקײַט גיט ער מיר איבער — דעם שניי — אין האַרצן. די ווײַסקײַט בלײַבט און די קאַלטקײַט ווערט אָנגעוואַרעמט. איך דערפיל זיך

גרינג ווי א קינד, אינ קאָפּ נעמענ ווינטלענ גרינגע פלִיגלדיקע זיכרוינעס, איכ גיי אונ גליטש זיכ אונטער, אונ א פרייד גליטשט זיכ אינ מיר.

פונדערווײַטנ דערזע איכ א קאָפּ שווארצע האָר אונ א שלאנקע פיגור, יאָ, ס'איז, דאכט זיכ, מאטילדע, מײַנע אנ אמאָליקע באקאנטע. איצט, דאכט זיכ, קאָנ איכ זי ניט. אונ כ'גיי ווײַטער.

הארט לעבנ מיר דערהער איכ א קאָל:

— ווענליע!

איכ האָב זיכ א קער געטאָנ אונ שטיל געזאָגט:

— Вы, наверное, ошиблись!

זי האָט זיכ אָנגעוואָרנ, ווי א מאטבייע אינ שניי. א פארב איז דורכגעלאָפנ איר פּאָנעם. אָבער אינ אימ זײַנענ איצט ניט געווענ אלע פארבנ פונ רעגנ־בויגנ. עטלעכע ווייניקער. אונ זיי האָבנ אויכ אויסגעזענ ווי אָנגעשמירטע, ארופגעלייגטע.

אונ דער קאָל איז טאקע א שטיל־מעלאָדישער, אָבער א געריירטער.

אונ זי זאָגט מיר מיט מײַנע אמאָליקע ווערטער.

— ווענליע, דו האָסט פארגעסנ ווער איז מאטילדע?

כ'שווײַג.

אונ זי רעדט:

— ווענליע טײַערער, וואָס שווײַגסטו? דו האָסט מיר אופגעוועקט, איכ האָב שטענדיק נאָר זיכ אליינ געליבט, דו האָסט מיר אויסגעקערט מײַנ הארצ אפּ דער לינקער זײַט, אונ איצט לאָזטו מיכ. איכ האָב איצט קיינעמ ניט, קיינ טאטנ, איכ וועל גיינ נאָכ דיר אונ קאָנ מיט דיר מיטגיינ אפילע אינ קאָמסאָמאָל.

מאָדנע אָפּגעהאקטע ווערטער.

אונ איכ שטיי אונ קוק אפּ איר. מײַנ אלטע פארהיילטע הארצ־ווונדנ האָבנ זיכ גענומענ עפּענענ. אונ איכ האָב א קלער געטאָנ; ווער וויס א מיידלס הארצ? עפּשער האָט זי זיכ געביטנ. איכ האָב אופגעוועקט אינ איר די ליבע, עפּשער האָט זי פארפולט איר פוסטקײַט.

אונ זי בײַגט זיכ אײַנ מיכ קושנ...

אונ עפּעס גיט א בליצ אינ מײַנע אויגנ.

דאָס בליצט דער ציילעמל, דער זילבערנער ציילעמל אפּ איר האלדז.

איכ האָב זי אָפּגעריסנ פונ זיכ אונ אוועק.

איכ גיי. אונ דער ערשטער שניי גייט. ס'איז ניט אזא טראגעדיע, ער זאָל זיכ צוליב דעמ אָפּשטעלנ.

אונ אויב מיר ארט עס—איז עס נאָר, ווײַל איכ האָב א נאריש צארבא־לעכאים־הארצ.

אײַכ זאָל עס ניט ארנ!

אָקטיאבער—נאָיאבער 1928.

אין גרינעם כוידעש מײַ.

I

ס'איז געווען א ווײַסער שניי. איז דער שניי צעגאנגען, איז געוואָרן מוטנע וואסער.

דער ווײַסער הימל, דער הימל־שניי איז אויך צעגאנגען. איצטער שווימען מוטנע וואָלקנס. באל וועלן זיך די וואָלקנס אויך צעגיסן, וועט ווערן נאָך מער מוטנע וואסער.

מאָניע מינקין שפּײַט איצט אף דער וועלט. וועט די וואסער פון דער וועלט מיסטאָמע ווערן נאָך מוטנער.

אָט וואָס מען דערציילט וועגן מאָניע מינקינס לעצטער ליבע־געשיכטעלע:

ער איז געגאנגען פון דער ארבעט מיט פייגעלען און טײַבעלען. רעדט ער און רעדט. און אז מאָניע מינקין רעדט אסאך, דערעדט ער זיך טאָפּ־קאָלסאָפּ.

זאָגט ער:

— איך בין מעשוגענערווײַז פארליבט!

גיט פייגעלע א פּישטשע:

— אין מיר?...

גיט טײַבעלע א וואָרקע:

— אין מיר?

באָמקעט מאָניע אָפּ:

— איןביידן!

פייגעלע איז א „נאקלאדטשיצע" אין דרוקערײַ. שפּיגל־אויגן האָט זי. ווען איר גיט אף איר א בליק און איר ווילט זי א קוק טאָן, דערזעט איר גאָר זיך. ווען איר גיט א קוק אין שפּיגל אף זיך—שטעלט זיך אײַך פאָר פייגע־לעס געשטאלט. א מיידעלע, ווי ס'באדארף צו זײַן, א מיידל דארף האָבן א קײַלעכדיק פּענעמל—האָט זי עס, קײַלעכדיקע בלויע אויגן אין פּענעמל—האָט זי עס, קײַלעכדיקע „לאכערלעך" אין די אויגן—האָט זי עס ווידער. יאָ, מיט דער פייגעלע גייט צו אלץ צו גוט.

ס'איז אזשנע פייגלדיק!

און אז מאַניע קומט פון דער ארבעט שטארק פארמאטערט, איז גוט לעבן איר אָפּצורוען.

טײַבעלע איז א זעצערקע. א צולאָכעס־מיידל. א מיידל דארף האָבן א קיי־לעכדיקן פּאָנעם—האָט זי עס ניט, ווײַל זי האָט גאָר א שפּיציק פּאָנעם, מיט ענערגישע שפּיציק־שטעכנדיקע אויגן. א פארשפּיצטע מיידל: זי קען א מענטשן ווער ווייסט וווהין פארפירן.

און אז מאַניע איז אויסגערוט—קאָן זי פארמאטערן.

זיי זײַנען אים ביידע געפעלן געוואָרן. איינע דערגאנצט דער צווייטער.

אָבער מע קאָן דאָך אליין פארשטיין, אז קיין גוטס קאָן פון דעם ניט ארויס. גלײַך, דעם ערשטן מאָל, ווי זיי האָבן זיך געוואָרפן אף אים קושן, האָט גלײַך איינע פון זיי א טאָעס געהאט און א קוש געטאָן גאָר דער צווייטער.

מע קאָן פארשטיין, ווי ס'איז ווײַטער צוגעגאנגען.

קושערײַ, קושעלעך, עפּיזאָדישע קושן, א יאָסעמ־קוש, קורצער שטילשטאנד, קריגעלעך, קריגערײַען.

און דעם סאָף קאָן מען סטיליזירן מיטן אָנהייב:

— געוואלד, ווי מיר איז נימעס געוואָרן.

גיט פייגעלע א פּישטשע:

— איך?...

גיט טײַבעלע א וואָרקע:

— איך?...

באָמקעט מאָניע אָפּ:

— ביידע!

איז געווען א ווײַסער שניי, איז ער צעגאנגען. איז געוואָרן מטנע וואַ־סער. מאָניע מינקין שפּײַט אף דער וועלט, וועט ווערן נאָך מוטנער.

מאָניע מינקין לאָזט א רויך פון ליולקע, און זײַנע געדאנקען צעציִען, צעקרײַזלען זיך און צעקריכן ווי דער רויך. אָדער לאָמיר זאָגן אנדערש: די געדאנקען צעגייען אויך און ווערן אויך מוטנע. וואָרעם—טאַטע יוינע, ווי ס'איז אים דאָס אלץ מיִעס געוואָרן!

ער שלעפּט ווידער ארויס טאבאק פון קעשענע און פון איר פאלט ארויס א צעקנייטשטע פּאפּירעלע, ער גיט אף דעם א קוק און זײַן פּאָנעם ווערט ליכטיקער, און די קנייטשן פון פּאָנעם ווערן ניט. אָט דאָס צעקנייטשטע פּאַ־פּירעלע האָט ארײַנגענומען זײַנע קנייטשן אין זיך.

פּילינקע, די נײַע „נאקלאדטשיצע", האָט עס נעכטן געשריבן, און זי האָט עס פארגעסן אין בופעט אפן טיש. ער לייענט עס נאָכאמאָל:

„טײַערינקע סאָניע! הײַנט האָט געטראָפן דאָס גרעסטע, דאָס בעסטע אין מײַן לעבן! מיין פריִערדיקער לעבן האָט זיך געצויגן ווי א שאָ־ווײַזער. דאכט זיך, אז ער גייט און קאָנסט עס קיינמאָל ניט באמערקן. ער איז מיר מיִעס

געוואָרן! איך האָב אַלץ געוואָרט, ווען וועל איך עס קאָנען אָנשפּײַען אַפן גאַנצן לעבן מײַנעם, אַז אַלדע רוכעס און טײַוואָלאָנים זאָל וויער ווערן אַפן האַרצן! נאָר הײַנט—איז דער בעסטער טאָג פון מײַן לעבן!...״

בייס ער האָט געלייענט דעם ערשטן מאָל האָט ער זיך דאָ אָפּגעשטעלט. ער איז געווען איבערצײַגט, אַז ווײַטער וועט גיין וועגן אַ באָכער'ל, וואָס זי האָט אײַנגעפונען. העכער פון דעם האָט ער זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, מאָניע מינקין!

ער איז אָבער דערשטוינט געוואָרן, ווען ער האָט דורכגעלייענט ווײַטער:

„טײַערינקע! דו שטעלסט זיך פאָר? הײַנט ביזן איך צום ערשטן מאָל אוועק אין דרוקערײַ! איך שטעל זיך אוועק אַרבעטן! דער גערויש פון מאַשינען, דער שאַרך פון פּאַפּיר... ס'איז מיר ליב ווי דער בלעטער־רויש, וועלכער גע־דענקט זיך מיר פון מײַן קינדהײַט, ווי פעלד־און קאָרן־מוזיק...

מאָניע מינקינען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון פּאַפּירל גייט אַרויס דער דופט, דער אַראָמאַט, דער זיסער רייעך פון אַרבעט, וועלכן ער האָט אויך אַמאָל געפילט. איצט פילט ער נאָר אַ גרילצערײַ פון אײַזן.

גרילצערײַ פון אײַזן! זײַן האַרץ נעמט ניט אויף איצט קיין דינערע זאַכן. אַמאָל גיט אַ פלי פאַר זײַנע אויגן אַן אַמאָליקע פאַרב, פאַרן נאָז—אַן אַמאָ־ליקער רייעך, אָבער לאַנג האַלט עס זיך ניט אײַן, און דאָס פאַרשווינדט. זײַן האַרץ איז פאַרמיסטיקט. די ליבע־געשיכטלעך—זיי לאָזן צוביסלעך מיסט אַפן האַרצן.

די פייגעלעך מיט די טײַבעלעך—פליען זאָלן זיי צו אַלדע שוואַרציאַר. ער דאַרף זיך צוריק נעמען פאַר דער דערפינדונג. ער דאַרף זי פאַרענ־דיקן. אַרויסשלאָגן זיך אָט די אַלע פאַרדרייענישן פון קאָפּ, און זאָל דאָס אים ניט שטערן.

אָט דאָס ווײַסע שטיקל פּאַפּיר האָט אים אַרײַנגעטראָגן אַ ווײַסקײַט אין האַרצן.

אָט גייט ער אַרויס פון שטוב, אָט דערפילט ער אַ שטעקל אַף זײַן פוס. ער דערזעט פאַר זיך אַ שיין מיידל מיט אַ דערשראָקענעם פּאָנעם, און זי פּליסטערט אויס.

— עך, אַנטשולדיקט!

אַך, סאַראַ ווערטער, ווי פּרילינג־פייגעלעך צעזינגען זיך אין דער אָוונט־דיקער לופט. ווי אַ פידל אַף אַ באַנאַכטיקן שיפל.

ער ענטפערט, פאַרשטייט זיך, „אַ דאַנק״. און ער האָט שטאַרק דערפון האַנאָע. פון גרויס האַנאָע, און עפּשער גלאַט אַזוי, גייט ער ווײַטער און גיט אַ נאָס. און ער הערט לעבן זיך אַ קאָל:

— געזונטינקערהייט!

אַ מוטער מיט אַ קליין קינד אַף די הענט מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן זאָגט עס אים.

— א דאנק, א דאנק. צוויי מאָל א דאנק דיר, מוטער, פאר דײַן גוטן ווונטש, פאר דײַן גוטן שמייכל.

איצט האָט ער האנאָע פון אזעלכע קליינינקײַטן! איז דאָך גוט! איז דאָך א סימען, אז ס'האָבן זיך צעזונגען אויך די דינערע טענער פון זײַן הארצן.

זאָל ער האנאָע האָבן. און ס'איז א יושער, אז איך, איר און מיר אלע זאָלן אים איצטער טרעטן אפ די פיס, און פון יוצע וועגן שוין אויך אנטשולדיקן זיך. ער וואָלט אונדז אלעמען באדאנקט.

אז ער איז ארײַן אין שטוב האָט אפ אים א קוק געטאָן דער קאלענדאר און דער קאלענדאר האָט אים דערמאָנט, אז נישקאָשע, ער, לעמאָשל, הייבט אָן יעדן יאָר זײַן לעבן פון איבערנײַס.

די מוטנע הימל־וואָלקנס האָבן זיך צעגאָסן. דער ערשטער רעגן. דורך לאנגע וואסערדיקע שטריק האָט זיך פארייניקט דער הימל מיט דער ערד, און אָט די וואסערדיקע שטריק עקבערן זיך טיף אין דעם צעגאנגענעם שניי ארײַן, און עס דוכט זיך, אז דער הימל ציט מיט אָט די שטריק די ערד צו זיך. דער טײַך הייבט זיך טאקע, קרײַזלט און מאטערט זיך און רײַסט זיך צום הימל. הימל, עפן זיך!

מאָניע מינקין שטייט בא דער ארבעט, און אן אָנגענעמע רויִקײַט פארפילט אים. א רויִקײַט, וואָס ער געפינט זיך איצטער אונטער א דאך. דער רעגן שמײַסט אין פענצטער פון צינקאָגראפיע, נאָר דאָס פענצטער שטייט אפ איין אָרט, כאָטש טו אים עפעס!

ער גיט א קוק אפ דער קלישע, וועלכע ער פײַלט ארום. אפ איר איז אָנגעמאָלט א פריליגג־פײזאזש. מיטאמאָל דערפילט ער זיך פונקט, ווי מע וואָלט אים באשאָטן מיט בלומען.

אין צימער ווערט אלץ פינצטערער, אין הארצן ווערט אָבער ליכטיקער. אויסערדעם, וואָס ס'גייט א רעגן, און דער טײַוול ווייס פארוואָס ער איז צופרידן פון דעם. אויסערדעם מאָג ער אויך צופרידן זײַן. ער איז קימאט פארטיק־מיט זײַן דערפינדונג, ס'האָט אויך וואָס צו זאָגן.

מיטיק צײַט איז ליכטיקער געוואָרן. דער רעגן איז לויט זײַן אלטער געוווינהײַט געגאנגען, געגאנגען און פלוצים זיך אָפגעשטעלט. עס האָבן זיך איבערגעריסן די וואסער־שטריק. די ערד האָט זיך צוריק אָפגערוקט פון הימל, דער הימל איז העכער געוואָרן.

מיטיק־צײַט איז ליכטיקער געוואָרן. און מאָניע, לויט זײַן אלטער געוווינהײַט, רוקט זיך צו צום קרײַז פון די מיידלעך און פארכאפט זיך באלד צוריק. ער האָט גאָר פארגעסן, אז זיי זײַנען אים אלע מיִעס. אָי, ווי מיִעס געוואָרן. ס'איז שווער צו האלטן אפן קאָפּ קעסיידער.

איינע רופט אים אָבער צו:

— גיב נאָר א קוק אפ יענער נייַנקער. זי איז נעכטנ דעמ ערשטנ טאָג געקומענ צו דער ארבעט, האָט זי געמיינט אפּאָנעמ, אז זי גייט אפ א מאסקאראד. זי איז געקומענ אינ א נייַנקער קלייד...

מאָניע גיט א קוק. פונווייַטנ שטייט זי. ס'איז דיזעלבע, וואָס האָט פארגעסנ נעכטנ ס'צעטעלע.

— כא, כא, כא! מיר האָבנ איר געגעבנ א קאסע מיט זאצ אונ געהייסנ איר, זי זאָל עס גייננ אונטערנ קראנ אייַנוויקנ. כא־כא! ווי זי האָט עס געגאָסנ וואסער.

מאָניע באטראכט זי. א שיינ פּענעמעל. אָבער גוט אופכאפּנ איר אויסזענ האָט ער ניט געקאָנט, ווייַל אָט שטייט זי מיט א שטרענג ניט־ריר־מיר־אָנ פּאָנעמ, ווי א גריכישע סקולפּטור, אָדער לאָמיר ריידנ פּאָשעטער, מיט א פּאָנעמ פונ א שילערנ פונ די עלטערע קלאסנ. דאָס איז, קאָנטיק, איר געוויינטלעכ אויסזענ. אָט גייט צו איר אָבער עמיצער צו, דער פּאָנעמ בייַט זיכ. זי עפנט אופ אביסל דעמ מויל, קעדיי עס זאָל זיכ קאָנענ ארויסגאנווענענ א שולדיקער שמייכעלע, אונ זי כליאפּעט פאנאנדער א פּאָר שולדיקע אויגנ, אונ הערט זיכ גוט אייַנ, וואָס מע רעדט צו איר. אָט די קליינע! זי דארפ קריגנ א נייַ אויסזענ, דערווייַל ווערט זי אָנ אויכ דאָס אלטע!

אונ אז זי בלייַבט ווידער אליינ, בלייַבט איינ האלבער פּאָנעמ א שטרענגער, אונ דער אנדער האלבער פּאָנעמ שמייכלט. זי ווערט גאָר אָנ איר פּאָנעמ. אונ דערפאר ווערט זי זיכ אָנ נאָכמער ווי פריִער.

אונ אזויווי זי שטייט, רוקט זיכ אָנ א גרופּע יונגע זעצער, זיי זעצנ זיכ אָנ, מע נעמט זיכ פאר די הענט, מע דריקט צו זיכ.

— שיינ לעבנ דו מייַנס!

זי ווייס ניט וואָס צו טאָנ. לאכנ, צי וויינענ. פארקרימענ זיכ, צי שמייכלענ, אָבער ניט זי לאכט אונ ניט זי וויינט. אי זי שמייכלט, אי זי פארקרימט אימ דעמ שמייכל.

סאָפּקאָלסאָפּ רינגלט מענ זי ארומ פונ אלע זייַטנ. זי מוז, מיסטאָמע, איצט פילנ זיכ ווי א פיש, וואָס איז ארויסגעפאלנ אפנ ברעג. אָדער עפּשער גאָר ווי א ווייַסער מענטש, ווענ ער פאלט ארייַנ צו די שווארצע. גיינ פרעגנ בא איר ווי פילט זי זיכ איצטער, איז פונדעסטוועגנ קיינ ארבעט ניט.

— צו אלדע שווארו!...

„צע” אונ דער קומענדיקער וואָרט „יאָר” זייַנענ פארכלינעט געוואָרנ אונ פארשווונדנ, פונקט אזויווי עס זייַנענ גלייַכ ניט געוואָרנ די זעצער. די ווערטער זייַנענ בא אימ ארויס, ווי פונ אונטער א בארג, אָדער פונקט ווי זיי וואָלטנ ארויסגייענדיק צעבראָכנ שלעסער. מאָניע מינקינ קאָנ שרייַענ. מאָניע גייט צו איר צו, זי קוקט אפ אימ מיט אויגנ, וואָס אי זיי לאכנ, אי זיי וויינענ, אָבער זי שמייכלט אונ צעקרימט אימ שוינ ניט, דעמ שמייכל.

זי איז אימ, קאָנטיק, דאנקבאר. אירע אויגנ נעצנ זיכ אינ דאנקבארקייַט.

ער דערלאנגט דאָס צעטעלע.

— איר האָט עס נעכטן פארגעסן אפן טיש. כ'האָב עס פארגעסן אײַך אָפּגעבן.

ווי די זון נעצט זיך בא פארגיין אין טײַך, נעצט זיך, נעצט זיך, און גיט דערנאָך א בלישטש, אזוי האָבן אירע אויסגענעצטע אויגן זיך איצט צע־בלישטשעט.

זאָלן זיי נאָר ניט פארגיין, ווי די זון. זאָלן זיי בלישטשען ווײַטער. ניין, זי לאָזט אָבער אראָפּ אירע ווײַסע פאָרהענגלעך. זי לאָזט אראָפּ די אויגן.

פארוואָס לאָזט מאַניע אויך אראָפּ די אויגן? עפשער קוקט ער עס אפן דיל, זען, צי עס שפיגלט זיך דאָרט ניט אָפּ פון אירע אויגן א שײַן!?

זי דאנקט. זי הייסט פילינקע. זי גיט אים די האנט. ער נעמט בא איר די האנט, סארא שיינע האנט בא איר. סארא פארשפיצטע פינגערלעך. זי איז בכלל שיין. ער נעמט זיך ניט אונטער, אז ער האָט געזען עפּעס שענערס. אָט נעמט די בראָשקע, אפילע זי איז זייער שיין.

ער נעמט אראָפּ און באטראכט איר בראָשקע.

אָ, מאָניע רעדט שוין ווידער. און אז מאָניע רעדט, דערעדט ער זיך. ער טאָר מער ניט ריידן. ער מוז לאָזן אינמיטן וואָרט. ער גיט זיך פּלוצים א כאפּ. ער טאָר איצט ניט פארציִען קיין נײַע געשיכטע. ס'איז א געשיכטע אָט מיט די געשיכטעס! ווי זיי קלעפּן זיך צו אים. און זיי לאָזן אים גאָרניט ניט טאָן. און זײַן דערפינדונג לאָזן זיי אים ניט פארענדיקן.

— אדיע!—לאָזט ער ארויס איינצייניק וואָרט, וואָס פליט מאָדנע ארויס ווי א פייגעלע פון נעסט.

— האָט מיר אדיע!—ענטפערט זי און לאָזט ארויס א דרײַלינג ווערטער, וואָס גייען ארויס גרויסארטיק שיין און געשפאנט, ווי א גוטע „טראָיקע“.

און אז ער גייט אוועק, כאפּט ער זיך, אז זי האָט געלאָזן בא אים איר בראָשקע, און אים פאלט אײַן א מאָדנער געדאנק. ס'איז, פארשטייט זיך, א נאַ־רישקײַט. אים פאלט אײַן, אז דאָס צעטעלע האָט זי דאן אויך פארגעסן מיט א קיוון.

II

צעטעלעך, ווי באבעלעך, פליִען אין פרעזידיום.

איינע איז ארײַנגעפאלן אין גלאָז מיט די וואסער, וואָס אפן פרעזידיום־טיש—און זי טרינקט זיך דאָרט, ווי א פליג.

עס רעדט דער פארוואלטער פון דרוקערײַ. א פילפארביקן קאָל האָט ער. לאנגלעכע ווײַסע ציינער האָט ער, און די ווערטער טאנצן בא אים ארויס, ווי פון אונטער קלאווישן. צארט אויסגעכאָלעטע ווערטער. קײַלעכדיקע „ריישן“ און פלאטשיקע „לאמעדן“.

א פֿײַערלעכער אָוונט, ווײַל עס ברענענ פֿײַערלעך אינ זאַל—אונ זײַט מויכל פֿאַר א באנאַלער פֿאַרגלײַכונג—עס ברענענ פֿײַערלעך אינ די הערצער, אונ ס׳ברענענ פֿײַערלעך אינ די אויגנ, אונ ס׳ברענט א פֿײַערל אינ גלעקל וואָס אפֿנ טיש, אונ פֿײַערלעך—אינ די קנעפּלעך אונ בראָשקעס פֿונ די פֿרויענ אונ ס׳גלאַנצנ אָפּ פֿײַערלעך אינ די אויסגעפּאָלירטע פֿליכנ פֿונ אײניקע פֿרעזידיום־זיצער.

פֿונ אזויפֿיל פֿײַערלעך איז דער זאַל צעהיצט. אונ—זײַט מויכל—אויב מאָניע מינקינ אינ פּרעזידיום שוויצט, שוויצט ער, מע קאָנ דערצו ניט העלפֿנ. וואָרעמ אויב דו האָסט דערפֿונדנ א נײַע דערפֿינדונג, וויאַזוי אַלײנ אויסאַרבעטנ ביליק פֿאַרבנ פֿאַר דער ליטאָגראַפֿיע—מעגסטו צושוויצנ אָביסל אונ אָנעמענ דעמ קאָוועד, וואָס דײַנע כאַוויירימ־אַרבעטער טוענ דיר אָנ.

אָט רעדט דער פֿלעכקעפּיקער קאָרעקטער. די עלעקטרישע שטראַלנ שפּילנ זיך אָפּ זײַנ פֿליך, זײ האָבנ אימ, קאָנטיק, אָנגעעלעקטריזירט, אונ ער האָט זיך פֿאַנאַנדערגערעדט, ווי א מאַשינ. ער האָט אזויפֿיל „געגאָסנ וואַסער”, אז ער האָט זיך אַלײנ דערטרונקענ אינ זײַנע רײד אונ ניט געוווּסט ווי צו ענדיקנ — א וואָרט באַקומט דער כ׳ מעטער.

מאָניע קאָנ אימ פֿאַר א שטילנ אונ באַשײדענעמ זעצער. אָט דער מעטער איז אימ עפּעס ביז אהער ניט געפֿעלנ געווענ פֿאַר זײַנ אָנגעצויגענעמ אַריסטאָקראַטיזמ, וואָס טרעפֿט בא אַנדערע דרוקער, וואָס שפּאַרט דעריקער אַרויס פֿונ זײַנע געדיכטע, געדרײטע וואָנצנ.

מאָניע וואָלט זיך קײנמאָל ניט געריכט, אז אָט דער פֿאַרפֿרעמדטער מענטשל וועט זיך איצט שטעלנ רײדנ וועגנ אימ. דאָס האָט אָפּ מאָניענ געמאַכט אנ אײַנדרוק פּונקט ווי ער וואָלט דערהערט זײַנ נאָמענ פֿונ א דורכגײער אינ א פֿרעמדער קאַלטער שטאָט. אונ אָט די אומדערוואַרטקײַט האָט געשאַפֿנ בא אימ א באַזונדער געפֿיל צו דעמ מעטער. מעטער רעדט, די צונג ליגט בערהאַרכאָוועדיק, אונ יעדנ וואָרט גיט ער מיט אימ אנ אונטערקלעצל. די ווערטער דאַרפֿנ זיך אָבער נאָך דורכשפּאַרנ דורך זײַנע דורכגעלעכערטע צײנער, דערפֿאַר טווישטשענ זײ אונטער, ווענ זײ לויפֿנ אַרויס. די ווערטער זײַנענ עפּעס שוואַך דערגאַנגענ צומ אוילעמ, ווײַל אַרויסגײענדיק פֿלעגנ זײ זיך פֿאַרבלאָנדזשענ אינ די געדיכטע האָר פֿונ די וואָנצנ.

נאָר צו מאָניענ זײַנענ די ווערטער דערגאַנגענ, יעדער וואָרט איז צו אימ צוגעגאַנגענ אונ אָוועקגעזעצט זיך, ווי א צושויער בא אימ אינ הארצנ. אונ מאָניע פֿילט, אז אָט די פֿרעמד־אײגענע ווערטער אַפּלאָדירנ דאָרטנ בא אימ אינ הארצנ. עס קלאַפּט לעקאָוועד דעמ, וואָס דער שטילער פֿאַרפֿרעמדטער מעטער—ער האָט, אויך געעפֿנט זײַנ מויל לעקאָוועד דער דערפֿינדונג פֿונ כ׳ מינקינ, ער האָט, ווײַזט אויס, אויך א הארצ צו פֿילנ, ער פֿילט אויך, קעדײ צו באַגײַסטערט ווערנ...

אָט דער פֿאַרפֿרעמדטער מענטש ווערט אימ נאָענט...

נאָר דער רעדע דריקן זיי שטארק איינער דעם צווייטן די הענט.

מאָניע גיט אַ קוק אין זאַל אַרײַן, באַמערקט ער פּילינקען, זעט ער, אַז בײַ איר זײַנען עפּעס אויך די אויגן גרעסער. דערנאָך גיט ער אַ קוק אויפֿן זאַל, דוכט זיך אים, אַז דער זאַל איז אויך געוואָרן גרעסער. בײַ אַלעמען זײַנען הײַנט די אויגן גרעסער. אָט קוקט אַף די לעמפּעלעך. זיי לײַכטן הײַנט אויך שטארקער.

אָט די פֿײַערלעך, אייגנטלעך, וואָס לײַכטן זיי?—דאָס צעגיסן זיי אַ ליכ־טיקע נאָענטקײַט איבערן גאַנצן זאַל.

ווײַל קוקט זיך צו—זעט, ווי שטארק עס דריקן זיך די הענט מעטער און מינקין—ווי זיי ווילן איבערגעבן איינער דעם צווייטן באַגײַסטערונג און דאַנק־באַרקײַט.

ווײַל קוקט זיך צו אַף די דרוקער, זעצער, מיט זייער שטענדיקן שפּאָטנ־דיקן בליק. איצט קוקן זיי מיט אַזאַ ערנסט. און אָט די „נאַקלאַדטשיצעס", זיי קוקן מיט אַזאַ מיידלשער באַגײַסטערונג, אַז מאָניע, גייענדיק אַהיים, פֿאַרדריסט, וואָס ער קאָן ניט די שמייכלענע און בליקן אַרײַנלייגן אין קעשענע און נעמען זיי מיט זיך.

אין די ערשטע פֿרילינג־טעג גייסטו אַרויס אַפֿן גאַס. גרינער כיידעש מײַ שײַנט אַ זון, שוין איינמאָל אַ זון. אירע שטראַלן טאַנצן אַף די דעכער. די ביימער לאָזן זיך פֿאַנאַנדער. גרעזעלעך קריכן דיר הינטערן פּיאַטע. אַ רייעכל פֿאַרגאַנוועט זיך אין נאָז, אַ שטראַל—אין אויגן, אַ פֿרייד—אין האַרצן.

און אויב איר ווילט, ליבט איר זיך דאַן אײַן. ווײַל קיינער נויט אײַך ניט...

און בײַ דער אַרבעט אין דרוקערײַ טראַכט מען ניט פֿון די אויסגעזעצטע שורעס ביימער מיט די גרינע בלעטער אַף זיי. יעדער טראַכט וואָס גיכער אויסזעצן זײַנע שורעס, ווײַל צו אינדערפֿרי דאַרפֿן פֿאַרטיק ווערן די בלעטער.

שורעס... בלעטער... זאַצ... שפּאַנעס... פּעטיט...

און אויב מאָניע מינקין וועט אַרײַן אין צינקאָגראַפֿיע, ווו ער אַרבעט, אין זעצערײַ אַפֿן איבערײַס, וועט ער הערן ווי מע רעדט וועגן אַ דערפֿינ־דונג—ניין! ניט וועגן זײַנער. דאָס האָט שוין עמיצער אַן אַנדערער עפּעס דערפֿונדן.

און אַף מאָניע מינקין וועט מען קוקן מיטן געוויינלעכן שפּאָטנדיקן בליק, און דער הויכער און ברייטער זעצער קלאָץ מיט זײַן פֿעטן קאָרפּוס, וואָס האָט טאַקע ליב צו זעצן „פֿעטן קאָרפּוס"—וועט נאָך אונטערלאַכן:

— מע זאָגט, אַז דו האָסט דערפֿונדן אַ מין פּאָמאַדע...

און פון מאָניע מינקינען איז, פאַרשטייט זיך, אַ נאַרישקייט — וואָס עס פאַרדריסט אים, וואָס מע רעדט ניט מער וועגן אים, אייביק ריידן וועגן איין זאַך קאָן מען ניט, און אַלץ גייט אַריבער.

אָט זאָל ער צוריק אַרויסגיין פון איבערייס אַפן גאַס אין עטלעכע טעג אַרום, וועט ער זען:

ס'איז שוין שפּעטער פרילינג. און מענטשן גייען אום, און גיבן שוין אַפילו ניט אַכטונג אַף דער פרילינגדיקער זון, די ביימער לאָזן זיך פאַנאַנדער. לאָזן זיי. די גרעזלעך קריכן אונטערן פּיאַטע, האָט מען עס הינטערן פּיאַטע. מע שפּייט אַפן גראָז און אַף דער זון קוקט מען ניט קעסיידער — מע קאָן ווערן בלינד. און אַף דער לעוואָנע איז אויך ניטאָ וואָס צו קוקן קעסיידער, עס נעמט דוכטן, אַז זי איז בלינד.

און איצט, אַז ער גייט אין גאַס און ער באַגעגנט דעם וואָנסעוואַטן מע־טער, מיט דעם זעלבן פּײַערלעכן שמייכל, וואָס איז געהאַנגען אַף זײַנע ליפּן בייסן פּײַערלעכן אָוונט, און ער רוימט אים אײַן אַזוי כאַווערישאינטים:

— איך קלײַב זיך כאַסענע האָבן.

דערפילט מאָניע מינקין צו אים אַזאַ מין דאַנקבאַרקייט — דערפאַר וואָס ער האָט פאַרהיט צו אים זײַן פּײַערלעכן שמייכל. און מאָניע ווייס אַזש ניט ווי צו אויסדריקן עס, און ער דערפילט, אַז ער דאַרף אונטערלויבן די קאַלע, וועלכע ער קאָן גאָרניט.

— זי איז אַ גוטע, גאָר אַ גוטע מיידל!

און מאָניע דערפילט, אַז ער האָט געקראָגן אַן אייביקן טרײַען כאַווער און אויב עס גייט אָן פילינקע, אָט די נײַע „נאַקלאַדטשיצע", מיטן פרישן פאַרב פון איר פּאָנעם — ווי אַ נאָרוואָס אָפּגעדרוקטער נומער, און זי ציינדלט אויס מיט איר שמייכעלע — כ'וועל אָנשרײַבן אַ באָטיצ; אין וואַנטצײַטונג וועגן אײַער דערפינדונג — איז ער איר אוואדע און אוואדע דאַנקבאַר. און אַז ער גיט אַף איר אַ קוק, זעט ער, אַז זי בײַט זיך שוין ניט אַזוי קעסיידער, אַז איצט האָט זי איין פּענעמל און אַף אים איז אַ פעסטע מינע. זי האָט זיך שוין קענטיק אײַנגעלעבט, דאָס מיידעלע, אין דרוקערײַ.

און מיט דערזעלבער באַוועגונג, מיט וועלכער ער האָט איר דעמלט דער־לאַנגט ס'צעטעלע (פאַרהייבן אַביסל די האַנט, פאַרהייבן אַביסל די אויגן, פאַרהייבן אַביסל דעם שמייכל אַף די ליפּן), דערלאַנגט ער איר די בראָשקע און ער קלײַבט זיך שוין אַראָפּלאָזן די האַנט, די אויגן, דעם שמייכל. הייבט זי אָבער אויף אירע.

— די בראָשקע? אַך, יאָ! אַזאַ בראָשקע האָט מיר אַמאָל געשענקט אַ ייִנגל, וואָס איז געווען אײַנגעליבט אין מיר. דאָס איז נאָך געווען, ווען איך האָב זיך געלערנט. אַך, סאַראַ ייִנגל! ער האָט מיר דערנאָך געוויזן זײַן טאָגבוך. ער פלעגט אויסכאַזערן אַפריִער ווערטער, וואָס ער זאָל ריידן מיט מיר, און

ווי ער פלעגט נאָר צוגיין צו מיר, פלעגט ער אויסריידן א פּאָר ווערטער און פאַרלירן זיך.

מאַניע מינקין הייבט צוריק די אויגן מיטן שמייכל. אָט די קליינע איז גאַנץ קלוג, און די קליינע פילט זיך שוין בא זיך גאַנץ פעסט. נאָר אנטקעגן וואָס האָט זי עס אים דערציילט אָט די מייסעלע? עפשער מיינט זי, אז ער איז אויך א יינגל, ווייל ער זאָגט איר גאַרנישט!

— צום טייוול! ער מוז דאָס טאקע טראכטן פון זיינע דערפינדונגען? ער מוז עס טאקע קעסיידער שפּילן א באַלטשוווע און מוירע האָבן דורכצוגיין צווישן צוויי ווייבער?... ער וועט איר דערוויַזן!

— צוואנציק טייוולאָנים!

צוואנציק פינגער. צען אירע און צען זיינע. געפלאָכטן צוזאמען. ער רעדט פאר פייער און פאר וואסער.

יאָ, אין אירע אויגן מוז עפּעס זיין באַהאַלטן. וואָרעם זיי זיינען עפעס ווי איבערגעדעקט געוואָרן.

שטיל. פויזע.

דאָס האָט זי געזאָגט: „איך וועל אָנשרייבן א נאָטיץ אין וואַשינגטאָנער וועגן אייער דערפינדונג. ווי ער האָט זיך עס פריער געפרייט איבער דעם. איצט אָבער פאַרשטייט ער. דאָס האָט זי געזאָגט נאָר, קעדיי צו אָפּשטעלן אים. און קיינער, קיינער טראכט איצט ניט פון זיין דערפינדונג.

מאַניעס פאַרדריסט? ניין, דאַכט זיך. וואָרעם ער פילט סיי־ווי־סיי א דאַנקבאַרקייט צו דער מיידל, ער וועט נאָך וויַזן! ער וועט נאָך דערפינדן! געבענטשט זאָלסטו זיין, מיידל, פון היינט ביז אייביק. איך בין דיר דאַנקבאַר, גיסט מיר מוט, און כ'וועל זיך פילן שולדיק, אויב איך וועל ווידער ניט דערפינדן. ווי גוט דו ביסט, מיידל, וואָס דו טרייבסט מיך ניט צוריק, ווי אַלע אנדערע, נאָר דו טרייבסט מיך פאָרויס. סאַרא מיַכלדיקער נאָמען איז פילינקע. ווּעסט דאָך קומען אינאָוונט אין סאָד אַריין?

זי וועט קומען.

זייט מויכל מאַניע מינקינען פאַר די אַלע נאַרישקייטן, וואָס ער האָט אָקאָרשט־אָ אָנגערעדט, וואָרעם די מיידל מאָג טאקע געבענטשט זיין פון היינט ביז אייביק און נאָך אביסעלע וויַטער, וואָרעם מאַניע איז גלייך אוועקגעלאָפן אהיים און זיך אוועקגעזעצט צו זיינע מאַכשירים. און פּרוּווט אים איצט געבן א שטיצפּונקט, ער וועט א דריי טאָן די ערד!

III

א הייסער פרילינג־אָוונט. די טראָטואַרן זיינען פאַרפולט מיט שפּאַצירנדיקע פאָרעלעך, וועלכע טוליען זיך שטאַרק אזוי, אז עס קומט אויס, אז זיי ווילן איינער דעם צווייטן פון טראָטואַר אראָפּשטופּן...

באַ אַסאַך שפּאַצירנדיקע זײַנענ אויסגעבלייכטע פּענעמער,—מיסטאָמע זײַנענ זיי מיד פונ שפּאַצירנ.

אַפּנ הימל—אַ בלייכע לעחאָנע, מיסטאָמע איז זי מיד פונ נאָכשפּאַצירנ אונ ניטשלאָפנ גאַנצע נעכט. אונ אויב אַפנ וועג האָט זיך מאָניעג מיט פּילינקעג פונקט אָנגעטראָפנ מעטער. גייט ער אויך מיט זיי. זײַנענ זיי זאַלבעדריט.

מאָניע מינקינ. אָט דער דערפינדער, וואָס אַרבעט אינ צינקאָגראַפיע, ער איז נאָך אויך אַ מאָלער דערצו. אַפּ אימ זאָגנ די „נאַקלאַדטשיצעס", אַז ער איז אָריגינעל. סטאַרעט ער זיך מיט אַלע קויכעס צו זײַנ אָריגינעל. דאָס הייסט, ער מאַכט זיך אַמאָל נאַריש... אָבער אויסער דעמ איז ער אַ ווזילער באָכער, מיט אַ שמייכל, וואָס שוועבט שטענדיק ווי אַ באַבעלע באַ אימ אַפּ די ליפּנ. דער שמייכל איז אימ אָפּסמאָל איבעריק. אָט פּרווט, לעמאָשל, „דערקלערנ זיך אינ ליבע" מיט אַ שמייכל אַפּ די ליפּנ, אָ, דאַנ איז ער גאָר איבעריק!

מעטער. אָט דער אַריסטאָקראַטישער אַרבעטער, וואָס קלײַבט זיך כאַסענע האָבנ מיט אַ שטילער אונ באַשיידענער מיידל, איז אויך שטיל אונ באַשיידנ.

פּילינקע. זי איז פריש, ווי אַ רעגנ אינ אַ פרילינג־טאָג. פריש, ווי אַ מיידעלע, וואָס האָט נאָר וואָס אָפּגעגעבנ עקזאַמענעס. זי איז ניט לאַנג אָנגעקומענ אינ דרוקערײַ אונ טאַקע ניט לאַנג אַ זיבניאָריקע שול געענדיקט.

אַנ אָנגעברענטער, פעסט־געבויטער קערפּער פונ אַ ספּאָרטסמענערנ. זיי שפּאַצירנ. איבערנ טראָטואַר שפּאַצירנ פיס. אינ דער לופט שפּאַצירנ הענט. אינ די אויגנ שפּאַצירנ גלאַנצפּײַערלעך.

— זי האָט פײַנט דרייענ זיך גלאַט אַזוי אינ די גאַסנ,

פאַרשטייט מענ, אַז מענ דאַרפ גייג אינ סאָד. אונ זי שמייכלט, ווי אַ נאָר וואָס געבאָרענע. טויזנט קליינע שמייכעלעך זײַנענ אינ אירע אויגנ,

מאָניע מינקינ קאָנ מאָלנ.

זאָגט ער:

— איך בינ אַ מאָלער, אונ איך וואָלט איבעראַשט די וועלט, ווענ איך מאָל אָנ אַ בילד, אויב דו וואָלסט פּאָזירנ פאַר מיר.

אונ זי קוקט מיט טויזנט פאַרוווּנדערטע שמייכעלעך. עפּשער פאַרשטייט זי ניט וואָס הייסט פּאָזירנ:

— דוסט דאַרפנ קומענ יעדנ טאָג צו מיר.

אונ זי קוקט מיט טויזנט דערשראָקענע שמייכעלעך.

— אונ איך וועל מאָלנ פונ דיר אַ בילד.

אונ זי קוקט מיט טויזנט צופרידענע שמייכעלעך.

אונ מעטער איז שטיל אונ באַשיידנ. ער גייט אונ שווײַגט.

אינ סאָד אַפּ יעדער באַנק איז אַ פּאָרעלע. יעדער באַנק קומט אויס פונקט אַנטקעגנ דער לעוואָנע. אונ מע שעמט זיך פאַר איר ניט, מע קושט זיך אַנטקעגנ דער לעוואָנע. אונ פאַרקערט, אָט איז אַ באַנק. אַ מיידל וויינט אונ אַ באָכער זיצט אַנ אָפּגעקערטער.

און ארום זײַנען די פרילינג־דעקאָראַציעס: שטערן, ביימער, גראָז, רייכעס און א פארכאַלעשטע לעוואָנע. און אזשנע זי צעגיסט זיך אין די אויגן...

— א גאָלדענע נאַכט.

— א גאָלדענע,— איז זי מאסקים.

— די לעוואָנע־שײַן צעגיסט זיך אין הארצן.

— אין הארצן,— איז זי מאסקים.

— און דאָס הארץ ווערט ברייטער.

— ברייטער,—איז זי מאסקים.

— און עס ווילט זיך אלץ צודריקן צום הארצן און צעקושן.

— צעקושן,— איז זי מאסקים,

— נו...

— איז זי מאסקים.

און זיי זיצן אפן באַנק. און די פרילינג־נאַכט זעצט זיך אפ זיי. און זי רייצט, און זי ברענגט צו דעם, אז אָט די, וואָס האָבן זיך געטראָפן א פּאָר מאָל צופעליק—אין דרוקערײַ—דערפילן זיך גאָר נאָענט איינער צום צווייטן.

הימל, טו דײַן ארבעט! שיט מיט שטערן! ס׳איז ניט דײַן אייסעק! פאַר־קוק זיך ניט אזוי. זאָל זיך בעסער דער כ׳ מעטער פארקוקן אף דיר, וואָרעם ער שטערט אבּיסל, בא אים ליגן א פּאָר פארטראַכטע שטערן אין די אויגן.

און זיי שטערן...

און עס איז א סוואָרע, אז ער האָט זיך אײַנגעליבט אין דער פּילינקע. א קאשע אפ אָט די שטילע מענטשן.

און עס איז א סוואָרע, אז ער קלערט איצט ניט פון דער שטילער באַ־שיידענער מיידל, מיט וועלכער ער קלײַבט זיך כאסענע האָבן...

— גוואַלד, און אָט די פּילינקע—וואָס וויל זי? אירע קלאָרע אויגן,—פאַר. וואָס גיסן זיי זיך אָן, אירע קרעפּטיקע הענט—פארוואָס דריקן זיי אזוי מאָ־ניעס, אירע ליפּן—פארוואָס פארקאשערן זיי זיך אזוי?... איז דען א סוואָרע, אז זי איז אײַנגעליבט אין מאָניען?

ווען מע פרעגט איצט בא איר:—דו האָסט ליב מאָניע? וואָלט זי געזאָגט;— נײַן, איך האָב אים ניט ליב.

— וואָלסט אים אָפּגעלאָזן איצטער פון זיך?

— ניין. איך וואָלט אים ניט אָפּגעלאָזן.

— דו האָסט אים, אפּאָנעם, ליב?—יאָ ס׳קאָן זײַן, אז כ׳האָב אים ליב...

פרעגט איצט אָבער גאָרניט בא מאָניען, וואָרעם ער איז פארנומען. ער איז פארטראַכט און טיפע מאכשאָוועס. ער קלערט, אז ס׳איז ניט גאָר אָנגע־נעם צו קושן זי פארן כאווער אין די אויגן.

ווײַטער, זי טוליעט זיך צו אים אלץ מער. און וואָס ווײַטער? אירע אויגן פארלויפן אלץ מער. און ווײַטער? גאָרנישט ווײַטער! זי קלערט שוין וועגן גאָרניט אין דער וועלט. זאָלן אנדערע קלערן, זאָלן אנדערע טראַכטן!

און וועגן וואָס פילט מאָניע, אַז ער דאַרף טראַכטן?...

ער דאַרף טראַכטן פאַר דרײַען: ערשטנס, פאַר זיך—דאַכט זיך, אַז איך פאַרגעס שוין ווידער. צווייטנס—דאַרף ער טראַכטן אויך פאַר איר—ווער איז זי?—כ׳האָב זי קאָמ א פּאָר מאָל געטראָפן. איך האָב זי ליב? ניין, איך האָב זי, דאַכט זיך, ניט ליב, איז וואָס וויל איך פון איר? ניין. איך וויל פון איר גאָרניט.

און פאַר מעטערן... ווו איז דאָס איצט זײַן שטילע, באַשיידענע קאַלע?... און וואָס וויל ער פון פילינקען?

מאָניע פילט, אַז ער דאַרף זיך אופהייבן און זאָגן: קינדערלעך, גייט אַהיים שלאָפן.

ער הייבט זיך אָבער אוף און זאָגט צו זײַן כאַווער מיט אַזאַ שפּאָטיש־באַפעלערישן טאָן:

— ס׳איז הייס. אין אָנהייב סאָד איז דאָ אַ ייִזקרעם. דאָרטן איז מיסטאָמע אַ גרויסע ריי, וועסטו מוזן צושטיין.

מעטער—הער, מעטער—הין. דאָס הייסט, עס טרייסלט אין אים. דאָס הייסט, עס קרימט אין אים יעדער אייווער. אָבער ער גייט אַוועק.

מאָניע בלײַבט מיט איר. ער פילט איר בליק אַף זיך. און אים דוכט זיך, אַז אויב ער וועט בלײַבן אַזוי, וועט פון אים ווערן אַ קופּע זאַלץ, אָדער ער וועט פאַרשטיינערט ווערן.

די בלעטער פון די ביימער זײַנען פאַרנומען מיט אַ געשפּרעך.

צו אַלדע רוכעס און טײַוולאָנים!

IV

עס איז געווען אַ פאַרזאַמלונג. וועגן איבערגייען אַף אַ זיבנשאָ׳יקן אַרבעט־טאָג האָט מען גערעדט. און מען מוז אָנערקענען, אַז מעטער, דער שטילער מעטער, האָט אַ גאַנץ גוטע רעדע געהאַלטן, און מען מוז מאַסקים זײַן מיט מאָניע מינקין, וואָס האָט געטראַכט דערבײַ, אַז פאַרליבטע האָבן אַ ספּעציעלן כוש צו ריידן.

וואָס האָט אָבער מאָניע מינקין אָפּגעטאָן? אַ נאַרעשקײַט. ער איז אַרויס־געטראָטן און געזאָגט, אַז מע באַדאַרף ניט דעם זיבנשאָ׳יקן אַרבעט־טאָג. איצט, אין דער צײַט, ווען מיר ריידן וועגן סאָציאַליסטישן געוועט און הייבונג פון דער פּראָדוקציע, איז עס אַן איבעריקע זאַך...

אַ נאַרעשקײַט. אַ נאַרעשע רעדע...

צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן, מאָניע מינקין? עפּשער האָט ער געוואָלט ווענדן די אופמערקזאַמקײַט אַף זיך? אים האָט, אַפּאָנעם, פאַרדראָסן, וואָס דער פאַרוואַלטער, אין זײַן באַריכט, האָט נאָר אַגעוווּרכע דערמאָנט וועגן זײַן דערפינדונג...

פע! פראוועט ער דאָך וויַטער זיַינע אַלטע שטיק!

און עפשער האָט ער געוואָלט ארויסזאָגן פונקט פארקערט וואָס מעטער האָט געזאָגט?

פע! פראוועט ער דאָך וויַטער זיַינע אַלטע שטיק!

א נארישקיַיט. און ער שעמט זיך דערנאָך וויַיזן פאר מעטערן זיַינע אויגן—די, אייגנטלעך, אומשולדיקע אויגן.

אָבער אז מעטער גייט צו צו אים און זאָגט:—נו... ניט דאָס האָסטו געזאָגט... דאָס איז אַן אָפּנויג, דערפילט ער, אז מעטער איז דערזעלבער מעטער, אז מעטער האָט צו אים גאָרנישט.

א, וואָס פאר א מענטש עס איז אָט דער מעטער!

דערנאָך גייען זיי אהיים. ער און מעטער טאקע און פילינקע. לעכאטכילע פילט ער זיך ווי א גאנעוו צווישן צוויי פאטרולן.

און אז מאָניע דערזעט, אז מעטער שוויַיגט, און ווארט דאפקע, אז ער זאָל ריידן, און פילינקע קוקט אים גלייַך אין מויל אריַין און ווארט אף זיַינעם א וואָרט, דערפילט ער זיך שטארקער, דערפילט ער, אז ער פירט זיי ביידן, און ער דערפילט זיך ווי א פאטרולנער, וואָס פירט צוויי גאנאָווים, און ער איינער דארף אף זיי ביידן אכטונג געבן.

די שיך פון די פיס, ווי קלוג זיי זיַינען! זיי האָבן זיך אלע פארקערעוועט און אוועק אין סאָד. וואָרעם אף די פיס קאָן מען דאָס ניט זאָגן. קיינער האָט, דאכט זיך, גאָרניט געטראכט וועגן גיין אין סאָד. בא דעם ביַידל, אין אָנהייב סאָד, לייגט מאָניע מעטערן פאָר קויפן איַיזקרעם.

א מאָדנער מענטש אָט דער מעטער! ער קאָן פונקט איבערכאזערן זיַינע אמאָליקע באוועגונגען. וואָרעם: מעטער—הער, מעטער—הין. ער האָט זיך א טרייסל געטאָן, פונקט, ווי דעמלט אין סאָד. נארישער מינקין, ס'איז, פארשטייט זיך, א נארישקיַיט, וואָס ער האָט אים געבעטן קויפן איַיזקרעם.

ס'איז, דאכט זיך, דערזעלבער בענקל. זעצט מען זיך.

און אויב איר ווילט וויסן, איז וויַיטער א שיינע נאכט. אסאך שיינע נעכט האָט דער פרילינג! און אויב איר ווילט וויסן, קאָן איך אָנהייבן די דערציילונג פון אָנהייב, וויַיל גיט א קוק אף דער נאכט—דיזעלבע רייצנדיקע נאכט, און גיט א קוק אף פילינקען—אירע אויגן דורשטן וויַיטער, אירע ליפּן רופן ווידער...

נאָר איך וועל ניט אָנהייבן וויַיטער פון אָנהייב. וואָרעם מאָניע מינקין וויל ניט זיצן ווי דעמלט. היַינטיקס מאָל זיצט ער מיט א שולדיקן פּאָנעם דערפאר, וואָס ער כאפּט ניט אוף דעם בליק פון אירע אויגן.

אָרעמע פילינקע. וואָס האָבן זיי צו איר, אָט די פרילינגדיקע אָוונטן?...

אינטערעסאנט. מעטער האָט עפּעס איצטער צו מאָניען? מאָניע גיט אף אים א קוק. בא אים זיַינען גאָרנישטזאָגנדיקע אויגן. א סימען, אז גאָרנישט.

— סארא ווויליער מענטש, אָט דער מעטער!

פלוצלונג הייבט זיך מאָניע אוף און ער זאָגט, אז ער וועט שוין קומען. גלאט אזוי. ער דאַרף ערגעץ צוגיין. ער גייט. ער טראַכט, פאַרוואָס איז ער אוועק. ווײַל ער האָט זיך געפילט שולדיק פאַר פּילינקען, ווײַל ער האָט ניט געוואָלט ענטפערן אַפן רוף פון אירע ליפּן?

ער דערמאָנט זיך אָן זײַנע לעצטע ווערטער.

— „סאַראַ ווילער מענטש אָט דער מעטער!

און אים פאַלט אײַן, אַז ער האָט עס געוואָלט צוליב טאָן מעטערן. לאָזן זיי זאַלבאַנאַנד.

און אַז ער קערט זיך אום, גיט ער ערשטנס אַ קוק אַף פּילינקעס אויגן זעט ער, אַז זיי מאָנען נאָך אַלץ. אַף אירע ליפּן — זיי רופן נאָך אַלץ.

און מעטער זיצט אין זײַן פּריִערדיקער פּאָזע. מעטער פאַרהיט ווי שטענדיק זײַנע אַלטע באַוועגונגען. דאַן כאַפּט ער זיך, אַז גיין! ניט דאָס, דאָס האָט ער געוואָלט אויספּרוּוון פּילינקען.

— צוליב וואָס?...

עפּשער גלאַט אַזוי.

מאָניע שטעלט אָן אַ פּאָנעם אַן ערנסטן און אַביסל אַ נאַרישן — ווי אַף צו דערקלערן זיך אין ליבע.

— און פּילינקע שפּיצט זיך שוין אָן צו הערן.

— און מעטער דרייט זיך אַביסל אָפּ — ווי אַ גאַסט, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן ניט צודערצײַט — אָבער מאָניע דריקט גאָר מעטערן די האַנט.

און מעטערן וועט מען מיט קיין זאַך ניט איבעראַשן.

פּילינקען זאָגט ער גאָרנישט. די אויסגעכאַזוערטע ווערטער זײַנע טויגן ניט. עפּעס קאָן ער ניט ריידן צו דער נײַער מיידעלע, מיט זײַנע אַלטע רייד.

אַ נײַס אין שטעטל, מאָניע פילט זיך שוין ווידער נידעריק. ער צעגיסט זיך אין רייד. גלאַט רייד. ער רעדט צו מעטערן, נאָר די רייד — געהערן צו פּילינקען.

אַפן הימל זײַנען אָנגעגאַנגען וואָלקנס. און ווען זיי האָבן זיך דערפילט נידעריקער, האָבן זיי זיך אויך צעגאָסן. און דער רעגן קאַפּעט אַף זיי! ס'איז פונדעסטוועגן אַ באַלאָנעס צו זיצן אין סאָד אונטער אַ רעגן!

— — — — — — — — — —

מאָניע איז געקומען אַהיים אַן אויסגענעצטער. לעכאַטכילע האָט ער ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. עפּעס האָבן זיך געפּלאָנטערט שטיקלעך כאַלוימעס אין קאָפּ, און איין כאָלעם האָט זיך אײַנגעגעבן אין דעם צווייטן. אַ צײַט פלעגט נעמען בוי'ערן אין קאָפּ אַ שטיקל כאָלעם, אָדער עפּעס אַ וואָרט פון אַ כאָלעם אַזוי זלידנע אײַנעסן זיך, ביז ער פלעגט זיך אופכאַפּן, און אופכאַפּנדיק זיך, האָט ער בעשומויפן ניט געקאָנט כאַפּן זיך, וואָס איז עס געווען.

עס האָט זיך געטומלט אין קאָפּ.

פאַרגעדענקט האָט זיך אים נאָר איין שטיקל כאָלעם:

ער גייט מיט מעטערן און מיט פילינקען. עפּעס מאָדנע. די לעוואָנע פּלאָנ־טערט זיך צווישן די פיס און לאָזט ניט גיין. און די שטערן שיטן זיך אין קעשענע.

שטעלן זיי זיך אָפּ.

זאָגט פּילינקע:

— איך בין פאַרליבט.

פרעגט מעטער:

— אין מיר?

פרעגט ער?

— אין מיר?

זאָגט פילינקע:

— אין ביידן!

און אים פאַרפילט א שטאַרקער אייפער צו מעטערן. און אף דעם כאַפּט ער זיך אוף.

אין איינעם א פרימאָרגן האָט מען זיך אין דרוקעריי געכאַפּט, אז מעטער זעט זיך עפּעס ניט. פון דער זייט האָט מען זיך דערוווסט, אז ער איז אוועק־געפאָרן ערגעץ ווייטער. א מאָדנע זאַך מיט די שטילע מענטשן. וואָס איז ער עפּעס פּלוצים אוועקגעפאָרן? אלץ קומט בא זיי פאַר אומגעריכטערהייט.

נאָר מעטערן האַלט מען ניט לאַנג אפן קאָפּ. עס לוינט בעסער א רעד טאָן וועגן אָט דעם מאָניען. ער יאָגט זיך אלץ נאָך אָט דער נייינקער „גאַקלאַדן טשיצע". נו, איז וועמעס דייגע איז עס? איז אָבער פאַרדראָסיק פאַרוואָס מאַכט ער זיך, אָט דער מאָניע, טאַמעוואַטע.

איז אָבער אָטאָ א זונטיקדיקע מייאָווקע. עס שפּילט אן אָרקעסטער, און מע לאָזט זיך איבערן פרייען פעלד טאַנצן. די ברילִיקעס דרייען זיך און קוקן אָן אזוי שאַרף די רויטע טיכלעך.

אָט די פּילינקע, זי טאַנצט די גאַנצע צייט מיט מאָניען. מאָניע טאַנצט היינט אזוי לייכט. פּילינקע, ווי זי וואָלט אים איבערגעגאָסן א טייל פון איר יונגקייט!

וואָרעם אַסאַך זיינע שוין צוגעגאַנגען צו מאָניען און געזאָגט אים:

— איר זעט עפּעס היינט אויס יינגער!

איצט נאָכן טאַנצן איז גוט אָפּצורוען. אָט די פרויען זיינען אוועק צו־גרייטן דעם עסן. פּילינקע איז אויך אוועק. מאָניע פילט, אז זי פעלט אים, די טייערע מיידל!

— מאָניע, דו בענקסט? פאַרוואָס?

און אז זי קערט זיך אום, זעט ער, אז א רויקע אָנגענעמקייט גלעט זיין האַרצן. דערוויסט ער זיך, אז נאָך איר האָט ער געבענקט.

עפשער איז עס א קלײניקײַט. און עפשער ניט. א דערפינדונג אָבער איז עס. ער האָט דערפונדנ אנ אויסבעסערונג צו דער מאשינ, וואָס שנײַדנדיק די בלאָקנאָטנ, וועלנ זיכ דורכשטעכנ גלײַכצײַטיק די אָפרײַס־לעכלעכ. אונ דאָס גיט, קאָנ מענ זאָגנ, אסאכ עקאָנאָמיע. אָבער קײנ פײַערלעכנ אָוונט דארפ מענ שוינ ניט מאכנ. מיר האָבנ אָנגעצונדנ א שטענדיקנ פײַער אונ מיר האָבנ אימ ניט וואָס צו צינדנ אלע ווײַלע.

עפשער פארדריסט עס מאָניע מינקינענ? נײנ. א האָר ניט. אָט שטעלט זיכ פאָר וועגנ וואָס טראכט איצטער מאָניע. ער קלײַבט איצט צו ווערטער, נײַע ווערטער, וואָס ער וויל זאָגנ פילינקענ. אָט גאָר ווי א ייִנגל.

ער וויל איר זאָגנ, אז זי איז געקומענ, ווי א פרישער ווארעמער ווינטל, וואָס מע פילט ניט פונ וועלכער זײַט ער קומט. מע ווײס נאָר, ער קומט אונ פרישט אָפ.

מײַ־יונ 1929.

הײַנטיקער װינטער

1

פעלדער געפּאַסעװעטע. אַ פּליושקענדיקער ברונעם. „גאָגערנדיקע גענדז, אַ ייִדישער קאָלעקטיװ.

פעלדער געפּאַסעװעטע? — אינטערעסאַנט. אַ פּליושקענדיקער ברונעם? — ביז גאָר אינטערעסאַנט.

אַ ייִדישער קאָלעקטיװ? — אַ־אַך! ס'איז דאָך זײער אינטערעסאַנט!!!

ס'לױנט צו פאָרן. די שעפן פון קאָלעקטיװ — אַרטיסטן מוזן עס זען.

רעב קושע — דער אײביק־שרײַענדיקער ר' קושע — האָט פאַר זײ אָפן אָװנט געהאַלטן אַזאַ פלאַמפײַערדיקע רעדע, ער האָט זיך אַזױ צעדונערט מיטן מויל צעבליצט מיט די אויגן, און אַ שוים האָט גענומען שפּריצן אָפן טיש פון מויל, אַז דער גלאַװנער פון די אַרטיסטן איז צוגעלאָפן שיִר ניט קושן זיך מיט אים. און יענער האָט זיך דערנאָך אויך געהיצט, װי אַ דריטע פאָלקע, אַזש רעב קושע האָט דערנאָך אַ קלער געטאָן: אַז דער אַרטיסט כאַפּט היס־ פײַלעס, איז ער מיסטאָמע אַ װוילער מענטש!

די אַרטיסטן קלײַבן זיך צו שטעלן אַ פּיעסע פונעם לעבן פון די ייִדישע פּויערים. און רעב קושע איז אַ כאַראַקטערנער ייִדל. שרײַט רעב קושע, און זײ קוקן אים אין מויל אַרײַן. אינטערעסאַנטע באַװעגונגען פון קינבאַק, מ'דאַרף זײ אַראָפּכאַפּן. שרײַט רעב קושע אָפּ די צײנער, און זײ קוקן אים אין די צײנער אַרײַן.

ביז יאָכע זײַן װײַב קאָן עס שוין ניט צוזען.

— װאָס שרײַסטו אָפּ דײַנע פאַרפּלאָמבירטע צײנער!

נאָר רעב קושע שרײַט אַלץ פאַר פײַער און פאַר װאַסער, פון די אויגן — פײַער, פון מויל — װאַסער.

אינטערעסאַנט. זײער אינטערעסאַנט.

אַז די גאַנצע מישפּאָכע רעב קושעס איז אַן אינטערעסאַנטע, אינטערע־ סאַנטע טיפּן פאַר אַ פּיעסע. ביז גאָר.

און די װײַב זײַנע, יאָכע, פירט די אַרטיסטן צום זאַװאָד, װאָס דאַרף אײַ־ בערגײן פון „פישמשעטרעסט" צום קאָלעקטיװ.

זי באטראַכט אים, דעם זאַוואָד, פון אַלע זײַטן און זי פאַרשטעקט שוין מײַסע באַלעבאָסטע א צעבראָכענע שויב מיט א שמאַטקע.

די אַרטיסטן כאַפּן היספּײַלעס. זיי לאַכן און פרייען זיך, פונקט ווי זיי וואָלטן געשפּילט א פריילעכע זאַך.

און צווישן זיי אַלעמען שטייט יאָכע ווי א טראַגיק, מיט נאַסלעך־וויערדי מיאַטנע אויגן.

זאָגט צו איר אַן אַרטיסט:

— מומע, פרייט זיך, מען גיט דאָך אײַך אָפּ א זאַוואָד!

מאַכט יאָכע א פרומען פּאָנעם, ווי אַפּ נעגל־וואַסער אָפּגיסן, און גיט זיך א פיטשעמאָנטשיקן זיפצעלע, א מאַפּל־זיפצעלע:

— וואָס איז די פּולע, אַז רײַך ווערן וועט מען סײַוויסײַ ניט לאָזן...

אָך... מיט וואָס פאַר א קאָפּ זי האָט עס געזאָגט!..

— אינטערעסאַנט. זייער אינטערעסאַנט...

הײַנט ר׳ קושעס זיין! אָט דרייט זיך אַרום זייער באָכער, מיכל, א פאַר־שלאָפענער, מיט א גענעץ, וואָס ווילט זיך אַרויסגאַנגוועגען פון זײַנע ליפּן. דער גענעץ וויל קאָנטיק גאַנוועגען די גרענעץ. ווען ער איז פרײַ, שלאָפט ער, אָדער ער שפּילט זיך מיט זײַנע קעצעלעך. ער גייט אַרום ווי א הונט מיט אַן איי, וואָס קאָן זיך ניט לייגן. אזא איז ער געקומען פון בירגערקריג. דער פראָנט־פײַער האָט פון אים אַלץ אויסגעזויגן און אָפּגעשיקט אים צוריק מיט א פוסטן קאָפּ, מיט פוסטע געפילן. און כאָטש ער האָט אַמאָל געענדיקט גימ־נאַזיע, און איז געווען אַפּן פראָנט, וויל ער דאָ מיט א מיליטער־קרײַז ניט אָנפירן און האָט ניט קיין טאַם צו מיידלעך.

אינטערעסאַנט...

און זײַן ברודער עליאָצע — דער קאָמיוגיסט, וואָס האַלט אין איין האָווען און שמײַען.

— א גאַנצן טאָג זײַנען מיר, אַרטיסטן, שוין דאָ. אָ, מיר האָבן אַלץ געזען, אַלץ. עס איז אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט. ס׳איז א גוטער מאַ־טעריאַל פאַר א פּיעסע!

— א גוטן טאָג אײַך.

2

ס׳איז ניט קיין ווינטער און ס׳איז ניט קיין שניי. דער שניי פלעגט זיך אַלע יאָר אויסבעטן אַפּ די פעלדער, און היטן יעדנס האָב און גוטס. יעדער שניי האָט זיך געהאַט זײַן באַלעבאָס, צו וועמען ער איז געגאַנגען, און פאַרקנדלעך פלעגן צעטיילן די שנייען.

ס׳איז ניט קיין ווינטער און ס׳איז ניט קיין שניי. ס׳זײַנען איבערגעטיילט געוואָרן די פעלדער, ס׳זײַנען פאַרשוווּנדן די פאַרקנדלעך, און דער שניי ווייס ניט ווי אויסצולייגן זיך. גייט זעלטן ווען א שניי. א וואַרעמער ווינטער.

הײַנט גײט ר' קושע מיט די זין און מיט נאָך קאָלעקטיוויסטן און זײ נעמען אַראָפּ די פּאַרקנדלעכ און ס'ווערט א דורכזיסיק פעלד, פאר דעם גרויס פאַרייניקטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו. ס'פאַרייניקן זיך אַלע ארומיקע קאָלעקטיוון.

די ערשטע איז אַראָפּגעפאָרן פון שטאָט א לערערקע. א שײנינקע און א שוואַרצינקע. כאָטש וויקל זי אײַן אין א קאָנפעט־פּאַפּירעלע. זי איז געקומען העלפן די קלײנע.

ווײס זי ניט לעכאַטכילע וואָס צו טאָן, ווײס מען ניט לעכאַטכילע וואָס צו טאָן מיט איר. זי דרײט זיך ארום ר' קושען און טײַנעט אים אײַן:

— איר ווײסט, קאָלעקטיוויזאַציע איז זײער א גוטע זאַכ!

שמײכלט ער, ר' קושע. זי איז געקומען אַגיטירן אים פאר קאָלעקטיוויזאַציע, אז ניט ווײס ער ניט.

— איר ווײסט, א קאָלעקטיוו איז זײער א גוטע זאַכ.

— זײער א גוטע זאַכ, א קאָנפעטקע—איז מאַסקים שמײכלענדיק ר' קושע.

— איר ווײסט, ווען איכ קאָן נאָר, פאַרבלײַב איכ אין קאָלעקטיוו...

דאָ כמורעט ער שוין אָן דעם פּאָנעם, ר' קושע. אַלע שטאָטיקע האָבן עס ליב צו זאָגן. ווען מ'שיקט זי, די קלײנע, אין א באָרע מעלקן די בעהיימעס...

נאָר ער קאָן ווײַטער ניט כמורען דעם פּאָנעם. יענע, די קלײנע, שטעלט אָן א פּאָר אויגן פאַרטרוימטע, ווי זי וואָלט נאָר וואָס געזען א שײנעם כאָלעם און קוקט, ווי מיט שפּאַקולן, אין דער נעשאָמע אַרײַן.

אויב זי איז אַזאַ ווילע און זי גיסט ליכט פון די אויגן, גיסט פאר איר קושע אויס דאָס האַרץ.

— מיר האָבן אַביסל א טאָעס געהאַט אין כעשבן... א זאוואָד באַקומען א גוטע גערעטעניש, האָבן מיר געמײנט, אז ס'וועט זיך גײן אַזוי פּאַוואָלינקע, מירן עפּעס אָנלעבן...

— באַלעגופים ווערן—וואַרפט זי אַרײַן א וואָרט.

— פע! וואָס דאַרפט איר אַזאַ מיִעסן וואָרט... כ'מײן, לײַטיש לעבן, זיך אַזויפיל געמוטשעט, לאָמיר זיך איצטער אָטכײַען, אָפּציִען דעם אָטעם...

טײַנעט מיט אים אײַן די לערערקע, וואָס איז געקומען צופאָרן מיט א קלײנעם טשעמאָדאַנטשיק, מיט א שמײכל און מיט טרוימענדיקע אויגן...

פאַרבײַ גײט דורכ א ראָטע רויטאַרמײער. ס'ווערט דורכגעפירט אַן אַגראָמאַרש און דאָ געפינט זיך דער שטאַב.

גײען דורכ פאַרבײַ דער לערערקע די רויטאַרמײער, און זײ שמײכלען אפילע ניט מיט א סאָלדאַטישן שמײכל צו דער פרוי, וואָס שטײט דערבײַ.

גײט פאַרבײַ מיכל, ר' קושעס זון, און ער שמײכלט ניט...

און ר' קושע האָט אויכ אופגעהערט צו שמײכלען.

כאַפּט זיך די לערערקע, אז מען דאַרף ניט שמײכלען.

גיט ר' קושע, נאָך אביסל שווײַגעניש, א קוק אױף איר, זעט ער, אז ס'פֿעלט עפּעס אױף איר פּנים. עפּעס איז זי ווי עלטער געוואָרן. און ער קאָן זיך ניט כאַפּן, אז דאָס פֿעלט בא איר דער שמייכל.

פֿאָרט זי אום צוזאמען מיט די רויטארמייער. זי פֿאָרט צוזאמען מיט עליאָצען אנטבאלעגופּעווען די באלעגופּים. צוזאמען מיט עליאָצען ליקווידירט זי א קלאס. די באלעגופּים קוקן מיט אזעלכע וועלפֿישע אויגן. הײַנט שטעל זיך זיי צוריק קוקן מיט פֿארטרוימטע אויגן! ניין, זי קוקט שוין אנדערש...

זי, די לערערקע, האָט געלערנט מיט קליינע קינדער און געטרוימט וועגן גרויסע זאכן, אז מ'טרוימט, ווערן פֿארטרוימט די אויגן. אזוי איז עס, גע-ווייניטלעך...נארישקײַטן. דאָס האָט זי גאָר אמאָל געטרוימט וועגן זומערדיקע נעכט, שמעקעדיקע בלומען, און שיפֿלעך מיט מאנדאלינעס אפֿן אויסגעלעוואָ-נעטן טײַך. נארישקײַטן. זי האָט געטרוימט וועגן עפּעס גרעסערס...

וועגן וואָס?

ניין, דאָס קאָן זי קלאָר ניט זאָגן. זײַנען דען טרוימען קלאָר? זיי שווי-מען אָן אופֿהער, ווי א טײַך. און זיי גיסן זיך איבער, ווי א טײַך. און זיי דאמפֿן ווי א טײַך.

איצט טוט זי גרויסע זאכן. זי פֿאָרט ארום מיט עליאָצען און זי קאָלעק-טיוויזירט די פּויערים און זי ליקווידירט א קלאס, גרעסערס קאָן ניט זײַן.

אפֿ העכערס האָט זי זיך ניט פֿאָרגעשטעלט, ס'איז נאָך מער, וויפֿל זי האָט געטרוימט.

און אפּמאָרגן האָט איר רעב קושע געטראָפֿן און דערזען, אז ס'פֿעלט עפּעס ווידער אין איר פּנים, עפּעס גאָר אן אנדער פּנים בא איר, און ער האָט זיך ניט געקאָנט כאַפּן, אז דאָס איז פֿארשוווּנדן די פֿארטרוימטקײַט פֿון אירע אויגן.

איצט זעט זי אויס גאָר אנדערש. פֿארביסענע ליפּן, ווי ס'וואָלט קאָנטיק געווען, אז דער שמייכל איז אָפּגעריסן געוואָרן פֿון זיי, און אָפּגעדעקטע אויגן, פֿון זיי האָט זיך ארויסגערוקט דאָס פֿארטרוימטע זײַדן העמדל, און זיי קוקן איצט אָפֿן און ברייט.

איז געקומען צופֿאָרן א לערערקע אין קאָלעקטיוו מיט א קליינעם טשע-מאָדאנטשיק, מיט א שמייכל און פֿארטרוימטע אויגן. דעם שמייכל האָט זי אָנגעוואָרן. די פֿארטרוימטקײַט האָט זיך פֿארלאָרן. דער טשעמאָדאנטשיק איז געבליבן...

און זי אליין האָט נאָך ניט באוויזן דאָס צו באמערקן. ווען זי גיט א קוק בא זיך אין א שפּיגעלע, זי וואָלט זיך אליין ניט דערקאָנט.

אזויפֿיל ארבעט!

זי איז הײַנט געווען אין דרײַ דערפֿער.

און איצט גייט זי פון דריטנ דאָרף. זי גייט איבערג בריק. דער גאנצער טײַכ איז נאָכ ניט פארפראָרנ, נאָכ ניטאָ קיינ דורכויסיקער אײַז.

זי פארקוקט זיכ אפ די רוישיקע וואסערנ, וואָס גיסנ זיכ איבער. בלײַבט זי שטיינ, און עפּעס נעמט זיכ איבערגיסנ אינ איר.

זי קוקט אזוי גליקלעכ אראָפּ. וואָרעמ אירע אויגנ זײַנענ איצטער ווי סאזשלקעס, אפ וועלכע עס פארגייענ רויטע זונענ, ליכטיקע און נאסע.

זי איז אזוי גליקלעכ. זי האָט אזויפיל אופגעטאָנ. זי קאָנ אזויפיל אופטאָנ!..

זי לויפט גיכ אהיימ.

— ווער איז עס?—עליאָצע? וואָס איז?—אינ דאָרפ? ווענ?—שוינ?...

גייט זי אינ פערטנ דאָרפ. ווײַטער א פארזאמלונג.

דער פאָלק־הויז איז געפּאקט מיט פויערימ. אסאכ רעדעס זײַנענ שוינ דאָ געווענ, און מע ווארט אפ דער לערערקעס וואָרט. די הענט זײַנענ בא די פויערימ הינטער די פאטיליצעס. מע קראצט די פאטיליצעס. גייג אינ קאָלעק־טיוו, צי ניט גיינ.

דאכט זיכ, אז ס'איז א גלײַכע זאכ. מע דארפ גיינ. א קראצ אינ פאַ־טיליצע.

שטייט די פויעדטע מעקליע, אָט די, מיטנ גיידער, אינ די באָטעס, מיט מאנסבילשנ קאָל און שרײַט:

— ווי גאָט לעבט, ס'איז אנ עמעס: אָט די, וואָס טויגנ ניט פארנ קאָ־לעקטיוו, שטעמפּלט מענ אָפּ די פּלייצע און מע שיקט אינ גובערניע. מײַ טאָדער האָט עס אליינ געהערט.

דאכט זיכ, אז ס'איז ניט קיינ גלײַכע זאכ. מע דארפ ניט גיינ. א קראצ אינ פאטיליצע.

פליִענ אומ ווערטער, בלאָנדזשענ, זיי ווערנ אָנ זייער באלעבאָס, און ס'איז אזש ניט קאָנטיק פונוואנענ זיי גייענ:

— אליינ איז די נעשאָמע ריינ!

— וואָס קלענער דער אוילעמ, אלצ גרעסער די סימכע!

— קאָמונע! איינער זייט, דער צווייטער שנײַדט.

און עס רוקט זיכ ארופ אפנ בינע די לערערקע. און זי רעדט. אָפענע אויגנ, ברייטע. ניטאָ אינ זיי קיינ טרוימענ, טרוימענ פליִענ גאָר איצטער בא איר פונ מויל, און זיי וויקלענ זיכ אינ נעצנ, און די נעצנ פארכאפּנ אלעמענ. זי האָט זיכ צעוואָרעמט, זי האָט זיכ צעציטערט, און עס קלאפּט אינ איר, און איצט שטייט זי, ווי א וואולקאנ, און פײַער־ווערטער פליִענ דורכנ קראטער פונ איר מויל. ווי פײַער־שטיינער טרעפנ אירע ווערטער.

די פויערימ קוקנ אפ איר מיט פארגאפטע פענעמער און זיי פילנ, ווי זי ווערט גרעסער. זי וואקסט מיט יעדנ וואָרט. די ווערטער האָבנ זיכ ניט ווי אהינצוטאָנ אינ איר קליינעמ קערפּער און זיי רײַסנ זיכ פונ איר. און די ווערטער פליִענ ארויס און וואקסנ אינדערלופטנ. עפּעס לעבעדיקס שוועבט

איבערנ זאל. אונ בא די פויערימ וואקסנ די אויגנ. אונ עפּעס נעמט וואקסנ אינ הארצנ.

— ווער איז פאר די מאָסמיטלענ פונ דער סאָוועטנמאכט צו קאָלעקטיווירנ דעמ דאָרפ אפּ נײַע לעבנ־יעסוידעס, פאר ליקווידירנ דאָס באלעגופנ־טומ—זאָל אופהייבנ די האנט!

אונ עס ווערנ גרעסער די מענטשנ. עס וואקסנ בא זיי אופ אינדערהייכ די הענט.

עס ווערנ גרעסער די הענט, זיי געהערנ איצט צו לעבעדיקע מענשנ...

אונ מע זינגט:

שטייט אופ איר אלע, ווער ווי שקלאפנ...

3

לעצטע נײַס פונ קאָלעקטיוו:

מע שאפט איצטער דעמ זריִע־פאָנד (דאָס איז די הויפּט־נײַס).

עס זײַנענ געפּייגערט זעקס קעצעלעכ.

מיכל האָט ארויסגעשלעפּט פונ שטוב א זויערנ אוגעראָק, אונ צוגעטראָגנ עס א מאטאָנע סטעפּקענ דער פאסטושקע.

דאָס איז אלצ צוזאממענגעבונדנ. מיכלענ קאָנ מענ פאר אנ אינטעליגענטנ באָכער אינ קאָלעקטיוו. ער רעדט אפּ רוסיש נאָכ בעסער ווי אפּ יִדיש. האָט מענ אימ געמאכט פאר א „זאווכאָז" אינ זאוואָד.

האָט ער ניט קיינ צײַט צו שפּילנ זיכ מיט די קעצעלעכ. זײַנענ די קעצעלעכ געשטאָרבנ.

ער איז עפּעס ביכלאל לעבעדיקער געוואָרנ. ער האָט ניט קיינ צײַט צו שלאָפנ. האָט ער געגעבנ סטעפּקענ א זויערנ אוגעראָק.

אָט ס׳איז דיזעלבע סטעפּקע, וואָס אז מע גייט צו איר צו אונ מע וויל זענ פונ וואָס פאר א מאטעריאל איז געמאכט געוואָרנ איר נײַע קלייד, זאָגט זי אָפּ קורצ אונ שארפ:

— הער זיכ אײַנ: דו ווערסט פאָטיזירנ, אז די אוגערקעס וועלנ זויער ווערנ.

האָט איר מיכל צוגעטראָגנ א זויערנ אוגעראָק.

א סימענ, אז מיט מיכלענ איז עפּעס פאָרגעקומענ.

נו, יאָ. עס שאפט זיכ איצט דער זריִע־פאָנד. מע דארפ אימ אופקלײַבנ, דער דאָרפ־ראט האָט אופגעשטעלט „אָפּיסנ", אונ מע דארפ פאראלגעמיינערנ די ווירטשאפט, ס׳איז אסאכ ארבעט:

צעשטויבטע, צעבראָקלטע ווירטשאפטנ. מע דארפ איצט פונ קענדלעכ וואסער אופגיסנ א טײַכ.

מיכל שטייט אופ פארטאָג אונ ארבעט ביז שפּעט אינדערנאכט.

צעוואָרפנ די פארקנדלעכ, וואָס צעטיילנ דעמ שניי אפּ כאלאָקימ.

עס זײַנען געקומען רויטאַרמייער. א רימער־בריגאַדע אַפּ פאַריכטן די סבּרויעס. און לויפנדיק מיט זיי צוזאַמען, דאַכט זיך אים, אַז ער איז אַפּגעפּראַנט, אַז הייס איז אינטער אים די ערד, און עס ברענט אַפּ אים דער הימל
עס ברענט אַפּ אים דאָס היטל.
ניט צו דערקענען.
אָט זײַנען נאָר וואָס ווידער געווען דאָ די שעפן—אַרטיסטן. זיי גהייטן. א פּיעסע פון לעבן פון די ייִדישע פּויערים, זיי האָבן זיך שוין צוגעקוקט צום לעבן. זיי וועלן זיך נאָך אַביסל צוקוקן.
אָט דער באָכער מיט די קעצעלעך האָט אַן אינטערעסאַנטע פיזיאָנאָמיע.
נאָר די פיזיאָנאָמיע באַם באָכער האָט זיך געביטן. עפּעס נײַע שטריכן.
און רעב קושען איז אויך ניט צו דערקענען. ער גייט און גיסט אויס דאָס האַרץ פאַר אַן אַקטיאָר. גאָר שטיל אַזוי, באַשיידן, קימאַט ווי א זײַטיקער:
— קאָלעקטיוויזאַציע. איין געשאַמע. און איך טראָג אויך אַרײַן א פּײַ פון מײַן שטיקל געשאַמע. האָב איך מוירע אָבער מע זאָל ניט צוגייִן צו מיר און זאָגן: פעטערקע, איר האָט אָפּגעלעבט אײַער פּאָרציִע, איר קאָנט נאָך אונדז קאַליִע מאַכן די יויך. מען דאַרף ניט קיין אַלטע שקאַרפּעטקע אַפּ א נײַעם קאָסטיום. גייט רוט זיך אָפּ מיט אײַערע באַיאָרטע, אָפּגעטופּעטע פיס.
ניט צו דערקענען אים.
און אַלץ אַרום זעט גאָר אַנדערש אויס. ניטאָ קיין ייִדישער קאָלעקטיוו. אַן אינטערנאַציאָנאַלער. און מע טוט און מע האָרעט... דאָס איז אינטערעסאַנט. דאָס איז אָבער טאַקע אינטערעסאַנט. נאָר דאָס איז אָבער גאָר אַן אַן דער מאַטעריאַל.
די טרופּע איז אָוועקגעפאָרן. ס'איז פאַרעלטערט געוואָרן די פּיעסע, וואָס מע האָט געוואָלט שטעלן. און מע וועט דאַרפן שטעלן אַן אַנדערע. מע וועט דאַרפן אָנהייבן צוריק פונאָנהייב.

די לערערקע טוט. די לערערקע האָרעט.
אָט האָט זי אָרגאַניזירט אַן אוטיל־פאָנד פאַר דער אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד. מע קלײַבט איצטער בא די ווײַבער סאַמאָווארן, טאַצן, ליאַקן, בעכער, לעפל, זילבער פאַרן אינדוסטריאַליזאַציע־פאָנד.
גייט צו רעב קושע צו זײַן ווײַב און זאָגט:
— יאָכע, גיב אָפּ די לײַכטער.
זאָגט אים יאָכע:
— אַלע מײַנע וויסטע און פינצטערע כאַלוימעס, וואָס מיר האָט זיך געכאָלעמט הײַנט, נעכטן און א גאַנץ יאָר, צו מײַנע סאָנימס[illegible]קעפּ. ביסט אָפּגענעמ ניט בא זיך.
זאָגט רעב קושע נאָכאַמאָל:
— יאָכע, גיב אָפּ די לײַכטער!

און אז יאָכע נעמט די הענט אַפּ די באָקעס, און לאַכט פון אים, זאָגט אָפּ רעב קושע שטיל און ניגנדיק, ווי א צוואָע פארן טויט:

— הער זיך איין, יאָכע, 40 יאָר האָב איך געלעבט מיט דיר, און מיר זיינען געגאַנגען האַנט־בא־האַנט. איצט ביסטו, יאָכע, אָפּגעשטאַנען פון דער עפּאָכע. האָב קיין פאריבל ניט פארן גראַם. דו ביסט געבליבן הינטערשטעליק כאָטש נעם און גיב זיך אָפּ איצט אַפּ דער עלטער.

יאָכע, אזויווי זי איז געשטאַנען, אזוי האָט זי זיך אראָפּגעלאָזן.

און רעב קושע האָט זי געמינטערט, און אז יאָכע איז אָפּגעגאַנגען פון כאַלאָשעס, האָט זי אים געזאָגט:

— אלע מיינע פינצטערע, ביטערע כאַלוימעס. אויב עס גייט נאָר אין די לייכטער, זאָלן זיי זיין א קאָפּאָרע פאר מיר און פאר דיר און פארן גאַנצן קאָלעקטיוו...

רעב קושע פאָרט מיט די זין נאָך וואַפנע. ניט ער האָט זיי אופגעוועקט, זיי האָבן אים אופגעוועקט: עפּעס רופעט שוין איצטער ניט אופצושטיין אינדערפרי. עס פלעגט זיך דוכטן, אז ס'איז די אייגענע פעלד, אז עס וואַרטן די אייגענע פערד... איצט דאַכט זיך ניט. רופעט ניט. אָבער מיט זיי, דאַפקע איז פונקט פאַרקערט, אפילע אָט דער מיכל...

טרייבט מען די פערד וואָס גיכער. גיכע טעמפּן, זאָגן זיי. פליען בא זיי די פערד ווי די אָדלערס.

און רעב קושע שרייט ווי געוויינטלעך:

— פערדל, פלי... אָבער זיינע פערד צענאָרעוועט זיך, און פארוואַרפט אים אין עלעפּ־האַשישי.

רעב קושע האָט דאָך די נאַטור פון כאַלאָשעס. כאַלעשט ער, און אז ער קומט צו זיך, זאָגט ער:

— אַפּאָנעם, אז איך בין שוין צו טעמפּ פאר איינערע טעמפּן. מע דאַרף זיך אָפּגעבן אין אוטיל. מ'דאַרף שוין אָפּרוען, קינדערלעך.

4

אזויפיל ארבעט! אזויפיל מי!

פאר זיידעס, פאר עלטער־זיידעס, וואָס האָבן ניט דערטאָן, פאר ווינטערנעכט אויסגייענדיקע פון אומעט אַפּ לעזשאַנקעס.

פאר קינדער, פאר איינִיקלעך, וואָס וועלן נאָך דערטאָן און וועלן באַוווּנדערן זייערע זיידעס.

איז א שניי פאָרט אראָפּגעגאַנגען און האָט זיך צעלייגט איבערן גאַנצן פעלד ביז ער דערגייט צום הימל צו די שטערן.

אויבן א שוואַרצער הימל מיט שטערן.

אונטן א ווײַסער הימל מיט שטערן.

איז זאָל דערלויבט זײַן הײַנטיקן אָוונט פֿילן זיך ווי צווישן צוויי הימלען, זאָל דערלויבט זײַן זינגען אין דער נאַכט אַרײַן:

אין דער גרויסער ווײַטער פֿעלד ווייסן ניט די געזאַנגען וווהין צו אוועקגיין, און זיי בלײַבן הענגען איבערן קאָפּ. א געצעלט פֿון געזאַנגען איז אף אײַער קאָפּ, און עס זינגט אף אײַך די לופֿט.

עס זינגט די ערערד. זי איז דאָ גאָר אַן אייגענע. און אז זי זיצט דאָ און זינגט, פֿארגעסט מען גאָר, אז אָט הײַנט, שפּעטער דארף זי אוועקפֿאָרן. און עפּשער ניט אַלע פֿארגעסן... אָט, מיכל, ער האַלט דאַכט זיך אפֿן קאָפּ, אז ער דארף שפּעטער שפּאַנען פֿאַר איר דעם שליטן.

דערוויַילע זינגט ער אויך. דערלויבט אים אויך זינגען, וואָרעם ער האָט געטאָן עפּשער מער פֿאַר אַנדערע. ער איז דער „זאווכאָז“ פֿון זאוואָד: עס קלעקט אים ארבעט.

עס זינגט עליאָצע אויך. ער קוקט אף דער לעוואָנע און זינגט. געל איז זײַן פּאָנעם אנטקעגן דער לעוואָנע. געל איז די לעוואָנע אנטקעגן זײַן פּאָנעם. עס זינגען אַלע.

פֿון אַלע קוילעס הערט זיך דער קאָל פֿון דער לערערקע. ער צעגיסט זיך איר לײַכטנדיק קאָל, ווי א רעגן אנטקעגן דער זון.

און אַלע הערן מיט פֿארמאַכטע אויגן, מיט אָפֿענע הערצער.

זאָל איר דערלויבט זײַן הײַנט זינגען.

זי מעג בענקען, וואָרעם זי פֿאָרט הײַנט אוועק, און זי לאָזט דאָ הינטער זיך טעג דורכגעלעבטע, ווי פֿעסער מיט פֿעס—אָנגעצונדענע, וואָס לײַכטן דערנאָך אסאַך צײַט אין זיקאָרן, און ס'איז גוט זיך אָן זיי צו דערמאָנען, און עס בענקט זיך, ווען מע דערמאָנט זיי,

מיכל שפּאַנט דעם שליטן...

און דער שליטן האָט איבערגעלאָזן צוויי טיפֿע פּאַסן איבערן וועג, וואָס פֿארייניקן זי נאָך מיטן קאָלעקטיוו...

און מיכל שטייט און קוקט אף די פּאַסן, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געצויגן פֿון זײַנע אויגן.

יאָ אים כאַפּט אָן א פֿארדראָס, וואָס זי איז דאָ געווען אזא צײַט, אזא צײַט, און ער האָט גאָרניט ניט געזאָגט, א וואָרט ניט געזאָגט...

און זי האָט דאָך זינגענדיק אזוי געבענקט.

גיט ער א פֿאָר טריט מיכל, זעט ער: עס שטייט א מענטש אנטקעגן דער לעוואָנע און איז געל.

און די לעוואָנע איז אויך געל.

דאָס איז עליאָצע.

צעגייען זיי זיךביידע אין באַזונדערע וועגן, און נאָך ביידן גייט נאָך די לעוואָנע.

אפמאָרגנ איז עליאָצע געגאנגענ שפאנענ א פערד אונ האָט דערזענ, אז איינ שפאנ פעלט, אונ א פערד פעלט.

וויַיזט זיכ ארויס: מיכל פעלט אויכ.

קלערט ער: מאָדנע, ווי זיַינענ זיי דאָס ביידע געפאלנ אפ איינ סייכל.

נאָר אויב מיכל איז ניטאָ, בליַיבט ער. איצט טאָר מענ ניט אנטלויפנ. אזויפיל ארבעט איז געווענ, אונ אזויפיל איז נאָכ פאראנ!

מיסטאָמע וועט ער קומענ העלפנ. דאָס איז ערשט נעכטנ געשענ, איז ווער ווייס ווענ ער וועט קומענ. נאָר מיסטאָמע וועט ער קומענ. געוויס וועט ער קומענ.

קאָ ל ו י ר ט י ש ע פ ע ל ד ע ר.

מיניַאטורנ

קלאָר ווי דער טאָג.

די אלטע שרײַענ מיט די הענט, פונקט ווי די ווערטער וואָלטנ בא זיי געלאָפנ פונ די שפיצ פינגער. די יונגע שרײַענ מיט די מײַלער אונ פילנ ניט, אז די ווערטער רײַסנ זיכ בא זיי פונ די אויגנ.

א וואָרט האָט דער גלעקל. ער שרײַט מער פונ אלעמענ, ער ווייס אלײנ ניט—דער אביסל באַשווארצטער גלעקל—צי איז ער יונג, צי אלט, נאָר די געשרייענ רײַסנ זיכ פונ זײַנ גאנצנ אויבערפלאַכ.

א פארזאמלונג וועגנ סאָציַאליסטישנ געוועט אינ קאָלעקטיוו. אנ עלטערער קאָלעקטיוויסט רעדט: אפ 20 פראָצענט הייבנ די גערעטעניש... דאָס איז א געדאנק... עס דארפ זײַנ א גרעסערע פארינטערעסירונג אינ דער ארבעט... דאָס איז מיט א סייכל... אָבער...

— אָבער,—רײַסט אימ איבער א יונגער קאָלעקטיוויסט,—כדי צו דער־גרייכנ עס, דארפנ מיר אײַנפירנ נאָרמירונג פונ דער ארבעט. דערבײַ דארפ גענומענ ווערנ אינ אכט די אייכעס פונ דער ארבעט אונ איר קאמעס, אזוי איז די ליניע פונ קעמערל.

די אלטע זײַנענ קעגנ. ס'איז א נײַע זאכ, זאָגנ זיי. ווער ווייס וואָס עס קענ פונ דעמ ארויסקומענ. די יונגע זײַנענ געזינטער, אונ אלצ, ווילנ זיי, זאָל ארײַנפאלנ צו זיי אינ די הענט.

מע רעדט, מע רעדט. מע פלאָנטערט. ס'דאכט זיכ, אז ס'וועט קיינ סאָפ די נעמענ. פונקט ווי די ווערטער וואָלטנ געפאלנ אפ פוסטע פעלדער. ס'איז ניט פונ אָרט. אָט פונקט ווי אנדערע, וואָס לייגנ צו א האנט צו אנ איבערגע־קערטנ וואָגנ. עס קאָנ דוכטנ, אז זיי ציִענ אונ אינדערעמעסנ האלטנ זיי נאָר צו די האנט. מע קאָנ אזוי ריידנ ביזנ טאָג ארײַנ. ביז די הענער וועלנ צושטיינ צו דער פארזאמלונג אונ וועלנ קוקארעקענ—ווי שטענדיק—גלאט אזוי אינ טאָג ארײַנ.

פונ רייד־פלאָנטער פלאָנטערט זיכ דעמ אלטנ בערעס קאָל:

— אלצ די יוגנט, זי וויל אלצ אינ אירע הענט פארכאפנ...

דעמ רייד־פלאָנטער צערײַסט פלוצימ דער קאָל פונ קאָמיוגיסט ארקע:

— עכ, טאטינקעס הארציקע! ווער זײַנענ מיר, אונ ווער זײַט איר? מיר זײַנענ אײַערע זינ אונ איר זײַט אונדזערע טאטעס. מיר וועלנ אופטאָנ מער, פאר וועמענ וועט עס זײַנ? פאר אײַכ, טאטינקעס!

אונ די הענער האָבנ זיכ שוינ ניט דערווארט אפ דער פארזאמלונג, ווײַל פלוצימ איז שוינ דאָ אלצ קלאָר געוואָרנ ווי דער טאָג. אונ די ווערטער זײַנענ געבליבנ שטעקנ אינ מויל, ווי געסט, וואָס פאלנ ארײַנ ניט צודערצײַט. אונ זיי האָבנ זיכ שטיל אָפגעטראָגנ צוריק...

איצט איז ארײַנגעטראָגנ געוואָרנ א קלאָרקײַט. אלצ איז קלאָר. ס'איז שטיל. דער אלטער קאָלעקטיוויסט רעדט צו זיכ אלײנ אינדערשטיל. ס'קאָנ דוכטנ, אז ער ציט זײַנע פריערדיקע געדאנקענ. עס הערנ זיכ אָבער נאָר די ווערטער:

— דאָס איז א געדאנק... דאָס איז מיט א סייכל...

אײניקלעך

— מײַנע זײדע און מײַן עלטער־זײדע זײַנען קײן פּאַסטעכער ניט געװען און איך װעל אױך ניט גײן פאַר אַ פּאַסטעך!

אַזױ האָט קריגעריש דערקלערט פאַר דער פאַרװאַלטונג פון קאָלעקטיװ דער נײַער יאַטל עליאָצע, שטײענדיק פאַריסן אין אַ גאַדלעסדיקער האַנ־פּאָזע מיט אַ צעשװומענער כוצפּע אין די װאַסערדיקע אױגן.

דאַן האָט זיך אױפגעהױבן דער סעקרעטאַר פון קאָמיוגישן קעמערל מוליע און האָט אַ זעץ געטאָן אין פּראָטאָקאָל אַרײַן, װאָס איז געלעגן אױפן טיש:

— אָט איז מײַן זײדע (ער װײַזט אױף זײַן גרױען זײדן) און ער גײט פּיטערן די פערד, און ער גײט פּאַשען די בהמות און איך גײ אױך אַרױס אױף פּאַשע, און אױב דײַן זײדע איז געװען אַ כאַזן, זאָלן מיר דיר עפּשער גײן זינגען זמירות איבער די פעלדער?...

און ער האָט געפאָדערט פון דער פאַרװאַלטונג, מע זאָל עליאָצען אַרױס־טראָגן אַ שטרענגן אױסרײד.

דאַן האָט זיך אױפגעהױבן דעם סעקרעטאַרס זײדע און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט מיט אַ באַלײדיקטן טאָן, און ס'האָט זיך אױך געדאַכט, אַז מיט אַ באַפעלערישן טאָן — געזאָגט:

— פאַר אַזעלכע דיבורים דאַרף מען אים אױסשליסן פון קאָלעקטיװ.

און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאָן איז אַ באַלײדיקטער, װאָרעם עס קאָן זײַן, אַז ער האָט זיך באַלײדיקט אױף עליאָצען, װאָס האָט געמאַכט אַ גאַנצן ייִכעס פון זײַן זײדן און עלטער־זײדן, װעלכע עס איז ניט אױסגעקומען צו זײַן פּאַסטעכער.

און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאָן איז אַ באַפעלערישער, װאָרעם ער האָט זיך געפילט שטאָלץ מיט זײַן אײניקל, װאָס האָט אַ זײדן ניט קײן כאַזן, װאָס זאָל אַרומגײן און זינגען זמירות איבער די פעלדער.

א רעוואָליוציע קעגן דער ווײַב

שאבעס אינ שאבעס גייט ארויס רעב יוינע רויכערנ א פאפיראָס. זײַנע אויגנ צעלויפנ זיך, ווי נעוויילעס־פערדלעך אינ פארשיידענע זײַטנ. דאָס היט זיך רעב יוינע פאר מענטשנ? ניינ! דאָס קוקט רעב יוינע, צי די ווײַב גייט אָנ זאָל די ווײַב זענ, אז רעב יוינע רויכערט פאפיראָסנ אומשאבעס, זאָל אים די ווײַב אויסזידלענ מיט אלע טויטע קלאָלעס אונ כאָראָמעס, דאנ פילט ער רעב יוינע, ווערט אים אראָפּ א שטיינ פונ הארצנ—דאנ וועט פאָרקומענ די רעוואָליוציע—אונ דאנ וועט זײַנ רויכערנ לעגאליזירט ווערנ.

רעב יוינע איז איינער פונ די ערשטע אָרגאניזאטערנ פונ קאָלעקטיוו א געוועזענער באלעגאָלע, ווי אלע באלעגאָלעס, קוקט ער מיט ביטול אונ לאכט אונטער פונ מענטשנ, ווײַל זיי זענענ מענטשנ שטענדיק אינ וועג, ווענ מע איז אמערסטנ לעכערלעך.

אָבער ווי אסאך אנדערע באלעגאָלעס האלט ער פונדעסטוועגנ שטאט:

— כ׳ווייס, פרום, ווער איז עס בא הײַנטיקע יאָרנ פרום, ער איז אָבער ניט מעכויעוו צו מאכנ זיך „שקאָציש״, מע איז שוינ עפּעס אנ עלטערער ייִדנ א ייִד מיט א גריוועע.

די ארבעט האלט אָבער ניט פונ שטאט. אויב שאבעס איז א שיינער טאָג אונ מע דארפ אראָפּפירנ די היי, קאָנ מענ ניט ווארטנ ביזוואנענ עס וועט אראָפּגיינ א צעלאָכעס־רעגנדל, אָדער, ווי מע רופט עס, א היי־רעגנדל, וואָס קומט זיך אראָפּ גלאט אזוי, ניט אָפּ אָנטרינקענ די פעלדער, נאָר אפּ אָפּטאָנ א צעלאָכעסל אונ אָפּנעצנ די היי. ווענ מע דארפ ארבעטנ, זײַנענ ניטאָ קיי יאָנטויווים.

אונ אויב ער ארבעט שאבעס, פארוואָס זאָל ער ניט טאָרנ פארויכערנ א פאפיראָס?—אזוי ארבעט דער געדאנק בא יוינענ.

שאבעס אינ שאבעס גייט ארויס רעב יוינע רויכערנ א פאפיראָס. די ווײַב לייענט שאבעס דעם טײַטש־כומעש אָונ גייט פונ שטוב ניט ארויס. סאָפּקאָל־סאָפּ האָט ער זיך פאָרט אונטערגעדרייט. די ווײַב האָט אים ארײַנגעשאָטנ אזויפיל קלאָלעס, אז, דאכט זיך, א פאָר פערד וואָלטנ זיי ניט פארשלעפּנ.

די ביטערע קלאָלעס, זיי האָבן אויסגעגעסן דעם שטיין פון הארצן. איצט פילט זיך שוין רעב יוינע פריי, און ער רויכערט, ווי ער וויל, פאר אלעמען אין די אויגן. אזוי קומט פאָר א רעוואָליוציע.

און אפמאָרגן גייט ער שוין אין דער אלגעמיינער קיך עסן.

און וויבאלד אזוי, קאָן ער שוין ניט הערן ווי מע רופט אים „רעב־יוינע". ער פארקרימט די דוהעס, וואָס אפ זיינע אויגן, און ער בעט זיך רופן „כא־ווער יוינע".

שאבעס אין שאבעס גייט ארויס דער פעטער יוינע רויכערן א פאפיראָס.

גאַנאָווים.

א פרוכט־סאָד. עפל, בארנ. אונ די גאנצע שיינקײַט גיבנ אימ צו זײַנע זעלטנ גלײַכע ליפע־אלייעס, אָט די שיינע פריצישע אלייעס, וועלכע האָבנ אזעלכע ראָמאנטישע נעמענ:

„Алея любви“.

„Алея охов и вздохов“.

יעדער בוימ שטייט זיכ ווי א פאָרעצל, אונ פארפינצטערט אביסל די אלייע. אונ יעדער בוימ שטייט, דאכט זיכ, אביסל פארדײַגעט, וואָס ער אליינ ווערט פארפינצטערט. וואָס איז די פולע פונ די ליכט־עפעקטנ? די קאָלעקטיוויסטנ האָבנ סײַוויסײַ קיינ צײַט ניט קומענ אהער „אויקענ אונ זיפצנ“, אונ ווענ ניט ווענ הערנ זיי נאָר א מרוקענ פונ א בעהיימע, וואָס קומט אמאָל אהער פאשענ זיכ, אונ א פײַפל פונ א פאסטעכ, וואָס פײַפט ארויס דורכנ פײַפל זײַנ אומעט אונ זײַנ אומבאשטימטע בענקעניש, ניט ווייסנדיק נאָכ וואָס אונ ניט ווייסנדיק נאָכ וועמענ.

אונ איצט איז נאכט. א שטײַפע, שווערע זומער־נאכט, וואָס שפארט זיכ שווער אָנ אָנ דער ערד, אז די ערד צעשוויצט זיכ אזש פונ דעמ. עס גאָגערנ שווער די גענדז, אונ א האָנ פרוווט זיכ שוינ צו אָנהייבנ פראווענ זײַנע שטענדיקע אינדערפריִענדיקע מאנעווערעס, פארײַסנ דעמ שנאָבעק אינ הימל ארײַנ, קוקערעקענ אונ פרווונ לעכערנ דערמיט דעמ הימל.

אונ פלוצלונג הערט זיכ א רודערײַ אינ דער נאכט ארײַנ, עס הערט זיכ א הארטער פאלנ פונ א שווערנ בוימ־גופ אונ א בלעטער־געשאר.

אונ פלוצימ דערהערט זיכ א קאָל איבערנ קאָלעקטיוו:

— מע גאנוועטביימער!

דער קאָל איז ווי אָפגעריסנ פונ האָליע, אונ מע ווייס אפילע ניט צוערשט, וועמענ געהערט דער קאָל, דערנאָכ ערשט דערוויסט מענ זיכ, אז דאָס שרײַט דער אלטער רעב ליפע. מע זוכט אופ די אלטע ביקס, דעמ נאהאנ, אונ מע פליט אינ סאָד ארײַנ.

מע שארט זיכ שטיל אפנ פײַכטנ גראָז, א שאר זיכ אונ א שפרונג ווי די פרעש.

— שטייט! די הענט אינדערהייכ!

געכאפט דעמ אָפּגעריסענעמ שוסטערל אונ א פאסטעכל פונ דאָרפ, די שטענדיקע גאנאָווימ.

רעב ליפּע שפּייט אינ האנט אונ לאָזט פּעטש, פּעטש ווי האָגל, אז ס'דוכט זיכ, אז באלד וועלנ נעמענ פליִענ פונקענ, אונ ס'דוכט זיכ, אז באלד וועלנ זײַנע ביינערדיקע פינגער ארײַנעמענ זיכ אינ די פּענעמער פונ די גאנאָווימ, אונ ער וועט זיי ניט קענענ ארויסנעמענ.

ער שלאָגט מיט געשמאק, מיט ווילדע פיענע אפּ די ליפּנ, מיט א מינ פיענע, וואָס גיסט זיכ אָנ אפּ די אויגנ, מיט א שווייס אפנ פּאָנעמ. ער לאָזט אראָפּ א פאטש, גיט א קוק אפנ ליאדאָנ, באקלערט זיכ אונ לאָזט אראָפּ. באטראכט נאָכ א פאטש. נאָכנ פאטש גיט ער רעציכעדיק א געשריי:

— Чатыры!

דאָס ציילט ער די פּעטש.

דער שוסטערל שפּרינגט פונ האנט צו האנט, אונ קוקנדיק אפּ אימ, וווּנ־דערט ער זיכ, ווהינ האָט ער עס ארײַנגענומענ אזויפיל פּעטש. פונ זײַנ פארבלוטיקטנ מויל גיסט זיכ ארויס:

— Ай, добрыя людзі!

פונ קאָלעקטיוו לויפנ נאָכ מענטשנ, זיי לויפנ צו אונ דערזעענ, אז מע פאטשט, פאטשט מענ ווײַטער. אלע פאטשנ. די יונגוואַרג איז צעהיצט אונ פאטשט אויכ.

עס פליט אָנ א פרוי. זי שפּארט זיכ אָנ אָנ א בוימ אונ שרײַט:

— פאסקודניאקעס, הערט אופּ צו פאטשנ, דונייררימ, איר הערט אופּ, צי ניט!—אונ זי פארקײַקלט א היסטעריקע.

אפּ א ווײַלע הערט מענ אופּ. דער שוסטערל קוקט ארויס מיט פארבלו־טיקטע אויגנ, טוט א שמיר מיטנ ארבל די בלוט פונ נאָז; עס קאפּענ שטיל אראָפּ טראָפּנס בלוט אפנ גראָז, אונ ער קאפּעט אויכ שטיל אראָפּ ווערטער צו דער ערד, שטיל, פארשטיקט ווי פאר זיכ:

— פארנ שטיקעלע ברויט, ברידערלעכ—מענטשנ, איר גוטע. אמאָל איז געווענ דער פּאָרעצ, איז מענ געגאנגענ צו אימ גאנווענענ, האָט דער פּאָרעצ געשלאָגנ. דעמ אָרעמאנ האָט מענ שטענדיק געשלאָגנ. איצט איז א קאָלעק־טיוו, שלאָגט מענ קאָלעקטיוונע, פארנ שטיקעלע ברויט, ברידערלעכ—מענטשנ, איר גוטע.

שטיל. די יונגע שטייענ מיט פארשעמטע הענט. פלוציִמ כאפּנ זיי זיכ, אז דער שוסטערל איז דער ביטערסטער אָרעמאנ פונ דאָרפ. פלוציִמ פילנ זיי זיכ שולדיק דערפאר, וואָס דער שוסטער האָט געזאָגט: „דעמ אָרעמאנ האָט מענ שטענדיק געשלאָגנ".

אונ אז רעב ליפּע האָט אראָפּגעלאָזנ א נײַעמ פרישנ פאטש—האָבנ זיכ עטלעכע קוילעס מיטאמאָל דערהערט:

— רעב ליפע, שלאָגט ניט! נאָר ניט געשלאָגן!

רעב ליפע שרייט נאָך אַלץ: גאַנאָווים! מע דאַרף פון זיי די הויט אַראָפּ-שינדן!

דער שוסטערל דערפילט אָבער מיט וואָס ער האָט גענומען. ער גייט דעם גאַנצן וועג און ווישט דאָס בלוט פון נאָז און טײַנעט: אמאָל האָט געשלאָגן דער פאָרעצ...

און די שלאָגער אליינ דערפילן זיך ווי געכאַפּטע גאַנאָווים. און די שלאָ־גער אליינ דערפילן זיך שולדיק. און בא רעב־ליפען בלײַבן הענגען די הענט, און ער ווייס זיי ניט ווו צו אהינטאָן—כאָטש ווארפ זיי ארויס. ביז ער כאַפּט זיך, אַז מע קאָן מיט זיי א קראַץ טאָן די פּאַטיליצע און א זאָג טאָן:

— האלסטע גיינ אינ קאָלווירט, וואָלסטע דאָס ניט געדאַרפט...

און דער שוסטערל האָט אופגעהערט צו טײַנען. כאָטש ס'איז קאָנטיק נאָך זײַנ פּאָנעם, אַז ס'קומט אים אָנ מיט שווייס דער קלערן—דאָך האָט ער זיך פאַרקלערט...

אונדזערע זײַן פאַר אײַערע טעכטער.

שאַבעס, ווען ער אַרבעט ניט, דער אַלטער בערע, קאָן ער אויף ניט זיצן אינדערהיים, און ער גייט באַקוקן די פעלדער. ער גייט און טראַכט שאַבעס־דיקע געדאַנקען, וואָס אַנדערוואָכן וואָלט ער זיך ניט פאַרגינען צו „דאָקו־טשען" דעם קאָפּ מיט זיי.

א שאַבעסדיקער געדאַנק: דאָס גאַנצע לעבן שפּראָצט פון דער ערד. מיר לעבן פון איר כּיעס. ווען אַלע מענטשן וואָלטן באַאַרבעט די ערד, וואָלטן אַלע געוווּסט פון וואָס מע לעבט, וואָלט מען עפּשער געוווּסט ווי צו לעבן און גוט וואָלט געווען דאַן אַף דער וועלט, און קיין מילכאָמע־געפאַר וואָלט דאַן אויך ניט געווען, וואָרעם אַט זאָגן די ווײַבער, אַז ס'האַלט באַ א מיל־כאָמע, ווײַל מע האָט באַ אונדז אָפּגענומען קיטײַ.

און ס'טרעפט, אַזוי בלאָנדזשענדיק איבער די פעלדער, דערזעט ער זײַן טאָכטער מיט יעראָשקען, אָט דעם קאָמיוגיסט פון „פּאָסיאָלאָק", ווי ער גייט מיט איר אַרום און „איזוויניאַיעט" זיך קעסיידער פאַר דער „ווירזאַזשעניע", און דרייט מיט די אָפּצאַסן, דרייט מיט די אויגעלעך און דרייט מיט די פרענדזעלעך פון גאַרטל. צוגייט נאָענט שטייט אים ניט אָן, דעם אַלטן, נאָר ער שטעלט פונדערווײַטן אָן א פּאָר בייזע טאַטישע אויגן, א פּאָר בייזע אויגן, וואָס זעען אויס, ווי זיי וואָלטן זיך געריסן פון א קייט.

און זיי מאַכן זיך ניט זעענדיק, פאַרקערן זיך אָנאַזײַט, און דער אַלטער זעט שוין ניט מער ווי זייערע פּלייצעס. באַ יעראָשקען איז א ברייטע פּלייצע, און זי דרייט זיך באַ אים אינדערהייך (אַלץ דרייט זיך באַ אים). באַ דער טאָכטער איז א שמעלערע פּלייצע און עס דרייט זיך באַ איר, ווי געוויינ־לעך, נידעריקער אַביסל.

גיט דער אַלטער אויך א דריי מיט די פּלייצעס און ס'נעמען זיך שוין באַ אים אין קאָפּ דרייען וואָכעדיקע געדאַנקען. ער דערמאָנט זיך, אַז די מיש־פּאָכע פון דער ווײַבס צד איז געווען אײַנגעטונקט אין גאָלן ייִכעס, אין קסובע איז געווען פאַרשריבן „ממשפּחת האדמ"ור" און „אדמור", ווייס ער, איז עפּעס א שווערער „ראָשעטיוועס", וואָס ווײַזט אַף ייִכעס.

געפעלט עס ניט דעם אלטן. דערציילט ער עס דער אלטער. געפעלט עס ניט דער אלטער, רעדט זי עס אויס דער טאָכטער. געפעלט עס דער טאָכטער, לאַכט זי זיך אויס פאר יעראָשקען. געפעלט עס יעראָשקען — הירזשעט ער זיך פאנאנדער פאר די פערד.

די פערד איז א דייַגע — הירזשען זיי אויך.

און איינמאָל איז געקומען יעראָשקע פון פּאָסיאָלאָק און איבערגעגעבן די פאָלגנדיקע נייַעס:

— דער פּאָסיאָלאָק וויל אריַינטרעטן אין קאָלעקטיוו. מיר זעען, אז איר ארבעט טאקע ניט אפּ צו פלייַסן. איז ווילן מיר: אונדזערע זאָל זייַן אייַערע, און אייַערע זאָל זייַן אונדזערע. און מאשינעס, קען מען זאָגן, וועלן מיר קויפן צוזאמען. מיר זייַנען מאסקים אפילו איר זאָלט בלייַבן די אָנפירער.

און רעב בערע האָט זיך דערמאָנט די מייַסע מיט שכעמען פון כומעש „אונדזערע זאָל זייַן אייַערע, און אייַערע — אונדזערע. אונדזערע זין וועלן נעמען אייַערע טעכטער, און אונדזערע טעכטער וועלן מיר געבן פאר אייַערע זין״...

אָבער הייַך האָט ער געזאָגט גאָר עפּעס אנדערש:

— ניין, אויב פארייניקן זיך, איז אפּ גלייַכע יעסוידעס. א שוטפעסדיקע אָנפירונג דארף זייַן, זאָל מען דערנאָכדעם ניט זאָגן, אז די יידן טוען ווייניקער.

דער איניען איז אוועק אין די געהעריקע אָרגאנען. מע דארף באטראכטן, צי ס'לוינט, סייַ עקאָנאָמיש און סייַ פּאָליטיש, פארוואנדלען דעם נאציאָנאלן קאָלעקטיוו אין אן אינטערנאציאָנאלן.

און רעב בערע גייט איצט ארום איבער די פעלדער, ער גייט און טראכט, אז ווירטשאפטלעך, אייגנטלעך, לוינט עס, וואָס גרעסער די ווירטשאפט, איז אלץ בעסער. אָבער יידן, — קלערט ער, — אזא אלט פאָלק, אזויפיל געמאטערט זיך, און איצט וועט מען זיך אויסמישן. עפּשער איז א טרופע עס זאָלן זיך ענדיקן די „מוטשעניעס״. זייערע זין וועלן נעמען אונדזערע טעכטער און מע וועט ניט קלערן וועגן „ייד״, „גוי״, און מע וועט קלערן נאָר וועגן דער ארבעט.

— ווער ווייס... עפּשער איז דאָס ניט גאָר אזוי גוט, נאָר אזוי איז שוין די אינטערנאציאָנאלע ליניע, מע וועט זיך אויסקאָכן אין איין קעסל, און אלע וועלן האָבן איין פּאָנעם, אלע וועלן זיך מיסטאָמע אויסמישן, און מיט דער צייַט וועט עפּשער ווערן א נייַער ייִכעס, א ייִכעס, וואָס מע שטאמט פון אן אינטערנאציאָנאלער מישפּאָכע...

— מיט אלעמען, מיט אלעמען וועט עס זייַן, — קלערט דער אלטער, און

דאַן איז עס ניט נאָר זײַנער אַן אײַסעק, וואָס זײַן טאָכטער נעמט אַ „גוי".
אַלע, אַלע דאַרפֿן דײַגענען, אָדער זײ דאַרפֿן זיך פֿרײען.

און ער איז צעפֿרידן, דער אַלטער, וואָס דאָס איז ניט נאָר זײַן דײַגע.

און הײַנטיקן שאַבעס, אַז ער איז אַרויס אין פֿעלד ציִען זײַנע שאַבעס־
דיקע געדאַנקען, און אַז ער האָט דערזען זײַן טאָכטער מיט יעראָשקען, האָט
ער עפּעס פֿאַרדרײט דעם בריליק און געמאַכט זיך גאָרניט זעענדיק.

ניט זײַן דײַגע, זאָלן אַלע דײַגענען, און אויב מע דאַרף זיך פֿרײען,
זאָלן זיך אַלע פֿרײען.

נישקושע, פור, פור!

איך האָטשקע זיך איצט אפּ א פערד, כ׳מאַך א בודיאָני־מינע און איך מיין, אז פליִענדיק וואַקסן בא מיר אויס לאַנגע וואָנצן.

— איַי, איז עס אַן אָדלער!—קאָמפּלימענטיר איך מייַן פערד.

לאַכט מען. ס׳ווייַזט זיך אַרויס, אַז אין קאָלעקטיוו האָט מען ראַכמאָנעס געהאַט אַף מייַנע יונגע יאָרן, און מע האָט מיר געגעבן די גרעסטע פּעגירע, קעדיי צו זייַן זיכער, אַז איך וועל ניט אַראָפּפאַלן.

אויב אַזוי דאַרף מען איבערבייַטן די מינע פון פּאָנעם. די „וואַזשנע״ מינע הערט אויף צו רייַטן אַף מייַן פּאָנעם און איך שרייַ אַף מייַן פערד— נעווײַלע, פּעגירע!

לעבן מיר פּאָרט דער קאָמונאַר גדאַליע, ער איז געווען א מיטגליד פון דעם קאָלעקטיוו, א געזונטער באָכער, וועלכן מע האָט איבערגעשיקט אַף אַרבעט אין א ניַי־געגרינדעטער קאָמונע, און איצט איז ער דאָ צוגאַסט.

ער דערציילט מיר איצטער וועגן פערד, וועלכע זייַנען גאָר קיין פערד ניט (בא פערד איז עס א כיסאָרן), און פערד, וועלכע זייַנען טאַקע די עמעסע פערד (א מייַלע).

ער דערציילט מיר:

— פון די ציִעניסטן, וועלכע זייַנען פריִער געזעסן אין קאָמונע, זייַנען פאַרבליבן עטלעכע פערד, פאַרמאַטערטע, פאַרכוישעכטע, און איינע פערד טויג גאָרניט צו דער אַרבעט. מע זאָגט, אַז בא אים איז די פּאַליקע. ער לייגט זיך אַוועק און וויל ניט גיין, כאָטש שרייַב אין „זשאַלאָבנע קניגע״.

איינמאָל גיי איך צו, זע איך אַזאַ סצענע: איינער פון די פריִערדיקע איַינוווינער, א ציִעניסט, זיי האָבן זיך נאָך דאַן ניט אַרויסגעקליבן, קאָנטיק ניט פון אונדזערע מעקוימעס, שטייט און בעט זיך באַם פערד, מיט א כאַלאָוו־אודוואָש־קאָל:

— נישקושע, פור, פור!

ווען דער פערד וואָלט געהאַט גאָט אין האַרצן, וואָלט ער אונטערשטוועגן אַוועק, ווען יענער בעט זיך אַזוי, אָבער דער פערד ליגט און ניט פון אָרט.

מע האָט אים געוואָלט פאַר 40 ר. פאַרקויפן. און איך גיב א קוק אף אים: א פאַרשוין, א שיוּוע גריווע, און דאכט זיך, אויגן פון אַן אינטעלי־גענטנעם פערד.

שפאַן איך אים איַין. פּרווּוט ער ווײַטער סאַבאָטירן. איך שטעל זיך דאָס אווּעק מיט די פיס אין וואָגן, שפאַר זיך גוט איַין, שטשאָבע אים אריַין מיט דער בײַטש, אַז עס האָט געסווישטשעט, און שריַי זיך פאַנאַנדער:

— וואָס מיינסטו, ס'איז דיר די ציַיגניסטלעכ! א רועכ זאָל דיר דורכגיין אף דורכ און דורכ! באַרסקע מאַניערעס, פערדישע שטיק ווּעסטו מיר פּראַווען, דונער דו איינער?! אין קאָמיוּגישן שפּאַן זאָלסטו גיין, דער רועכ...

און דער רועכ איז טאַקע אין אים אריַין. ער האָט זיך געלאָזן מיט ווינט און געלאָפן 15 ווּיאָרסט אָן אַן אופהער. אַזאַ „זאַריאַדקע" האָב איך אים געגעבן.

— און פון דעמלט אָן איז ער אווּעק?...

— גייט ביז הײַנטיקן טאָג.

— און זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט?

ער צעשמייכלט זיך און פון מויל צעלייגן זיך באַ אים שמייכל־רעלסן, און דער שמייכל פאַרפאָרט אויכ אין די אויגן. דאָס הייסט: איך דערציי־ל ערנסט, און איך שמייכל דערבײַ. דאָס קאָן גילטן פאַר אַן עמעס. עס קאָן אָבער זײַן, אַז עס איז אויכ א ליגן, אַז דאָס איז אַף קינסטלעריש צו באַ־פוצן די דערציילונג, און דערנאָכ האָב צו מיר קיין טײַנעס ניט, אויב עס איז ניט ריכטיק אף אַלע הונדערט פּראָצענט. איך האָב געשמייכלט דערבײַ.

איינמאָל נאָר—דערציילט ער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. אָט דער ציַאָ־ניסט האָט פאַרן אווּעקפאָר געוואָלט זיך דורכפאָרן אף אים, ער האָט אים איַינגעשפּאַנט, און ווי ער האָט געזאָגט „נישקאָשע, פור, פור", האָט ער זיך אווּעקגעלייגט. פון אַזאַ קאָמאַנדעווּען מוז מען זיך לייגן. אָט, שטעל זיך פאָר, אַז דו קאָמאַנדעווּעסט מיט א פאָלק, און דו וואָלסט א קאָמאַנדעווּע געטאָן: „נישקושע, גייט, גייט", וואָלט זיך דער גאַנצער פאָלק צעלייגט.

דאַן גיב איך א קוק אף דער נעווײַלע, אף וועלכער איך פאָר אַזוי ריטער־לעכ—גיב א קוק, אַז איך פאָר טאַקע—דאָס איז אויכ א גרויסע זאַכ, און אַז מיר קענען מיט די פערד אויספירן וואָס מיר ווילן. דאָס איז נאָכ א גרעסערע זאַכ. און אַז עס איז ביכלאַל גוט, בייס מע איז „אָפן פערד" און ניט „אונ־טערן פערד".

און איך נעם טורקען מײַן פערד מיט מײַנע שיכ פון זעקסאונצוואַנציקסטן נומער אין די זײַטן אריַין. און מיר דוכט זיך, אַז באַלד וועט מײַן כווּלע־נויפל אויכ צעבעריעווען זיך און א לאָז טאָן זיך מיטן ווינט א ווּיאָרסט צען נאָכאַנאַנד.

ס'העלפט, דאכט זיך, ניט. די קאָלעקטיוויסטן האָבן אפ מיר ראכמאָנעס געהאט און געגעבן מיר אזא נעווילע, וואָס טעט שוין קיין טכיעס־האמייסים ניט אופשטיין.

אָבער מיר שטייט עס ניט אָן, מייַן פערד דארף אויך לויפן. א נעווילע, צי ניט, ניט מייַן דייַגע, און איך טרייַב מיט אלע קויכעס.

— אלאָ, האָפ!

דאָס האָט מען נאָר געשפאסט אין קאָלעקטיוו, אז איך בין אראָפגעפאלן פון פערד. עס איז ניט ריכטיק. דאָס איז נאָר די היטל אראָפגעפאלן און איך האָב זיך אראָפגעלאָזן זי אופהייבן.

ס׳איז א גאנצ פּאָשעטע זאכ

פארנ קאָלעקטיוו האָט מענ זיי געלאָזנ גיינ צופוס, די כאזיירים. אז גרויס כאזיירים גייענ צופוס, דערמאָנענ זיי דעם הילעכ פונ א מענטשנ מיט א גראָבנ בויכ, בא וועלכנ דער בויכ גייט אפריִער, אונ עס דאכט זיכ, אז דער בויכ זאָגט: „איכ בינ טאקע א גראָבער, דאָס הייסט אָבער ניט, אז איכ בינ א גראָבער יונג״.

אזוי, דוכט זיכ, איז אויכ מיט די כאזיירים. זייערע גאָטספאָרכטיקע אויגנ אונ גראָבע בייַכער, דאכט זיכ, זאָגנ: „מיר זייַנענ גאָרניט אזעלכע כאזיירים. וואָרעמ אָט האָט, צומ בייַשפּיל, דער יִדישער קאָלעקטיוו באשטימט אייַנפירנ כאזיירימ, גייענ מיר צו אימ, כאָטש מיר, כאזיירימ, האָבנ קיינמאָל ניט געהאט צו טאָנ מיט יִדנ פונ מינסקער שטעטלעכ״.

וואָס זאָגט רעב יוינע?

— איכ בינ ניט שולדיק, אונ אויב גאָט איז ניט קיינ גאזלענ, וועט ער זענ, אז מייַנע קינדער זאָלנ עסנ פונ קאָשערנ זייַט (ער האָט געהערט, אז כאזיירימ האָבנ איינ זייַט א קאָשערנ).

אונ די כאזיירימ האָבנ טאקע פרומע האכנאָעדיקע פּנעמער. א געלאסענער ראבאָנישער גאנג. זיי זייַנענ זיכ אָפּט טייוול אינ בלאָטע. קאָשערע כאזיירים.

אונ צוליב די כאזיירימ איז די קליינע העניע־בראָכע געוואָרנ א גרויסע. וואָרעמ מע האָט איר איבערגעגעבנ פּאשענ כאזיירים, אונ מע פארשרייַבט איר דערפאר א האלבנ טאָג.

פּארוואָס האָט העניע־ראָכעלע געמאכט א לאנגנ רוט? ווייַל זי טרייַבט די כאזיירים. פּארוואָס גייט ניט העניע־ראָכעלע צו שפּילנ זיכ מיט די קינדער פונ „פּאסיאָלאָק״, וואָס רופנ איר העניע־ניאָכע? ווייַל זי טרייַבט די כאזיירים.

עס גייט אָבער צומ פויערישנ יאָנטעוו „דאזשינקעס״ אינ לעקאָוועד יאָנטעוו באשטימט מענ קוילענע א גרויסנ, פּעטנ כאזער. דער „שויכעט״ פונ קאָלעקטיוו איז סימכע. ער קוילעט אלעמאָל די בעהיימעס פאר דער סטאלאָווקע. ער האָט אמאָל געזענ, ווי דער שויכעט אינ שטעטל קוילעט. קוילעט ער אויכ. א גרויסע טוירע! ס׳איז גאָרניט אזא גרויסע זאכ. אפריִער באטראכט ער דעם מעסער. ער גיט אימ א שארפ מיט די אויגנ, דערנאָכ — א פּיר מיטג

מעסער איבערן האלדז און דער קאָלעקטיוו האָט געפּאסקנט, אז ער איז א גוטער שויכעט.

איצט דארף מען קוילענען דעם כאזער. די קליינע העניע־ראָכע זשאלע־וועט דעם כאזער. ער איז אזא גרויסער און ווײַסער, און שטענדיק פּלעגט ער גיין דער ערשטער. מע וועט אים קוילענען און אופעסן.

זי פארקלערט זיך דעם ערשטן מאָל וועגן טויט. דערנאָך לאָזט איר דער געדאנק ניט אָפּ.

און ס'איז געקומען דער טאָג פון קוילענען. סימכע נעמט שוין דעם מע־סער, גיט אים א שארף מיט די אויגן און... און ער לייגט אים אוועק צוריק, ער בלײַבט שטיין אין פארלעגנהײַט.

— סימכע, נו?

— איך ווייס ניט, ווי קוילעט מען א כאזער. פון וועלכער זײַט הייבט מען אָן.

ער האָט קיינמאָל ניט געזען, ווי דער שויכעט פון שטעטל טוט עס. ווייס ער ניט.

העניע־ראָכעלע איז דערווײַל צופרידן. דער כאזער לעבט ווײַטער.

נאָר פריי זיך ניט, העניעלע. דער טויט איז אומפארמײַדלעך. ס'איז א טאָג שוין פאר „דאזשינקעס" און אָט איז דאָ מיקאָלע פון „פּאָסיאָלאָק". מע בעט אים און ער וועט קיין כאזער ניט זײַן. ער וועט קוילענען דעם כאזער.

ער נעמט א גרויסן פלאָקן, „אגלושעט" אים אפריער, דערנאָך שנײַדט ער אים איבער די האלדז מיט א מעסער.

און סימכע דער שויכעט שטייט דערבײַ און קלערט:

— אפריער „אגלושעט" מען מיט א פלאָקן און דערנאָך שנײַדט מען אי־בער דעם האלדז. ס'איז א גאנץ פּאָשעטע זאך. א גרויסע טוירע!

און פונוויַטן שטייט די קליינע העניע־ראָכע און קלערט:

— אפריער „אגלושעט" מען מיט א שטעקן, און דערנאָך שנײַדט מען איבער די האלדז. ס'איז א גאנץ פּאָשעטע זאך. דער כאזער האָט גאָרניט גע־שריִען. ס'איז גאָרניט אזוי „סטראשנע".

און מער טראכט זי שוין ניט אזוי פיל וועגן טויט.

וואָרעם די כאזיירים האָבן איר געמאכט פאר א גרויסער.

הערט נאָר ווי זי טראכט: א כאזער לעבט, דעם כאזער, אן אויסגעהאָדע־וועטן, מוז מען קוילענען, וואָרעם אָט האָט די כאזערטע „פּרינצעסע" געהאט 18 כאזיירימלעך פאראמאָל. אויב זיי זאָלן אלע לעבן, וועלן שוין צופיל כאזיי־רים זײַן אף דער וועלט.

און העניע־ראָכעלע דײַגעט שוין פאר דער וועלט, עס זאָלן אף איר כאָלילע ניט זײַן צופיל כאזיירים.

רעב איסער, זאָגט עפּעס.

רעב איסער, איך באַגעגן אײַך זײער אָפט אינדערפרי, װען די זון נעמט זיך אופהײבן פון די קאָרן, װען אירע שטראַלן פאַרלירן זיך װי קאָרן־בלײמעלעך אין זײ און דערגײען ניט צו אונדז בײדן. איר גײט און שװײַגט און גיט נאָר א שאָקל מיטן קאָפּ אפ מײַן באַגריסונג. ס'זײַנען איצט אקוראט די זומערדיקע דרײַ כאָדאָשים, אין װעלכע איר רעדט ניט אױס קײן װאָרט, איך װאָלט אָפּגעגעבן א שטיק פון מײַן לעבן, קעדײ צו הערן אײַך איצט רײדנדיק.

רעב איסער, איך מײן, אז מע טאָר ניט שװײַגן, גענוג שױן געשװיגן. איר האָט געהאַלטן א קלײטל פאַר זיך, האָט איר דאָך געקאָנט זיך אינדערשטיל פירן אײַערע כעשבױנעס. איצט קאָן מען ניט שװײַגן. זעט װי די טרױב רעדט אפן װאַנט, און גיט א קוק אפ די פױערים מיט די פאַרגאַפּטע פּנעמער, װאָס זײַנען געקומען צו גאַסט פון אַרום הערן „ראַדיװאָ״. ס'רעדט, האַ?

און זעט, װי עס שרײַען די באָכערימלעך, ניאָמע און פײשקע. זײ זײַנען געקומען אהער, אין קאָלעקטיװ לײדיקגײער, זײ זײַנען געקומען אהער, קעדײ צו באַקומען װאָל־רעכט. זײ האָבן זיך דאָ אין קאָלעקטיװ אױסגעלערנט אַרבעטן. זײ קאָנען שלאָגן פּוטער און קאָכן קעז. און גענוג. איצטער װילן זײ קױפן װעלאָסיפּעדן, אָנטאָן קאָסטיומען און מעסטן מיט די פיס די לאַנגע גאַס „סאָװעטסקע״, װאָס אין מינסק. און אַרבעט װעלן זײ קריגן. דער קאָלעקטיװ האָט זײ אױסגעלערנט.

אָט זיצט איר אפ דער פאַרזאַמלונג און איר שאָקלט מיטן קאָפּ. איר הערט זיך צו, װי די באָכערימלעך שרײַען, װי זײ מאָנען נאָך, מע זאָל זײ אױסצאָלן דערפאַר, װאָס מע האָט זײ געמאַכט פאַר שטיקלעך מענטשן. זײ האָבן געמאָגט, רעב איסער, שװײַגן און איר האָט געמאָגט עפּעס זאָגן.

איך בין א זײַטיקער, און דאָך שעם איך מיך אױך. פון זײער אומפאַרשעמטקײַט פלאַמט בא מיר דער פּאָנעם. איך פאַרשטעל דעם פּאָנעם מיט די הענט, קעדײ איך זאָל זײ ניט זען.

איך האָב אַראָפּגענומען די הענט פון מײַן פּאָנעם, איך האָב געעפנט מײַנע אױגן, געװאַלד, װאָס זע איך, רעב איסער? קאָן מען, הײסט עס, איבערגעבן געדאַנקען אפ א מעהאַלעך? זײַנען עס טאַקע מײַנע געדאַנקען דערגאַנגען צו אײַך?

איר זײַט, רעב איסער, צוגעגאַנגען צום טיש, איר האָט אַ קלאַפּ געטאָן אָפּ אים מיט אײַערע פֿאַרהילצערטע פֿינגער, איר האָט אַ הייב געטאָן די שיווע ברעמען, וואָס פֿאַרדעקן אײַערע אויגן, איר האָט באַוויזן אַ פּאָר גרינע פֿײַער־לעך אין זיי, איר האָט געעפֿנט דעם מויל. איר האָט באַוויזן אַ פּאָר גרינע ציינער אין אים, איר האָט באַוויזן אַ צונג, וואָס טריקנט זיך אין פּיענע, און אין די דרײַ כאַדאָשים, אין די שווײַגנדיקע דרײַ כאַדאָשים האָט איר געעפֿנט אײַער מויל.

און איר האָט גערעדט, און אַרום זײַנען פּלוצים פֿאַרגאַפּט געוואָרן די פּענעמער, פּונקט ווי אָט די פּויערים, ווען זיי האָבן צום ערשטן מאָל דער־הערט די ראַדיאָ. עס איז אַ ווונדערלעכע זאַך הערן אײַך ריידן אין די שווײַגנ־דיקע דרײַ כאַדאָשים.

— וואָס זאָגט איר?

— ס'איז ביזנע־ביזיזינעס, איר זײַט געקומען טויגעניכצן, פּוסטעפּאַסניקעס איר הערט, וואָס איך זאָג? און מיר האָבן אײַך געמאַכט פֿאַר מענטשן, אַזאַכן ווי צו אײַערע יאָרן, זײַט איר פּעט געוואָרן, און איר האָט זיך גענומען בריקען, ליידאַקעס. איר זייט יונגע, איר דאַרפֿט עס דער סאָוועטסקער וולאַסט העלפֿן דורכפֿירן די אידייע פֿון קאָלעקטיוויזאַציע, איז מיט אײַך וועלן מיר עס בויען אַ נײַעם לעבן, איר הערט וואָס איך זאָג אײַך? איר זײַט ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט אײַך, וואָס די מוטער האָט אײַך געהאַט... גייט אײַך עזוגסעדרהייט. מירן קריגן אַנדערע, בעסערע. די אידייע פֿון קאָלעקטיוויזאַציע מוז מען פֿאַרשטיין.

— איר רעט נאָך, רעב איסער? רעט ווײַטער. איך הער אײַך מיט אַל מײַנע איווורים. איך הער גוט דעם קאָל, וואָס איז אויסגעפּלאָכטן פֿון קאָעס' גרויסקייט און פֿאַרוווּנדערונג, איך פֿיל, רעב איסער, אַז איר וווּנדערט זיך אַליין, פֿונוואַנען האָט זיך עס געעפֿנט בײַ אײַך דער קוואַל פֿון ווערטער.

רעט, רעב איסער. נאָר גיט אַ קוק אָפּ די יונגע פּיישקע און ניאָמען. זיי שווײַגן איצטער. זאָלן זיי. זיי מאָגן איצט אַביסל צושווײַגן, מאָרגן אינדער־פֿרי וועלן זיי זיך שטעלן צו דער אַרבעט און זיי וועלן זיך שעמען אַ קוק טאָן אײַך אין פּאָנעם.

איך בין איבערצײַגט, אַז איר וועט באַלד צוגיין צו מיר, רעב איסער, און איר וועט זיך דורכשמועסן מיט מיר וועגן דער אידייע פֿון קאָלעקטיווי־זאַציע, איר וועט פֿאַרגעסן, אַז אין דידאָזיקע דרײַ כאַדאָשים שווײַגט איר.

איר האָט קענטיק דערפֿילט מײַנע געדאַנקען, עפּשער ווייסט איר אַליין ניט פֿאַרוואָס, נאָר איר פֿילט, אַז איר דאַרפֿט צוגיין צו מיר און דורכריידן זיך.

אָט רעט איר טאַקע צו מיר, איך הער אײַך, רעב איסער, איר זײַט גערעכט, רעב איסער.

דער קאָלעקטיוו האָט זיכ אפ א שאָ אָפגעשטעלט·

דער הימל איז בלוי, די ערד איז גרינ.

אינדערהייכ גייט די זונ אפ איר בלויענ וועג. קומענ אָנ וואָלקנס אונ מאכנ אימ ווײַס.

אונטנ גייענ ארומ אקערס אפ דער גרינער ערד, אונ ווי זיי גייענ איר איבער ווערט די ערד שווארצ.

מיכל אונ עליאָצע גייענ הינטערנ אקער ווי צוגעטשעפעטע, ווי פערד, וואָס גייענ צוגעבונדנ הינטערנ וואָגנ, וואָרעמ דער אקער גייט אלייג.

דער הימל איז ווײַס, אונ די ערד איז שווארצ. די איבערבײַטונג פונ די פארבנ ווירקט עפעס אפ זיי אונ זיי נעמענ זיכ פילנ קרעפטיקער. אונ זיי דערפילנ עפעס יעדערער א ווילנ בא זיכ צו פארגאנצנ אָט דאָס בילד. די גאנצע ערד ארומ זאָל ווערנ וואָס גיכער שווארצ. אויבנ ווײַס אונ אונטנ שווארצ. אזוי דארפ זײַנ.

אונ מע נעמט גיכער טרײַבנ די פערד,—נאָ!—אונ מע טרײַבט גיכער איינער דעמ צווייטנ—נו! נו! א געוועט. אפ די פערד ווירקט עס קאָנטיק אויכ, וואָרעמ די פערד נעמענ גייג ווי „מענטשנ" אונ די מענטשנ פונ הינטנ גייענ שוינ ניט ווי צוגעטשעפעטע פערד.

די האנט קירעוועט דעמ אקער. דער אקער קירעוועט איבער די ערד אפ דער לינקער זײַט. אפ דער ערד נעמענ זיכ קירעווענ אפ אלע זײַטנ פעטע ווערימ.

מע האָט שוינ פאראקערט דעמ טאָל אונ איצט איז מענ שוינ אפנ בערגל. האלבער טאָג, אונ פלוצימ באווײַזט זיכ די זונ. די ווײַסקײַט ווערט צוריסנ. אונ עס צעשווימט זיכ ווידער א בלויקײַט אפנ הימל. א נייע פארבנ־קאָמבינאציע. אונטנ שווארצ אונ אויבנ בלוי. דאָס טראָגט עפעס ארײַנ א מעשאנינע. דערצו דאקוטשעט נאָכ די זונ. אונ די פערדלעכ נעמענ פלוצימ גייג שטיל. שטילער. פאוואָליע. סטאָפ.

— מיכל, דו ווייסט ניט, וואָס קאטאהאָנענ מיר אזוי די פערד?—גיט פלוצימ גלאט אינ דער וועלט ארײַנ א פרעג עליאָצע.

— נאָ! נאָ! ענטפערט אפ דעמ מיכל, נאָר אז זײַנע פערד דערזעענ, אז יענע פערד שטייענ, שטעלנ זיי זיכ אויכ אָפ.

— שווארציאָר — בלאָטע! — שרײַט אויס עליאָצע — ווייסט ניט, פאר וועמענ מיר האָרעווענ!?

— לאָמיר פארויכערנ — זאָגט ער שוינ שטילער. אונ מע שלעפט פויעריש ארויס די מאכאָרקע פונ קעשענע, אָמאָ די אויסלייזערישע מאכאָרקע, וואָס איז שטענדיק באמ פויער א טערעצ אפ אוועקזעצנ זיכ אָפרוענ.

ערשט איצט כאפט זיכ עליאָצע, אז ער איז באגאָסנ מיט שווייס.

ער פרעגט ווידער;

— ווייסט ניט פאר וועמענ מיר שוויצנ?

— פאר זיכ—ענטפערט פויל אָפ מיכל.

עליאָצע ציט זיכ אויס אינ דער גאנצער לענג. דאָס הייסט, ער קלײַבט זיכ זאָגנ א לאנגע רעדע.

— פאר זיכ?—גיט ער א פרעג... מיילע, דו האָסט א טאטקענ מיט א מאַ־טושקע. איכ בינ דאָ אָבער איינער אליינ, איכ וועל דאָ אָפזײַנ א צײַט אונ וועל ווידער אוועקגייענ בלוקײַענ איבער דער וועלט. פאר וועמענ האָרעווע איכ? איכ וועל שוויצנ, ביז עס וועט קוויטשענ יעדער ביינ אינ מיר, קעדיי רעב מײַרעמס אונ רעב קושעס געזינדנ זאָלנ האָבנ וואָס מער צו שפארנ אינ פענ־פער. זיי פילנ זיכ מאר באלעבאטימ, ווײַל זיי האָבנ דאָכ דעמ עמעסנ פריי־פלאָד, צעגדליקער באָנימ אונ דערצו זײַנענ זיי אלטע קאָלעקטיוויסטנ, ווייער פײַ האָבנ זיי שוינ לאנג אָפגעארבעט. אונ איצט שטעבט זיי דער האָבער...

וויבאלד, אז עליאָצע האָט זיכ פאנאנדערגערעדט, האָט זיכ שוינ בא מיכ־לענ אויכ אָפגעשיילט דער צונג אונ אימ פארווילט זיכ אויכ א באלאקע טאָנ. ער האלט קוימ אויס ביז עליאָצע וועט ענדיקנ. ער דערווארט ניט ביז יענער וועט ענדיקנ ריידנ אונ ער כאפט אפגיכ אָפזאָגנ זײַנע, ווי מוירע האָבנדיק, אז יענער וועט ווײַטער אָנהײַבנ מאָלנ:

— דאָס איז, ווײַל דו ביסט א צײַטווײַליקער, רופעט דיר ניט צו דער ארבעט. דו האָסט ניט קיינ אינטערעסנעקײַט, אז דער קאָלעקטיוו זאָל אוועק־גייענ אפ רעלסנ, די איבערהאנט האָבנ טאקע די אלטע קאָלעקטיוויסטנ קושע אונ מײַרעמ, אָבער אויב דו בינסט א קאָמסאָמאָלעצ, דארפסטו זענ, אז עס זאָל ניט גייענ שורעמ־בורעמ, אז דער גאנצער קאָלעקטיוו זאָל פארפעסטיקט ווערנ.

— אז מיר אלע זאָלנ ווערנ באלעגופימ?

— דאָס ניט, אז מיר וועלנ ווערנ מאָצנער, דארפ מענ נעמענ נײַע פיקערס...

נאָר עליאָצע מאכט זיכ שוינ ניט הערנדיק, מיכלס ווערטער גייענ אוועק מיטנ רויכ פונ זײַנ פאפיראָס.

זיי ליגנ איצטער אפנ בערגל, אפ דער שווארצער ערד, אונ לאָזנ בלויענ רויכ אינ בלויענ הימל ארײַנ, דער הימל וועט דערפונ ניט בלויער ווערנ. די ערד וועט שוינ אָבער אויכ ניט שווארצער ווערנ. זיי ליגנ בעהארכאָוועדיק

צעלייגט ווי די קירבעסן. עס גייען די מיידלעך פון אבארע מיט פולע קאנען מילך. זיי כאפן א בליק פונדערווייטן אף די באכערים, וואס ליגן אפן בערגל, וואס זעען זיך פארן גאנצן ארום.

זיי שטעלן זיך אפ. זיי נעמען פלוצים באכאטשען מיט א מיידלשן געלעכטער גלאט אזוי, די אויגן ווערן שיינענדיק און נאסלעכער ווי קליינינקע זויערע אוגעריקלעך. זיי כאפן א בליק אף די באכערים.

א גרופע קאלעקטיוויסטן גראבן טארף. זיי כאפן אויך א בליק אפן בערגל, און פלוצים שטעלן זיי זיך אויך אפ און פארויכערן אלע.

די ווייבער אפן גארטן קלייבן אוגערקעס. זיי דערזעען די מיידלעך, וואס לאכן, שטעלן זיי זיך אויך אפ.

פונדערווייטן פארט איינער אף דער קאסארקע. ער שטעלט זיך אויך אפ. נאך אים פארט די הראבילקע, אפגעשטעלט זיך.

די קינדער קלייבן דעם „אפאד" פון סאד. פלוצים האבן זיי זיך אויך צעלאפן. פון פערד־שטאל באווייזט זיך פלוצים דער פארזיצער פון קאלווירט. ער גייט אין זיין וועג, ער האלט הייך זיין קאפ, און באמערקט קיינעם ניט. זיין בליק פאלט אפן בערגל:

— לאכודרעס, אט אזוי ארבעט מען דאס? עס ליגן א פאר באכערים און פילענגעווען זיך. דונייערים, איר דארפט זיך מיט א דובינע איינדויבען אין קאפ, אז מע דארף ארבעטן...

די באכערים נעמען זיך פאר די פערד. די מיידלעך טראגן ווייטער די קאנען. מע גראבט דעם טארף. מע רייסט אוגערקעס. דער קאלעקטיוו ארבעט.

קליינע דערציילונגענ

פרישע היי.

(הומאָרעסקע).

מיטאנאָדל. א שנײַדער. אנ ארבקאָר. א ווילער מענטש. אונ דאָס, וואָס ער ליבט זיך בא מיר גלײַך אײַנ, מאכט ניט אויס. עס טרעפט דאָך אנ אומגליק מיט א מענטשנ.

נײַינקע ניימאנ. זי איז נאָר וואָס אָנגעקומענ אינ דאמענ־אָפּטיילונג פונ שנײַדער־פאבריק. זי איז נאָר וואָס געקומענ פונ שטעטל. א נײַע. איך דארפ האָבנ א נײַע, ווײַל אינ די אלטע שנײַדערקעס ליבט מענ זיך ניט אײַנ: אָדער זיי זײַנענ שוינ כאסענע געהאטע, אז ניט, איז דאָס דאָך גלאט א פארלעגענע סכוירע.

א נײַע. איז זי צופרידנ, וואָס אלע קוקנ אפ איר. קוקט מענ אפ איר אונ מענ איז אויך צופרידנ. לייגט מענ צו איר צו א האנט, איז זי, דאכט זיך, אויך צופרידנ.

מיטאנאָדל איז ניט צופרידנ. מענ נעמט א מיידל אונ מע מאכט פונ איר א פודעלע. ער האָט אפילע א נאָטיצ וועגנ דעמ אָנגעשריבנ. קיינ האקכאָשע אפ דעמ איז פונ קיינעמ ניט אָנגעקומענ. ס'איז פאָרט אנ עמעס.

וייס ער, מיטאנאָדל, אז מע דארפ שאפנ ארומ איר א ווארעמע כאווערישע סוויווע. ווייס ער, אז מע דארפ איד נאָך דער ארבעט צופירנ אהיימ.

גייט ער מיט איר. שטעלט ער א פוס, שטעלט זי א פיסל. ער — די רעכטע פוס, זי — די רעכטע פוס. ביז ער גיט איינ גרויסנ טראָט, גיט זי צוויי קליינינקע. כאפט ער אפגיך בײַטנ די פוס. טרעט ניט ווילנדיק אָפ איר פיסל. זאָגט ער „אנטשולדיקט“, זאָגט זי „א דאנק“.

מיטאנאָדל איז א העפלעכער מענטש. לייגט ער פאָר:

— ווייסט איר וואָס, טרעט מיר אויך ארופ אפנ פוס, וועל איך אײַך אויך זאָגנ א דאנק.

זאָגט זי ווידער „א דאנק“.

אונ די נאכט איז, פארשטייט זיך, א שיינע. דער שניי קריכט אפ די פיס אונ די לעוואָנע קריכט אפנ קאָפּ. די גאנצע לופט איז אָנגעפילט מיט לעוואָ־

נע־בוימל און די גאַנצע ערד איז פאַרגאָסן מיט שניי־מילך. מילך און בוימל. א מעכײַע!

און מיטאַנאָדל פילט עפּעס מיטאַמאָל א שטאַרקן מעכײַעדיקן רייעך. און דער רייעך גייט פון נײַינקעס קאָפּ. ס'אַ מעכײַעדיקער רייעך! כאַפּ נעם און שמעק אַרײַן דעם. נאָר אין אירע האָר.

ער פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס געפעלט דאָס אים דער רייעך אַזוי. עפשער דערפאַר, ווײַל ער אַליין איז א שטעטלדיקער, געשלאָפן שטענדיק אין היי. איצט איז ווינטער, דערפילט ער א זומערדיקײַט, א גרינינקײַט אין זיך עפּעס, צעבליט זיך בא אים אינעווייניק און א זומער־געדוכט פאַרפילט זײַן נאָז.

און פאַנטאַזירן מאָג מען אפילע בייס דער ערשטער באַגעגעניש וויפל מען וויל. שטעלט ער זיך פאָר, אז ער שיקט איר אַרײַן א בריוו: אויסהערנדיק די רעזאָליוציע וועגן אײַערע האָר; וואָס שמעקן ווי מיט פרישן היי, באַשטים איך פאָרלייגן אײַך כאַסענע האָבן מיט מיר!

— צום טײַוול, גיט ער זיך מיטאַמאָל א כאַפּ—אַזוי שרײַבט מען גאָר א פּראָטאָקאָל פון א פאַרזאַמלונג!

— היי! — א שטאַרקער פורמאַן־געשריי רײַסט איבער זײַנע געדאַנקען. פאַרטראַכטערהייט איז ער שיער ניט אונטערגעפאַלן אונטער א שליטן.

— היי, היי! — שרײַט דער פורמאַן.

— היי — טראַכט מיטאַנאָדל — פרישע היי.

— — — — — — — — — — —

אפן פאַבריק ווייסן שוין אַלע, אז נײַינקעס פאַמיליע וועט זײַן מיטאַנאָדל. אַנדערע וווּנדערן זיך: וואָס האָט ער געפונען אין איר? דאָס איז דאָך א מיידל, וואָס אַנטלויפט ניט פון קיין באָכער, און ווען מיטאַנאָדל זעט ניט, האַלטן אַלע פאַר א כויוו צו א גלעט טאָן זי איבערן בעקל. אַן אַנדערש מאָל גיבן זיך עטלעכע מיטאַמאָל א כאַפּ צו א גלעטאָן. איינער גלעט איר פוכקע הענטל, דער צווייטער גלעט שוין אָבער א האָריקע האַנט מיט א פינגערהויט. דער ערשטער אײַלט זיך ניט, נאָר דער צווייטער, ווי אַן אָפּגעברענטער, כאַפּט צו אפגיך די האַנט.

דרייט זיך אָבער אָן מיטאַנאָדל, כאַפּט מען צו אפגיך די האַנט, מען קערט אויס די קעשענע אפן לינקן זײַט, מען לייגט אין איר אַרײַן די האַנט און מען קערט איר אַרײַן צוריק. ווײַל אפן פאַבריק ווייסן שוין אַלע, אז נײַינ־קעס פאַמיליע וועט זײַן מיטאַנאָדל.

דער רעדאַקטער פון אָפּטייל „אַרבעטער־לעבן" האָט באַקומען מיטאַנאָדלס א נאָטיץ. די נאָטיץ איז וועגן די שטערער בא דער אַרבעט—בוזאָטיאָרן. דער־ריקער קלאָגט ער זיך אף די שלעכטע באַציִונגען צו דער אַרבעטער־פרוי. זעט ער, דער רעדאַקטער, אז די אויסיעס זײַנען עפּעס גרעסער ווי אַלעמאָל און אָנגעבראָכענערע. פאַרשטייט דער רעדאַקטער, אז דעם באָכער איז, מיסטאָמע,

שווער אפּן האַרצן. טוט ער אים כאַטש די טויווע—ער שרײַבט אָן מיט זייער גרויסע ווערטער—אָפּדרוקן.

און א צײַט האָט דער רעדאַקטער גאָר קיין נאָטיצן ניט באַקומען. נו, האָט געקלערט דער רעדאַקטער, עס ליגט אים איצט, מיסטאָמע, ניט אין קאָפּ. אין א קורצער צײַט אַרום באַקומט ער א ליד. אונטערגעכאַסמעט—מיטאַנאָדל.

— נו, דאָ מוז שוין זײַן דער העכסטער פּונקט!

גייט ער, מיטאַנאָדל, מיט נײַינקען. זי—א געוויינטלעכע מיידל, בעפּיירעש. נאָר וואָס? גאָרנישט. עפּעס מוז דאָך זײַן? אי, אירע האָר. זי האָט אים פאַר־בונדן מיט אירע האָר צו זיך.

ווינטערדיקע נעכט זײַנען שוין און זײַנען גאַנצע אָפּט. א נאַכט נאָך א נאַכט. און די נאַכט איז, פאַרשטייט זיך, א שיינע. די לעוואָנע קריכט אַפּן קאָפּ און דער שניי קריכט אַף די פּיס.

נײַינקע און מיטאַנאָדל קריכן שוין ניט איינע די אַנדערע אַף די פּיס, זאָלן יונגע שנײַדער וויסן, אַז אַזוי טוט מען נאָר בייס דער ערשטער באַגע־געניש און זאָל דאָס זיי צוניץ קומען. איצטער, טראַכט מיטאַנאָדל, קאָן מען זיך פאַרגינען צו פאַרפירן א פרײַנטשאַפט מיט די הענט.

און אַף געזעגענען זיך, איז ער זיך מעיאַשעוו צי מאָג מען זי צוקושן. צעעפנט ער א פּאָר ליפּן, וואָס מען וואָלט מיט זיי איינצײַטיק געקאָנט צו־קושן א האַלבע טוץ מיידלעך.

דאַרף זיך אַקוראַט אָנדרייען דער רעדאַקטער פון „אַרבעטער־לעבן" מיט זײַן שטענדיקן גלאָטן, פאַפּירענעם שמייכעלע. פאַרשעמט זיך דער אַרבקאָר מיטאַנאָדל פאַר זײַן רעדאַקטער, ווערן זיך אָן זײַנע גרויסע ליפּן.

מיטאַמאָל פאַלט אים אײַן א געדאַנק. אין א קריטישן מאָמענט פאַלן אַלע־מאָל אײַן פלוצלונגדיקע געדאַנקען!

— פּאָר־זשע, טײַערינקע, געזונטערהייט. געריס דער מומע־לייען.

דער רעדאַקטער פון „אַרבעטער־לעבן" מאָג דאָס הערן, זאָל ער הערן, אַז זי פאָרט אוועק, און זאָל ער הערן, אַז זי איז זײַנע א קרויווע. מאָג ער זיך דאָך קושן מיט איר?

דער רעדאַקטער איז א מענטש, וואָס פאַרשטייט, שמייכלט ער. זאָל ער שמייכלען, ווער לאָזט אים ניס.

שוין באַלד א כוידעש, ווי מיטאַנאָדל שפּאַצירט מיט נײַינקען. שוין באַלד א כוידעש. איצט מאָג ער זיך פאַרגינען אַרײַנצוגיין צו איר אין צימער, וועלכן ער שטעלט זיך פאָר ווי אַן אָנגעפּילטן מיט פרישן היי.

א צוגעקליבענער צימערל. קאַרטלעך אַף די ווענט. פֿאָרהאַנגלעך אַף די פֿענצטער און קיין היי איז ניטאָ. ס'אַרא נאַרישקייט—גיט א טראַכט מיטאַנאָדל—מע רעדט זיך איין א נאַרעשקייט.

זיצט ער בא איר. און אז זי שווייגט, שווייגט ער. און אז זי שמייכלט, שמייכלט ער, און אז זי לאַכט, לאַכט ער. טוט זי א נאָס, וויל ער אויך א נאָס טאָן. קאָן ער ניט. דאַרף מען ניט.

באַגיסט זי זיך מיט פֿאַרפֿיום. באַגיסט זי אים מיט פֿאַרפֿיום. גיט ער א שמעק זיין טיכעלע, שמעקט פֿון איר מיט פֿרישע היי. גיט ער א קוק אַפֿן יש, זעט ער—אַן אויסגעצאַצקעטע פֿלעשעלע מיט גאָלדענע ווערטער:

„Духи „Свежее сено“.

שמעקט ער. שמעקט עס אים ניט. ווייל אין קאָפּ איז עפּעס פּוסט געװאָרן. און גאָרנישט אַרט אים ניט. אים אַרט ניט, וואָס דער עלעקטרישער לעמפּל האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלעמפּלט אין צענדליקער עלעקטרישע לעמפּעלעך. אים אַרט ניט, וואָס דער דיל קריכט אַפֿן באַלקן. וואָס קען עס אים אַרן? ווענן אַזעלכע זאַכן מוז מען, מיסטאָמע, שרייבן לידער, און לידער, זאָגט דער רעדאַקטער, קאָן ער ניט שרייבן.

מיטאַמאָל גיט ער זיך א טשוכע:

— פֿאַרפֿיום? און מיט דעם איז געענדיקט? און קיין עמעסער היי־געררוך איז ניטאָ?

פֿאַרשוווּנדן איז דער זומערדיקער רייעך.

און זי קלערט גאָר ווענן עפּעס אַנדערש. זי זאָגט, אז איר טוט עפּעס ווי דער קאָפּ, זאָל ער זיך צו איר צוזדריקן נעענטער. זאָגט ער, אז אים טוט עפּעס אויך ווי דער קאָפּ. און ער גייט גאָר אַהיים.

פונ פרילינג ביז הארבסט.

(ס ק י צ ע).

1

הילצערנע הערצער האָבנ די ביימער, אונ בא אנדערע זײַנעז גאָר ליכער אָנשטאָט הערצער, זיי ווייסנ אָבער אויכעט וואָס הייסט פרילינג און זיי צע־בליטערנ זיכ, אונ מיט טויזנטער גרינע הענטלעכ פאָכענ זיי, זיי באגריסנ דעמ פרילינג.

אונ מענטשנ האָבנ הערצער פונ לײַב. אונ העגט האָבנ זיי נאָר צוויי, אונ קעדיי צו באגריסנ דעמ פרילינג, פאָכענ זיי מיט יעדער גליד אינ זיכ, מיט יעדער טראָפנ בלוט, מיט יעדנ נערוו, אונ אסאכ פארשטייענ נאָכ ניט, וואָס שטראָמט עס אינ זיי מיטנ אָנקומ פונ פרילינג.

עפעס דערגייט אויכ אינ שליאָסער־ווארשטאט. די פרילינג־זונ צעשיט שטראלנ, וואָס זעענ זיכ, אונ וואָס זעענ זיכ ניט. די אומבאמערקבארע שטראלנ דערגייענ אויכ צו פײַטל בלאָזנ, וואָס האָט אײַנגעשרומפטע אויגנ אינ זײַנ פארײַזנטנ פאָנעמ אונ א נאָז, וואָס שטעקט זיכ גלאט אזוי. נאָר אפילע בא אימ איז דאָכ די הארצ פונ לײַב, בא אימ האָט זיכ אויכ עפעס צעגליט, אונ עפעס צעגאָסנ.

וואָס ווייס ער, פײַטל בלאָז? ער ארבעט באמ פײַער, בא א גרויסער היצ. פונ טויזנטער עפענונגענ צעגיסט אימ דער שווייס איבערנ קערפער. עפשער דערפאר צעגיסט זיכ אויכ עפעס אינווייניק. אונ גריבלענ זיכ איבעריק וויל ער ניט. צוליב וואָס? מע קענ נאָר געפינענ סאזשע אפנ הארצנ.

ער האָט זיכ ניט פארטראכט אפ דעמ. דאָס האָט ער ניט ווילנדיק אופ־געהויבנ זײַנע אויגנ אביסל העכער אונ באמערקט בראָנקענ — דעמ נײַעמ שילער אונ די איינציקע מיידל אינ ווארשטאט.

ער כאפט א קוק. גלאט אזוי. א מיידל א שליאָסער. דאָס געפעלט אימ. ער האָט געזענ אמאָל א מיידל, וואָס כאפט טויבנ—איז זי אימ אויכ געפעלנ געוואָרנ. ס'איז אימ געפעלנ, וואָס א מיידל טוט א מאנסבילשע ארבעט. נאָר דאָס איז אימ געפעלנ?... ווײַטער גריבלענ זיכ וויל ער ניט. מע קענ נאָכ דערטאפנ א הארצ אונטער די סאזשע.

און א מיידל איז זי בראַנקע א גוטע, ווי אַלע בלוויאוויגיקע מיידלעך, וואָס האָבן אין זיך עפּעס מענלעכקײַט און נאָך מער ווײַבלעכקײַט, וואָס שטופּן אָפּ מיט איין האנט, און דריקן צו מיט ביידע, וואָס בייזערן זיך אפּצעקלויִ־מערשט און קושן זיך אפּ אַן עמעס.

פּײַטל בלאָזט פארקלערט זיך איצטער. עפּעס קערט אינעווייניק א בעזימל, און ס'לאָזט זיך פילן א הארץ און ס'נעמענ שטראָמען בלאָנדזשענדיקע געפילן.

עמעס, עס האָט פארפּיקט בא אים אפּן הארצן.

נאָר פּײַטל בלאָזט בלאָזט זיך און שווײַגט. ווענען ט'ער עס גיין דערציילן, מע קען אים נאָך הייסן נעמען ריצן.

און אז א פּײַער ברענט פארשפּארטערהייט ווערט ער פארלאָשן.

און קיינער וואָלט ניט געוווסט, אז עפּעס האָט זיך געפּיקט בא אים אין הארצן און קיינער וואָלט ניט דערשפּירט.

2

די זומער־שטראַלן דערגייען ניט אין ווארשטאט. אָבער די היץ דערגייט. נאָך דער ארבעט איז גוט אָפּצורוען!

פּײַטל ט'אויך ליב דורכגיין זיך און שפּאצירנדיק קלײַבן זײַנע צעוואָרפענע געדאנקען. קיינמאָל האָט ער עס ניט באדארפט. נאָר הײַנטיקער פרילינג!... אַמאָל פלעגט פּײַטל קוקן נאָר אפּ אײַזן, איצטער גייט ער און באטראַכט אויך מענטשישע פּנעמער. צי אנדערשן זיך בא זיי אויך די פּנעמער, ווי בא אים די לעצטע צײַט.

מיטאמאָל האָבן זיך זײַנע אויגן ווי צעשרויפט, און א האסטיקע כוואַליע זודיקע בלוט האָט אָפּגעברענט זײַן קערפּער. ער האָט דערזען בראַנקעלען געאָרעמט מיט די צוויי שלאָסער־יונגען פון ווארשטאט.—אנצל און אייזער. ער איז האסטיק דורכגעלאָפן פארבײַ, אָפּגעגאנגען א פּאָר טריט, און עפּעס אַן אומפארשטענדלעכער קויעך האָט אים א שלעפּ געטאָן נאָך זיי.

עס ציט... ער האָט זי קיינמאָל אפּן גאס ניט געזען, זי איז דאָך אסאך שענער. עפּעס האָט אים געשטויסן, די פרילינג־קרענק האָט אים געיאָגט.

אפּן ראָג האָבן זיך די יאטן געזעגנט מיט איר, און זי איז געבליבן אליין, און א קער געטאָן זיך אפּהינטער.

פארוואָס שמייכלט זי מיט אזא מאָדנעם שמייכל?

אהא, זי האָט אים געוויס באמערקט דורכגייענדיק, איר איז געפעלן געוואָרן, ווײַזט אויס, וואָס אָט דער גרויסער בער קוקט אפּ איר אזוי. נאָר קעדיי ניט ארויסווײַזן צופיל צוגעלאָזנקײַט, האָט זי אָפּגעזאָגט גאנץ טרוקן:

— וואָס דרייסטו זיך עפּעס ווי א הוסט אין ראָסל?

אים האָט די פראגע באליידיקט, וואָס רעדט זי צו אים עפּעס, ווי צו א קלענערן ברודערל! ער האָט שטום אויסגעמרוקעט:

— וואָס איך דארף...

מיט אזא טאָן רעדט מען ניט צו בראָנקעלען. און זי זאָגט אים:

— אזוי רעדט מען דאָס צו א „באַרישניע"? א שיינער קאוואַליער ביסטו! דו מאָגסט זיך לערנען בא אנצלען מיט אייזערן...

אים האָט עס צעקאָכט, וואָס זי גלייכט אים צו זיי. ער האָט שטארק א הארמאטעווע געטאָן מיטן נאָז, און דערנאָך אומגעריכט אפילע פאר זיך געגומען הארמאטעווען מיטן מויל.

— וואָס?... איך דארף בא זיי לערנען?... זיי זיינען דאָך „יוכעס", זייער זאך איז נאָר.. כאפן מאָמענטן! און איך...

— און דו בינסט א גרויסער נאר!—האָט זי אים גיך אָפּגעשמיסן מיט איר לאנגן רויטן בייטשעלע פון מויל.

אים האָבן צעטומלט אירע ווערטער. ער איז געבליבן שטיין מיט אן אָפּעגעם מויל. זי איז אין גרויס קאעס ניט אריין. פארדראָסן אָבער האָט איר יאָ, וואָס ער רעדט אזוי וועגן אירע „קאוואליערן" און זי איז ניט פויל, און בא איר איז עס ניט קיין גרויסע ארבעט, און קיין גרויסע טראגעדיע. זי האָט פאמעלעך צענויפגעריינגלט אירע רויטע ליפלעך און—א שפיי געטאָן אים אין אָפענעם מויל און אנטלאָפן. ער האָט זיך שווער אראָפּגעזעצט אף דער ערד. פאר אים איז דאָס געווען א גרויסע באליידיקונג. דער שפיי האָט געגומען קאָכן און זידן אינעווייניק, האָט געסארפעט דעם מויל, איז אריבער אין דאמפ, און דער דאמפ האָט געדריקט אפן הארצן.

3

שמאדשטיק, שטיפעריי פון פרילינג. פון פייטל בלאָזן האָט דער פרילינג אָפּגעכויזעקט. ער האָט מיט זיינע אָפּנארערישע ווינטעלעך עפעס אופגעבלאָזן בא פייטלען, און אנצל מיט אייזערן רייצן זיך נאָך מיט אים. ניין! בראָנקע איז ניט שולדיק אין דעם, אָבער זיי ערגערן אים. זיי הייסן אים ניט פארקוקן זיך אזוי אפן פייער—ס'איז דאָך ניט בראָנע און זיי הייסן ניט פארקוקן זיך אזוי אף בראָנקען, ס'איז דאָך ניט קיין פייער, און בראָנקע צינדט זיך טאקע אָן ווי א פייער און שמייכלט און שוויגט.

ניין! בראָנקע וויל ניט אויסלאכן פון פייטלען. בראָנקע איז א גאנץ גוטע. אנצל מיט אייזערן זיינען ניט נאָר קיין גוטע, אָבער אויך ניט קיין שלעכטע יאטן, זיי ווייסן גאָר ניט, אז עס זיינען פאראן אזעלכע ערטעלעך בא מענטשן, וואָס טוען וויי, אז מע טרעט אף זיי ארופ.

דער אלטער כאָניע אין קוזניע — ער האָט שוין אסאך פרילינגען אָפּגעלעבט, און איינער אָדער עטלעכע פון אָט די פרילינגען האָבן אים געווים פארטשעפעט, ער איז אן אלטינקער, וואָס פארשטייט אלץ, אָדער ער מיינט, אז ער פארשטייט, ווייל עס איז דאָך ביזע־ביזיוינעס אָפּצולעבן א לעבן און דערנאָך ארויסוויזן, אז מע פארשטייט ערשט ניט אלץ, און אלטינקע זיינען אָדער זייער גוט, ווייל זיי האָבן גוט געפילט דעם טאם פון שלעכטס, אָדער

זייער שלעכט, ווײַל זיי האָבן קיין גוטס ניט געזען. דער אַלטער כאָניע איז אָבער א גוטער, און אים קאָן פײַטל עפּעס פּאַרטרויען, און פאַר אים קאָן מען אויסגיסן דאָס האַרץ.

כאָניע בייזערט זיך אַף די יאַטן:

— ווי שעמען זיי זיך ניט, מיט בלאָטיקע שטיול קריכן אַף דאָס ריינסטע, אַף דאָס שענסטע.

און ריידן רעדט ער מיט א וואַרעמען זומערדיקן קאָל, וואָס וואַרעמט און, דאַכט זיך, אַז ער לײַכט. נאָר ווער הערט אים? בראָנקע! יאָ! זי האָט א מיידלש האַרץ. און בראָנקע פילט אַמאָל מיט פײַטלען, אָבער אַרויסווײַזן וויל זי עס ניט. זי איז דאָך אַביסל באַליידיקט.

און די יאַטן?... זיי ווייסן גאָרניט וואָס הייסט א זומערדיקער קאָל. זיי האָט מען נאָך גענומען קינדווײַז און אַרײַנגעשטעלט אין וואַרשעװ, און מער ווי סאָזשע האָט זיך ניט געקאָנט אָפּזעצן אַפן האַרצן. וואָס געפילן? ווען געהירן?.

4

און עס איז געקומען דער האַרבסט. געלע, אָפּגעוועלקטע בלעטער האָבן גענומען פאַלן טויטע אַף דער ערד, און די ערד איז געוואָרן א גרויסער בעסאַלמען פון ניטבאַערדיקטע בלעטער.

אין שלאָסער־וואַרשטאַט האָט געטראָפן אַן אומגעריכטער צופאַל: פּלוצלונג איז בײַ דער אַרבעט געפאַלן טויט דער אַלטער כאָניע.

פײַטל איז שטיל אָפּגעגאַנגען פון פײַער און צוגעגאַנגען צום אַלטן. בײַ אים, בײַ וועלכן דער שטענדיקער פײַער האָט, דאַכט זיך, אַלץ אויסגעטריקנט, האָט זיך געפונען א טרער, עפּעס האָט זיך געקאָרטשעט בײַ אים אינעווייניק און ניט געקאָנט אויסגלײַכן, פּונקט ווי די בלוטן וואָלטן זיך אינעווייניק צעמישט, און ניט געפונען זייער וועג. אַנצל מיט אייזערן האָבן ווײַטער געקלאַפּט מיט די האַמערס, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען. אַסאַך בלעטער זײַנען הינטערן פענצטער געפאַלן פון בוים.

פײַטלס מאָדנער געשריי האָט זיי אָפּגעריסן פון דער אַרבעט. זיי מאָגן זיך עס ניט באַנעמען. אָבער דאָס איז זיי ווייניק: זיי ווילן נאָך באַווײַזן, אַז זיי אַרט עס ניט, און זיי קאָנען אויך איצטער וויצלען זיך איבערן אַלטן...

אייזער פרעגט:

— דער אַלטער הינער־פרעסער איז געשטאָרבן?

און אַנצל:

— זע, ווי ער האָט זיך צעיאָמערט!

דאָס איז ערגער פון אַלץ. בײַ פײַטלען האָבן זיך אין יעדן טײלכל פון קערפּער אופגעריסן קוילעס. זיי האָבן זיך אופגעריסן אינעווייניק. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער זיך איצט צעשריִען. ער האָט געשריִען, אַז כּליעס זײַ־

נען זיי און ניט קיינ מענטשנ, קיינ הארצ איז בא זיי ניטאָ, זיי פארפאסקודזענ דאָס לעבנ.

ער האָט איצט אויסדערציילט, ווי זיי האָבנ געטראָטנ זײַנ הארצ, קיינמאָל האָט ער עס פריִער ניט דערמאָנט, א קוואָל האָט אָבער בא אימ געפלאצט, און איצט וואָלט ער שוינ מיסטאָמע אָנ אופהער א זוי געשריִענ, אויספראַלנדיק ווערטער געווייקטע אינ האס... ער האָט זיכ א קער געטאָנ און דערזענ בראָנקען אײַנגאַנצנ א פארוויינטע.

אָ, בראָנקע האָט ניט מער ווי א מיידלשע הארצ, און בראָנקע איז א גוטע, זי איז פריִער געווענ ניט מער ווי אביסל באַליידיקט...

יאָ, זי האָט איצטער געוויינט, און האָט עפּעס אויכ אויסגעשריִענ. יעדער מענטש וואָלט זיכ איצט צעשריִענ, זעענדיק א טויטנ, וואָס איז געפאַלנ בא דער ארבעט, און צוויי געזונטע באָכערימ, וואָס זענענ פאָר זייער ארבעט. נאָר פּײַטלענ האָט עס אויסגעזוענ מאָדנע. ער האָט איר ניט אָפּגעשיידט פריִער פונ זיי—ער איז דאָכ אפ אַלעמענ אפ זיי געווענ אינ קאַעס.

זיי אָבער ארבעטנ, זי, אָבער, וויינט, און זי גלעט, דאכט זיכ, זײַנ פּאָנעמ מיט אירע וויינענדיקע אויגנ. זי איז אפילע צוגעגאנגענ און ארופגעלייגט איר האנט אפ זײַנ פּלייצע און האָט געוויינט.

און פּײַטל האָט שוינ ניט געוווסט וואָס צו טאָנ, צי קאַעסנ, צי ניט. און ער האָט זיכ עפּעס גאָר דערפילט ווי א ייִנגעלע, וועלכנ מע גיט א גוטע זאכ באמ וויינענ: אי ער וויינט, אי ער לאכט.

און כאָטש געקומענ איז דער הארבסט, און כאָטש נאָר געשפּאסט האָט דער פרילינג, איז סײַוויסײַ אָפּגערייניקט געוואָרנ בא אימ אינ הארצנ... נאָר ער האָט פריִער געוויינט, און איצט עפּעס וויינט זיכ ניט און אינעווייניק האָט זיכ נאָכ עפּעס געפרייט.

פארלאָפּן דעם וועג.

1

עס קומען צום ראָוו רעב פייסעכ פון דעם שטעטל כאלאמויקע וויַבער און פרעגן בא אים אזעלכע שיַילעס:

— צי מאָג איכ גייַן אפּן 1־טן מאַנס קייווער, אויב דער 4־טער מאַן איז ניט צופרידן מיט דעם?

— צי מאָג מען אָנשטאָט האָניק, ראָשעשאָנע באנאכט, שטעלן אפּן טיש פּאווידלע, וואָרעם אינ קאָאָפּעראַטיוו גיט מען עס אפּן זעלבן טאלאָן, ווי האָניק.

קייַן הארבערע שיַילעס זייַנען ניטאָ, וואָרעם שיַילעכ אפּ קאָשער־טרייפּ זייַנען ניטאָ. קימאט אלע נעמען די טרייפע פליייש.

אנוסטן האָט ער גערעדט מיטן שייכעט פון שטעטל. בא יענעם איז אויכ די פּארנאָסע געשלאָגן. ער האָט אים געוויזן א פּאָר צייַטונגען מיט בריוו פון ראבאָנים און שאָכטים, וואָס האָבן זיכ אָפּגעזאָגט פון רעליגיע.

דער שויכעט האָט בא אים א פרעג געטאָן:

— וואָס זאָגט איר אפּ דעם, רעבע?

האָט ער געענטפערט דעם שויכעט אייַנגעהאלטן:

— וואָס מיינט איר... די ביטערע נייט...

ער האָט געהערט, רעב פייסעכ, אז אינ שטאָט פּלעגט מען פריַער פּאר־צוקערן אָט די „רויטע ראבאָנים". עמעס, איצטער צאצקעט מען זיכ שוין ניט אזוי מיט זיי, אָבער אינ ארטעל פון די שניַפּסן־מאכער דאָ, אינ שטעטל, וועט מען דאָכ אים דאן געוויס צונעמען.

מען וועט עס דארפן טאָן נאָכ די יאָמים־נויראָים. וואָרעם יאָמים־נויראָים קען זיכ עפּעס מאכן. עס קומען אָרכים אפּ די יאָנטויוויִם.

אימירצעשעם, נאָכ יאָנטעוו וועט מען דארפן א קלער טאָן וועגן דעם.

2

אינ קעמערל איז פריַער געווען א גרויסע דיסקוסיַע, צי דארפ מען דורכ־פירן אן אנטירעליגיַעזע קאמפּאניע צו די יאָמים־נויראָים־טעג. קעגן ווי:מען קעמפן? קעגן אויוער־באָטל רעב פייסעכ?

פונ רײַקאָמ איז אָבער אָנגעקומענ א פּאפּירל — אז מע דארפ דורכפירנ אזא קאמפּאניע. אינ פּאפּירל האָט זיכ גערעדט, אז די רעליגיע האָט נאָכ אינ געוויסע שיכטנ וואָרצלענ אונ מענ דארפ זיי אויסקאָרטשעווענ.

מענ האָט באשטימט אײַנאָרדענענ אנ אנטירעליגיעזע דיסקוסיע. מענ האָט אויכ באשטימט אלס אָפּאָנענט ארויסרופנ דעמ היגנ כאלעמויקער ראָוו. מענ וואָלט אויכ ארויסגערופנ דעמ גאלעכ, נאָר דער גאלעכ איז ניט לאנג געשטאָרבנ, אונ דער דיאקאָנ איז טעאָרעטיש ניט אונטערגעשמידט.

דער ראָוו האָט באקומענ די אײַנלאדונג דורכ פּאָסט אונ איז געבליבנ אינ גרויס פארלעגנהײַט. זאָל ער איצט ארויסטרעטנ פאר רעליגיע, וועט ער ניט קאָנענ נאָכ די יאָנטויוויִמ אוועקשיקנ זײַנ בריוו. אי — וועלנ זיי זאָגנ, די קאָמסאָמאָלצעס, — דו האָסט נאָר וואָס אונטערגעהאלטנ גאָטס קאנדידאטור, אונ איצטער ביסטו שוינ געוואָרנ אנ אפּיקוירעס?

אונ זאָל איכ ארויסטרעטנ קעגנ רעליגיע, איז אנ אווײַרע די יאָמים־נוראָים. פונ קײַרע, פונ די האקאָפעס, פונ די פּסיכעס מאכט עפּעס...

רעב פײַסעכ האָט בעפײַרעש ניט געוווּסט וואָס צו טאָנ. יעדער טאָג איז ער געקומענ צו אנ אנדער באשלוס. אײנ טאָג פלעגט ער אײַנכאזערנ א דראָשע פאר גאָט, אינ וועלכער ער פלעגט צוליב וועלטלעכקײַט ברענגענ רײַעס פונ ראמבאמ אונ אפילע פונ ספּינאָזענ. אינ אנ אנדער טאָג פלעגט ער אײַנכאזערנ אנ אנטירעליגיעזע רעדע, אינ וועלכער ער פלעגט ווידער ברענגענ רײַעס פונ ספּינאָזענ. פונ דעמ איז ער צערודערט געוואָרנ, אונ אפ א פּאָר טעג צוגעלייגט זיכ אינ בעט.

דאנ איז אימ אײַנגעפאלנ דער פּאָשעטער געדאנק, וואָס אלע דיפּלאָמאטנ ווייסנ שוינ פונ אימ פונ לאנג: סימולירנ א קרענק. ער וועט זיכ דערווײַל אויסרוענ א פּאָר טעג.

3

די דיסקוסיע האָט מענ געמאכט א טאָג פארנ יאָנטעוו אונ אפילע די רעבעצנ איז אוועק אפ איר — וואָרעמ אסאכ גרייטנ זיכ צומ יאָנטעוו איז בא דער רעבעצנ ניטאָ מיט וואָס.

נאָר דער ראָוו אליינ ליגט זיכ אינ בעט אונ פּרווט אופּשטעלנ דעמ בריוו אינ רעדאקציע, וועלכנ ער וועט אוועקשיקנ.

ער האָט אָבער פארגעסנ דעמ נוסעכ, מיט וועלכנ מע שרײַבט דידאָזיקע בריוו. ער האָט זיכ בעשומויפנ ניט געקאָנט דערמאָנענ דעמ נאָמענ פונ געווירצ, צו וועלכנ מע פארגלײַכט שטענדיק רעליגיע.

ער האָט אויסגעזוכט אנ אויסגעשניטענעמ בריוול, וואָס אײנער א ראָוו האָט אָפּגעדרוקט אינ „אָקטיאבער”, אונ איבערגעשריבנ וואָרט אינ וואָרט, אונ האָט צוגעשריבנ דעמ וואָרט „אָפּיומ”, ווײַל ער איז דאָרט געווענ אפּנ אָרט.

דערנאָך האָט ער זיך רויִק געלייגט שלאָפֿן.

אויפֿגעוועקט האָבן אים דער רעבעצנס געשרייען:

— ס'איז דאָך אַ כילעל־האַשעם! מען דאַרף דאָך קריִע רײַסן! מען דאַרף מיט אַש פּאַרשיטן די אויגן!

— וואָס איז, — האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן רעב פֿײַסעך פֿון שלאָף.

— דער שייכעט! דער שייכעט האָט גערעדט באַ זיי אָפֿן מיטינג! ער האָט געלעסטערט גאָט! קריִע דאַרף מען רײַסן!

דער ראָוו האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזן צוריק אין בעט.

— ער האָט מיר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, — האָט דער ראָוו אַ טראַכט געטאָן, — איצטער וועט מען זאָגן, אַז איך האָב נאָכגעטאָן אָט דעם שויכעט, אָט דעם ביוזיק...

ער האָט מיר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג!

צעפאלנ דער מאצע-פאָדריאד.

(הומאָרעסקע).

I

דוואָשע—כיים דעמ שערערס ווייב—איז געגאנגענ פארביי קאָאָפּעראטיוו און האָט דערזענ א ציבעלע. אז זי האָט דערזענ די ציבעלע, האָט זי זיכ דער־מאָנט אָנ רעטעכ. און אז זי האָט זיכ דערמאָנט אָנ רעטעכ—האָט זי זיכ דער־מאָנט אָנ אייַנגעמאכטס. און די אייַנגעמאכטס האָט איר דערמאָנט אָנ פייסעכ, האָט זיכ איר פארוואָלט מיטאמאָל א שטיקל מאצע—און איר, אז עס פארווילט זיכ, מוז זי עס אויספירנ, וואָרעמ, אז ניט, ווערט באַ איר א רויז אפנ פּאָנעמ.

איז זי געקומענ אהיימ און געטראָפנ יאכנענ—איר שכיינע פונ איבערנ וואנט.

פרעגט זי באַ איר:

— יאכנע, ווי איז באַ אייַכ הייאָר מיט מאצע?

ענטפערט יאכנע:

— איכ וועל אייַכ זאָגנ דעמ עמעס, באַ מיר פעלט זויערקייט אינ מאָגנ, האָט מיר אמאָל א פּראָפעסער אפילע געהייסנ עסנ מאצע. נאָר גיי הייב זיכ אָנ מיט די ראבאָנימ. קעדיי צו אָפּבאקנ מאצע, מוז מענ ווערנ א „טשלענ סאָיוזא״ פונ דער רעליגיעזער קעהילע, און דאָס בינ איכ זיי מויכל. איכ מיינ ניט די האגאָדע, נאָר איכ מיינ די קניידלעכ. איר ווייסט דאָכ, דוואָשע, אז איכ האָב מייַנע לייַכטער אָפּגעגעבנ אפ אינדוסטריאליזאציע, איכ האלט ניט פונ רעליגיע און גיי ניט אינ שול—איכ האָב העלטער צו גייַנ אינ קלוב און זיצנ אינ פּרעזידיומ.

דאָ האָט זיכ דוואָשע מיטאמאָל א כאפּ געטאָנ.

— הארצעלעכ, קריינדעלעכ, איכ האָב, יאכנעלע, א גוטנ פּלאנ. מענ קענ זיכ אופקלייַבנ באַ מיר. באַ מיר איז א גוטע אויוונ. זי גיט אזא היצ, אז באַ מיר זייַנענ אמאָל די הינער דערשטיקט געוואָרנ אינ קאָטוכ פונ היצ. ברענגט אייַער האלבנ פודיקל מעל און מיר וועלנ זיכ אליינ אָפּבאקנ א געבעקל מאצע...

און די ווײַבער האָבן באַשטימט: דעם 8־טן מאַרט גייען אַוועק אַלע שכיי־נעס (וואָס ווילן ניט באַקן מאַצע) אַפּ אָוונטן אין די קלובן. דאַן קאָן מען צונויפקלײַבן די אייגענע ווײַבער און אָפּבאַקן די מאַצע.

— יאַכנע, פאַרגעסט ניט קריגן קאַטשלקעס. און זאָגט די ווײַבער מע זאָל ברענגען צו דרײַ שטיקלעך האָלץ אַפּ אויסברענען די אויוון.

2

איז, הייסט עס, דוואָשע אַ וועלגערקע, יאַכנע — אַ קנעטערקע, ביילע — אַ רעד־לערקע און כאַיִמל דער פּיִאָנער וויל ניט גיסן קיין וואַסער. אַן אווײַרע — מע וועט דאַרפן שטעלן אַן עלטערע ייִדענע אַפּ גיסן וואַסער אין דער מײַרע.

אָבער וואָס טוט מען מיט אַ זעצער? אַפּדערופ דאַרפ מען האָבן אַ מאַנסבל איז אָבער ניטאָ קיין מאַנסבל. יאַכנעס מאַן וויל ניט גיין — ער איז שוין זאָגט ער — אַ קוסטאַר פון 5־טן יאָר אָן, ער האָט דאַן אָפּגעגעבן אַן אַלמער פאַר דער באַריקאַדע און איצטער וועט ער ניט גיין באַקן קיין פּרעסנעם ברויט. דוואָשעס מאַן וואָלט עפּשער געגאַנגען, אָבער ער האָט ניט לאַנג מאָל געווען אַ ייִנגל, האָט מען אים אויך אָנגעמאַכט ביזוינעס. ער האָט זיך דאַן אָנגעמאַטערט אַ גאַנצן טאָג, געזוכט אין בריוון־שטעלער ווי צו אָנשרײַבן אַ „בריוו אין רעדאַקציִע“, נאָר אומזיסט די טירכע, ער האָט ניט געפונען. און איצטער וויל ער אַ נײַעם איניען ניט אָנציִען.

וועגן די איבעריקע מענער איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן. צווישן יענע זײַנען פאַראַן „אָטוועטסטווענע“. ביילעס מאַן איז „קאָאָפּופּאָלנאָמאָטשענער“ אין קוסטאַרן־געזעלשאַפט און ער וועט געוויס ניט גיין.

וואָס טוט מען?

די אויוון איז אויסגעברענט. עס קנעט זיך די מײַרע, און קיין זעצער איז ניטאָ.

סאַראַ כוש־האַרייעך עס האָבן עס ווײַבער. דאַרפ דאָ די רעבעצן דער־שמעקן, אַז באַ דוואָשען באַקט זיך מאַצע. רוקט זי זיך אויך אַרײַן.

— אײַ, ווײַבעלעך, איר זײַט דאָך קאָשערע ייִדישע טעכטער... זאָל אײַך גאָט העלפן ווו איר וועט זיך קערן און ווענדן. וואָס, איר האָט קיין זעצער ניט? אָט די מינוט שיק איך אײַך אַרײַן מײַן אייזערן...

און זי לויפט גלײַך אַרויס.

די ווײַבער בלײַבן שטיין ווי די סטופּעס, און ווייסן ניט וואָס צו טאָן, עפּעס איז עס גאָר אַ מיִעסער איניען, אויב דאָ מישט זיך אַרײַן דער ראָוו. צוזאַמען מיט אַ „לישענעצ“ באַקן מאַצע... און דער ראָוו איז עפּעס ניט גאָר קיין שטילע טויב... מע האָט באַ אים ניט לאַנג געפונען אַפּ 100 ר. קליינגעלט.

זיי פּאַרדריסט שוין, די ווײַבער, נאָר דער גאַנצער איניען, ווען זיי ווייסן, אַז זיי פאַלן אַזוי מיִעס אַרײַן, טוען זיי עס אײַנגאַנצן ניט...

דוואָשע: (גייט צו און גיט א שמעק אירע מעל).
— אוי, ווײַבערלעך, בא מיר איז טוכלע מעל, וואָס וועל איך גיין באקן מאצע פון דעם.

יאכנע: (גיט א שמעק) עס שמעקט דאכט זיך ניט.

דוואָשע: וואָס רעדט איר, יאכנעלע, בא אײַך איז פארלייגט דער נאָז.
דוואָשע קלײַבט צונויף דאָס איריקע און טראָגט זיך אָפּ.

יאכנע: (גיט זיך א כאפּ פארן בויך).
— אוי, ווײַבעלעך, דער בויך האָט מיר אופגעריסן. דער דאָקטער האָט מיר שטענדיק געזאָגט, אז איך טאָר פיזיטשעסקע ניט ארבעטן. בא מיר פעלט אויס זויערקײַט אין לעבער (קלײַבט צונויף דאָס איריקע און טראָגט זיך אָפּ).

ביילע: אוי, ווײַבער, מיר האָט אָנגעקלונגען אין עווער, ווען עס קלינגט מיר אָן אין עווער, איז א סימען, אז מיטן מאן האָט עפּעס געטראָפן...
אוי, ווײַבער, עס רײַסט מיר דאָס הארץ, איך מוז לויפן אהיים. (אָפּ).

וויכנע: (צו קריינען) — קריינע לעבן, וואָס וועלן מיר זאלבעצווייט שטעל זיך באקן מאצע, אז מע זאָל זאָגן אף אונדז, אז מיר זײַנען פינצטערערע ווײַבער פון אלעמען. קומט, קריינע, אהיים, קאָלזמאן דער ראָוו איז ניטאָ. (אָפּ)
און אז דער ראָוו איז געקומען, האָט ער געטראָפן כײַמל דעם פּיאָנער, וועלכער האָט געבאקט בולבע אין דער אָנגעהייצטער אויוון.

מאניקיור.

(סקיצע)

איכ זעצ זיכ אוועק אונטערנ שערערס האנט אונ איכ נעמ אָנ די געוויינט-לעכע האכנאָעדיקע פאָזע פונ א געשאָרענעמ מענטשנ, וועלכער מוז זיכ דאָכ לאָזנ, אז דער שערער זאָל אימ קריכנ אפנ קאָפ...

ווי יעדער געשאָרענער מענטש קוק איכ אינ שפיגל ארײַנ אונ פונקט ווי איכ וואָלט ארײַנגעקוקט אינ א היסטאָריע-בוכ: אלצ, וואָס איז הינטער מיר — דערזע איכ פאר זיכ.

אונ הינטער מיר איז די צווייטע אָפטיילונג פונ שערערײַ: די דאמענ-אָפ-טיילונג.

אונ איכ זע אינ שפיגל פרויענ, וואָס ווערנ געשאָרנ, וואָס עקבערנ מיט איינעמ אונ דעמזעלבנ קוק די שפיגל, ווײַל זיצנדיק א לענגערע צײַט פארנ שפיגל האָבנ זיי אויסגעקליבנ די שענסטע פאָזע, אפ וועלכע זיי האָבנ זיכ באשטימט אָפשטעלנ.

איכ האָב ליב צו קוקנ אפ מענטשנ, ווענ זיי קוקנ אינ שפיגל. אינ שפיגל באקומענ זיי אינגאנצנ איינ פלאכ, אונ עס איז זיי גרינגער צו באנעמענ.

נאָר מיטאמאָל ציט צו מײַנ אופמערקזאמקײַט א פאָר הענט. א פאָר הענט אפ א קישעלע, אפ וועלכער מענ מאכט מאניקיור. די פינגער ליגנ אנטשלאָפענע אפ דער קישעלע אונ איבער זיי פליענ פלינק די פינגער פונ מאניקיור-מאכער. איכ זע מער ניט הענט. אונ די מענטשנ זע איכ ניט.

אונ צו מײַנ פארוווּנדערונג דערזע איכ אינ שפיגל, אז דאָס זײַנענ מענ-לעכע הענט, קאנאליזירטע מיט בלויע אָדערנ אונ אפ איינצקע פינגער זײַנענ נאָכ ניט אראָפ די סליעדנ פונ פארגעלטנ טאבעק. נאָכ די פינגער נאָכ איז קענטיק, אז דער מענטש האָט געוואָרפנ רויכערנ.

איכ זע, אז דאָס האָט צוגעצויגנ אויכ די אופמערקזאמקײַט פונ מײַנ שע-רער, וועלכער גיט צו מיר א זאָג:

— ווער קענ דאָס זײַנ דער מאנסביל, וואָס ברויכט מאניקיור?

— א קינסטלער?... א דאָקטער-אקושאָר?...

איכ דערהער, אז דער מאניקיור-מאכער פירט א געשפרעכ מיטנ קליענט. איכ שטרענג זיכ אָנ צו הערנ. קוים וואָס עס דערגייענ צו מיר די ווערטער.

— מען דאַרף האָבן רעפאָרמעס... מען קען ניט גיין מיטן אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג... א זאַך, אַז דאָס ווערט באַנײַט, רעפאָרמירט. ציט עס צו...

דאָ כאַפּט זיך ארויס דער מאַניקיור־מאַכער:

— אימענאָ! געזעכט! א נײַע אופטוועכץ ציט צו... אָט איז א צײַט אוועק א מאָדע אַף שווארצן מאַניקיור, שווארצן לאַק—האָבן עס אַלע געמאַכט, כאָטש עס איז גאָרניט אַזוי שיקאַרנע... נאַפּראָטיוו...

— אַזוי איז עס—זאָגט דער קליִענט—א זאַך דאַרף מען באַנײַען... מײַן קליִענטור, מײַנע אָפּעראַציִעס האָבן זיך אַפּ אַסאַך פֿאַרגרעסערט זינט עס איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן א רעפאָרם אין דער זאַך... די מוטערס גייען איצט אײַן מער גערן אַפּ דעם.

דאָ פֿאַלט מיר אײַן די פּראָפעסיִע פֿון קליִענט: ער מאַכט מיסטאָמע אַבאָרטן, דאָס אַגיטירט ער פֿאַר דער רעפאָרם פֿון אַבאָרטן. דאָס איז א נײטיקע רעפאָרם.

אָבער איך הער ווײַטער:

— נאָר אַפּילע איצט טרעפֿן זיך שוועריקײַטן... אַן אַנדערש מאָל איז דער פֿאָטער קעגן דעם... דאַן דאַרף מען זיך היטן... מען קען אַרײַנפֿאַלן...

איך גיב זיך אַביסל א כאַפּ פֿון אָרט—און איך ווער אַביסל פֿאַרשניט מיטן גאָל־מעסער.

— אויב אַזוי—גיב א קלער איז ער א געהיימער אַבאָרטן־מאַכער, א שיינער נעפעש...

און איך אײַל זיך שוין און איך זאָג, אַז איך וויל ניט קיין קאָמפּרעס, איך דאַרף ניט קיין שאַמפּון, און מײַן שערער גיט א קוק אַפּ מיר—אַפּן „טרוּקענעם קליִענט"—ווי אַפּ א האַלבן גראָשן.

איך קוק זיך גלײַך צו צו דער דאַמען־אָפּטיילונג און איך דערזע שוין די גאַנצע פיגור: א הייכע פיגור מיט א באָרד. עמעס, אַביסל אַן אונטערגעשאָרענע, נאָר א לאַנגע.

— צוליב וואָס דאַרף ער די באָרד?

ער זיצט זיך, דער מאַן, און האַלט געדולדיק די הענט אין דער גלעזערנער קיילע מיט די זייף־וואַסער, ער זיצט זיך בעהאַרכאָוועדיק ברייט מיט א צופרידענער מינע, ווי א הײַפּיש בייס די יאַם־פייגלעך פּיקען בא אים פֿון מויל.

און איך גיב מיטאַמאָל א קוק אַפּן מאַניקיור־מאַכער. זע איך, אַז ער איז עפּעס צעהאָצט, צעשרויפט, ווי ער וואָלט זיך וועלן אַפּ עפּעס אַנטשיידן, נאָר ער קען ניט.

מיטאַמאָל גיט ער א זאָג צום קליִענט:

— די ווײַב בא מיר וויל עס איצטער אויך דורכפֿירן... נאָר איך בין קעגן איך האַלט ניט פֿון דעם...

— ווי איר ווילט זיך—זאָגט אָפּ דער קליִענט.

די מאַניקיור איז שוין געענדיקט. נאָר דער קליִענט רירט זיך ניט פֿונ אָרט און שמייכלט מיט וויפֿל קויעך ער האָט. קענטיק, אַז אויפֿן מאַניקיור־מאַכער דריקט דער שמייכל. ער ריִעט זיך איבערן טישל און ווייס זיך ניט פֿאַר־וואָס צו כאַפּן. נאָר מיטאמאָל גיט ער אַ מאַך מיטן האַנט. ער האָט קענטיק שוין באַשטימט בא זיך:

— איך זע, אַז איר זײַט גאָר אַן אָסאָבענער. אַ קולטורעלער מענטש פֿונ קאָפּ ביז די שפּיץ נעגל... מיסטאָמע איז עס בא אײַך היגיִעניש. וויבאַלד אַזוי קומט צו מיר מאָרגן...

דער קליִענט צעשמייכלט זיך מיט לאַקירטע אויגן.

ער גייט שוין צום טיר.

— אָבער קיין מעציצע ברויכט איר ניט?—פֿרעגט איבער דער מאַניקיור־מאַכער.

— כאַסוועשאָלעם!

— טאָ קומט זשע מאָרגן צו מיר אויף אַ ברית. איך בין אַ קולטורעלער מענטש און וויבאַלד עס ווערט געמאַכט ציוויליזאַוואַנע, בין איך אײַנשטימיק.

און ערשט דאָ האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ רעפֿאָרמירטער „סאָוועטסקער“ מויעל, וועלכער מאַכט מאַניקיור, ווײַל ער דאַרף פֿאַרלאָזן אַ באָגל אויף מאַכן פֿריִע.

די זיגער אין געפענקעניש.

(סקיצע).

1

צווי קעפ מיט זעקס פיס. מע ווייס וואָס דאָס איז. א פערד מיט א רייטער. אָבער אין דער פינצטערער נאכט איז ניט אָפּצוטיילן דעם רייטער פון פערד. די הימל מיט דער ערד איז איצטער איין גרויסער דוש, וואָס גיסט און גיסט מיט קאלטע וואסער. און עס דוכט זיך, אז די רייטער מיט די פערד וועלן איבגיכן גאָר צעגיין אונטערן רעגן.

נאָר דאָס דוכט זיך נאָר. וואָרעם מענטשן און פערד טראָגן אלץ אריבער.

פעטרושענקאָ און וואָראָבייטשיק פאָרן אין אויסשפיר. זיי געהערן צום וזוואָד פון די פערד־אויסשפירער פון נ־ער „בלויענ" פאָלק.

וואָראָבייטשיק וויל כאָטש אָנווארעמען דעם מויל. מונטערט ער די גאנצע צייט פעטרושענקאָן:

— פעטרושענקאָ, זאָג עפּעס!

יענער ענטפערט פארשלאָפן:

— וואָראָבייטשיק, וואָס זאָל איך זאָגן?..

— טאָ שווייג בעסער—ענטפערט אינקאעס וואָראָבייטשיק.

פאָרן זיי ווייטער. פאָרן זיי פארביי א ליכטיקע כאטע. זאָגט ווייטער וואָראָבייטשיק:

— קום ארייַן זיך אָנווארעמען אביסל, וואָרעם אז ניט, וועט אין אונדז פארפראָרן ווערן די בולבע, וואָס מיר האָבן נעכטן געגעסן.

פעטרושענקאָ איז א פראקטישער יאט. ער טראכט, אז מען דארף נאָך פריער איינאָרדענען, אז דער באלעבאָס זאָל זיך גלייך ארויסרוקן מיט מילך און זויערמילך. דעריבער האלט ער אָפּ וואָראָבייטשיקן אין פאָדער־הויז און צעשרייט זיך מייסע קאָמאנדיר:

— איר וועט אזוי גוט זיין איבערגעבן, אז דער ערשטער באטאליאָן זאָל פארנעמען די פּאָזיציעס אפּ צאָפּן־דאָרעם־מיזורעך־מיירעוו. פירן די אטאקע ביז סענטיאבער־נאָיאבער־אָקטיאבער־דעקאבער, מארש!

און ערשט דאנ רוקנ זיי זיכ ארײַנ אינ כאטע. דער באלעבאָס דערפילט גלײַכ, אז דאָס זײַנענ קאָמאנדירנ, כאָטש זיי טראָגנ ניט קיינ פלאָמבעטשקעס אפ די פעטליצעס און ער ברענגט גלײַכ מילכ און זויערמילכ.

זיי אטכײַענ זיכ אביסל. אינעווייניק נעמט אָנגרײַפנ א ווארעמקײַט, וועלכער קווארטירט זיכ פאנאנדער איבער אלע גלידער. און פעטרושענקאָ ווערט גענויט צו פילאָזאָפירנ אביסל:

— אויסשפּיר איז א וויכטיקע זאכ, וואָרעמ אָנ אויסשפּיר איז עס הייסט עס, יאָ. אזוי איז עס...

— אָנ אויסשפּיר, — פארטיפערט דעמ געדאנק וואָראָבייטשיק, — איז עס כ'ווייס וואָס, אָטאָ, גלאט אזוי...

דער רעגנ שטערט עס צו דערציִענ דעמ געדאנק ביזנ סאָפ, ווײַל אינ קאָפּ איז נאָכ ווילנאָטש און די געדאנקענ האָבנ זיכ ארויסגעקליבנ פונדאָרטנ.

שווער צו טראכטנ.

און וואָס איז שײַעכ די פערד, זײַנענ זיי אפילע אינ א פרידנ־צושטאנד אויכ ניט געווינט צו טראכטנ. כאָטש אינ אפּאָלאָגיע איז וועגנ דעמ גאָרניט ניט געזאָגט געוואָרנ, נאָר אלטע קעמפער ווייסנ פונ דעמ לאנג.

פערד טראכטנ ניט.

ווהאָרײַע־ווי נאָר פעטרושענקאָ און וואָראָבייטשיק זײַנענ ארײַנ אינ כאטע (און זיי האָבנ שלעכט צוגעבונדנ די פערד), האָבנ זיי זיכ געלאָזנ, די פערד, גלײַכ אינ דער ריכטונג צומ „סוינע“ — צו די „רויטע“.

— אכ, פערד, פערד, ווו איז בא אײַכ טאקטיקע?... האָט זיכ א כאפּ געטאָנ פעטרושענקאָ, ארויסגייענדיק פונ כאטע.

— פערד, פערד, ווו איז בא אײַכ טאקט? — האָט נאָכ טראגישער געמאָנט וואָראָבייטשיק — גענומענ און אוועק, א כאָכ־מע!

— פערד טאָר מענ אליינ ניט לאָזנ, — טראכט וואָראָבייטשיק, — וואָרעמ זיי זײַנענ ניט „סאמאָסטיאטעלנע“. א פערד, מע זאָל אימ לאָזנ אליינ, קאָנ ער נאָכ פארפאָרנ אינ כאנדריקעווע. א פערד טאָר מענ אליינ ניט לאָזנ.

— קומ — זאָגט וואָראָבייטשיק.

— וווהינ זאָל מענ גיינ — זאָגט דערשלאָגנ פעטרושענקאָ.

— טאָ שטיי בעסער — ענטפערט אינקאעס וואָראָבייטשיק, און נעמט זיכ לאָזנ לויפנ אינ דער ריכטונג צו די „רויטע“.

פעטרושענקאָ לאָזט זיכ נאָכ אימ.

און אזוי זײַנענ זיי ארײַנגעפאלנ אינ געפענגעניש צו די „רויטע“.

2

דער פּאָליטרוק האָט טאקע פארזאָגט, אז מע זאָל זיכ איידל באגיינ מיט די געפאנגענע, אָבער עס ווילט זיכ פאָרט פונ עמיצנ א לאכ טאָנ. עס איז פרייליכער דעמלט.

אינ קאָמענדאַנסקנ ווזוואָד איז פריילעכ.

— לייבעלעכ!—ווי אזוי זײַט איר ארײַנגעפאַלנ? מע זאָגט, אז די פערד זײַנענ „סאָזנאַטעלנע“. זיי זײַנענ געפלויגנ צו אונדז און איר האָט זיכ אָנגע־כאַפּט פאַר די עקנ און אזוי האָט איר זיכ פאַרשלעפּט אהער.

— עכ, סיניאַקעס, פעשע קאוואַלעריע! מאַרוסקע איז מיסטאָמע אנטלאָפנ צו די רויטע און איר נאָכ מאַרוסקענ. אינ א קריג־צושטאַנד טאָר מענ ניט לויפנ נאָכ באַבעס, ווי מע דערזעט א באַבע דאַרפ מענ אָנטאָנ דעמ „פראָ־טיוואָגאַז“, אויסשפּײַענ דרײַ מאָל און מאַכנ זיכ ניט זעענדיק.

די געפאַנגענע זיצנ אינ א ווינקל און קראַפירנ. זיי זיצנ ווי אפ הייסע קוילנ. זיי דוכט זיכ, אז אלע קוקנ אפ זיי, ווי אפ פאַרעטער, אָדער דעזער־טירנ. פאַר די אויגנ מאַנעווּרירנ רויטע פינטעלעכ. אינ קאָפּ איז שווער פונקט ווי שווערע אַרטילעריע וואָלט זיכ אהינ פאַרקליבנ. כאָטש נעמ און לייג ארופ די פיס אפ די פּלייצעס און אנטלויפ צו אלדי שוואַרצע, פינצטערע יאָר.

נאָר גוט, וואָס דער פאָליטרוק איז ארײַנ און האָט אָנגעהויבנ א שמועס מיטנ ווזוואָד. האָט מענ זיכ אָפּגעטשעפּעט דערוויַלע פונ זיי.

זיצנ זיי זיכ שטיל אינ א ווינקל, לעכערנ מיט די אראָפּגעלאָזענע אויגנ דעמ בריק, און פונ זיי גיסט וואַסער ווי פונ ניטאויסגעדרייטע גרעט.

עס פאַלט אפ זיי אָנ א דרעמל. די קעפּ נעמענ זיכ פּאַוואָליע אראָפּלאָזנ צו די קני, וואָגיק און פאַמעלעכ, די שווערע צעבערס לאָזנ זיכ אראָפּ אינ א ברונעמ. די קעפּ לאָזנ זיכ אראָפּ ביז דער נאָז שטויסט זיכ אָנ אָנ דער קני, נעמט זיכ דער קאָפּ צוריק אופהייבנ און עס דוכט זיכ, אז דער קאָפּ ווערט געצויגנ דורכ אנ אומגעזעענער האַנט פאַר א שטריקל.

דער קאָפּ לאָזט זיכ אראָפּ.
די קאַטאַסטראָפע מיטנ נאָז און קני.
דער קאָפּ הייבט זיכ אופ.
און ווידער אמאָל אראָפּ מיטנ נאָז אינ קני.

מ'איז געשלאָפנ און ניט געשלאָפנ. עפשער וואָלטנ זיי פונ אזויפיל „קאָפּ־דרייעניש“ סאָפּקאָלסאָפּ יאָ אנטשלאָפנ געוואָרנ, נאָר דעמ פאָליטרוקס הייכע שטימע עקבערט דעמ מויעכ.

דער פאָליטרוק רעדט זייער הויכ:

— כאַוויירימ רויטאַרמייער! לעקאָוועד די מאַנעוורעס האָבנ די רויטאַר־מייער פונ אונדזער פאָלק פאַרשטאַרקט דעמ צופלוס אינ די קאָלווירטנ, אונ־דזער קאָמענדאַנטסקער ווזוואָד שטייט אָפּ. אונדזער רויטע ארמיי וועט זײַנ קאַמפּייק אפ אלע הונדערס, אויב זי וועט זײַנ א קאָלווירטישע. אינ אונדזער ווזוואָד זײַנענ דאָ ניט מער ווי 2 קאָלווירטניקעס.

— מער ניט? גיט זיכ א כאַפּ פעטרושענקאָ פונ ווינקל—איבערײַסנדיק אינמיטנ זײַנע נאָזמאַנעוורעס.

— און איר זײַט קאָלווירטניקעס, כאַווײרים געפאנגענע—גיט א פרעג דער פאָליטרוק?

— א קאָלווירטניק—ענטפערט פעטרושענקאָ.

— אן ארבעטער—ענטפערט וואָראָבייטשיק.

וואָראָבייטשיק מיט פעטרושענקאן דערפילן זיך מיטאמאָל בעסער, פונקט ווי זיי וואָלטן מיטאמאָל אָפגעטריקנט געוואָרן, און פונקט ווי זיי וואָלטן זיך אויסגעשלאָפן אפ א קול היי. באטינקע, ליבינקער!—מע איז דאָך צווישן אייגענע און די אייגענע זײַנען ניט אלע קאָלווירטניקעס. און פעטרושענקאָ איז א קאָלווירטניק.

וואָראָבייטשיק שטויסט פעטרושענקען אין זײַט:

— פעטרושענקאָ, זאָג עפעס...

— וואָראָבייטשיק, וואָס זאָל איך זאָגן?

— זאָג עפעס, נעפעש דו איינער.

פעטרושענקאָ האָט טאקע דערפילט, אז ער דארף עפעס זאָגן. ער האָט א שמאָרע געטאָן מיטן נאָז די לופט און ארײַנגעצויגן א צווייענדיקע פאָרציע לופט אפ זאפאס. ער האָט זיך א ריב געטאָן אין פאטיליצע—וואָס איז א גוטער מיטל אפ דערמאָנען זיך לאנג פארגעסענע זאכן—און דאָס האָט אים, קענטיק, דערמאָנט, אז ער איז אן אויסגעליטענער פארטיזאן, אן אלטער קאָלווירטניק, ער האָט דערפילט, אז אויב ער וועט איצטער נעמען ריידן, וועלן זיך בא אים די געדאנקען זייער גוט „וויגרוזשײַען". און ער האָט גענומען ריידן:

— כאַווײרים רויטארמייער. איך האָב וואָס צו זאָגן. הערט זיך אײַן מיט קאָפ און לייגט צו סייכל. אגיטירן אײַך דארף איך ניט, ווײַל איר זײַט קימאט אינגאנצן באוווסטזיניק, און איר ווייסט דאָך אלײן, אז עס גייט א צײַט אזא, אינגאנצן א קאלהאסנע. נאָר איך האָב געהערט א מיינונג בא אײַך, וואָס איז, נעמט ניט פאר אומגוט, ניט אויסגעהאלטן. פאראן אזעלכע איינע, וואָס זאָגן איך בין א מאָרגענדיקער קאָלהאסניק, אונדזער איוואן וועט אוועק אין קאָלהאס און אונדזער פיאָטער וועט ארײַן אין קאָלהאס, וועל איך אויך גיין. פאראן אזעלכע, וואָס ווילן זיך שלעפן אין אָבאָז און ווילן איבערלאָזן פאר איוואנען, אז ער זאָל דער ערשטער פארזוכן, צי די קאשע איז געשמאק. איר זײַט דאָך רויטארמייער און פונקט ווי אפן פראָנט גייט איר די ערשטע, אזוי דארפט איר אויך דאָ זײַן די ערשטע. איך רוף אײַך ארויס אין סאָצגעוועט פאר א דורכויסיק-קאָלעקטיוויזירטן ווזוואָד. ווער איז פאר די מאָסמיטלען פון דער סאָוועטנמאכט אפ געזונט מאכן דעם פויערישן לעבן, בעט איך זייער אופהייבן די האנט.

און עס הייבן זיך אופ הענט.

און די געפאנגענע דערפילן זיך ווי זיגער.

אינהאלט.

זייט

א הארצ אפ וועסלעס 3

די לײמענע קאלע 12

בא מיר אינ שפיגל 31

אינ גרינעמ כוידעש מײַ 45

הײַנטיקער ווינטער 62

קאָלווירטישע פעלדער (מיניאַטורנ).

קלאָר ווי דער טאָג 72

אייניקלעכ 74

א רעוואָליוציע קעגנ דער ווײַב 75

גאנאָווימ 77

אונדזערע זינ פאר אײַערע טעכטער 80

בישקושע, פור, פור 83

ס׳איז א גאנצ פּאָשעטע זאכ 86

רעב איסער זאָגט עפּעס 88

דער קאָלעקטיוו האָט זיכ אפ א שאָ אָפּגעשטעלט 90

קלײנע דערציילונגענ.

פרישע היי 93

פונ פרילינג ביז הארבסט 97

פארלאָפנ דעם וועג 102

צעפאלנ דער מאבע־פאָדריאד 105

מאניקיור 108

די זיגער אינ געפענקעניש 111